STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01716

ZEKHTSIK YOR PIT KAHN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעכציק יאר - פים קאהן

אַ זאַמלונג פון אָפּשאַצונגן און באַגריסונגען אַרויסגעגעבן אַלס מתנה לכבוד זיין זעכציגסטן געבוירנטאָג פון אַ גרופּע פריינט און פאַרערער.

רעדאַקטירט פון

יוסף מרדכי לעווינסאָן

ליטעראַרישער קאָמיטעט:

ישראל אָסמאַן — ב. גרינפעלד

א. באַביטש — ה. רויזענבלאַט

יאנואר, 1939

לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

פיטער מ. קאהן

אינהאלט:

פאָרוואָרט — — — — — 5
ביאָגראַפישע נאָטיצען — 7
דר. חיים זשיטלאָווסקי — 13
דוד פינסקי — — — — — 18
ה. רויזענבלאַט — — — — 19
יואל ענטין — — — — — 22
אבא גאָרדין — — — — — 24
ראָזא נעוואָדאָווסקא — 25
מ. י. חאַימאָוויטש — — 26
נחום יוד — — — — — 27
י. י. שווארץ — — — — 28
ש. מיללער — — — — — 29
לייזער ראָזענשטיין — — 30
ישראל אָסמאַן — — — — 31
ש. ניגער — — — — — — 33
אליהו טענענהאָלץ — — 33
חיה קארטאָזשינסקי — — 33
נח מישקאָווסקי — — — — 34
נ. פיינערמאַן — — — 36
אָסקאַר קארטאָזשינסקי — 37
שאול ראבינאָ — — — — 39
י. ש. נאומאָוו — — — — 40
משה גלאַזער — — — 41
פיליפ ריסקין — — — — — 42
מאקס ראָטענשטיין — — 44
ל. סיגאל — — — — — — 46
זלמן רייזען — — — — — 47
א. לוצקי — — — — — — 47
דוד גיסנעט — — — — — 48
מאַרק קאַרטער — — — — 50
מאָרים מאָסקאָוויטש — 52
א. באַביטש — — — — — 53
מאָרים טרובין — — — — 55
בראָנזווילער סטאָליאַר — 56
יודעל לעוויט — — — — 59
י. פרידלאַנד — — — — — — 61
ה. גאָלד — — — — — — — 63
ה. עהרענרייך — — — — — — 64
דר. עליאס ס. עפשטיין — 66
צדוק עניסמאַן — — — — 67
ב. באָטשעלים — — — — 68
הערי שער — — — — — 69
א. העמלין — — — — — 70
לעאָן בלאַנק — — — — — 71
י. בראָנשטיין — — — — 72
ל. מעלצער — — — — — 73
י. ראָבערטס — — — — — 74
פ. דובינסקי — — — — — 75
ל. שטיינבערג — — — — 77
סידאָר בעלארסקי — — — 79
יצחק ווערנע — — — — — 80
נאַציאָנאַלער ארב. פארב. 80
מר. און מרס. ב. קאָהען — 81
משה שווארצמאַן — — — 82
אהרן טאָננים — — — — — 83
דוד ווערטהיים — — — — 84
וויליאם אייזענבערג — — 84
נתן זאלצמאַן — — — — 85
נ. כאַנין — — — — — — 85
הרב יעקב פעלדמאַן — — 86
מרס. מארק קארטער — 87
א. האָרוויטש — — — — 87
דוד פאַמיליאַן — — — — 88
ראביי בערנארד קאָהען — 89
אָשר זילבערשטיין — — 90
באגריסונגען — — — 91-98

פאָרוואָרט

דאָס פּיטער מ. קאהן יובילֵיי בוך איז א באשיידענער פּאַרזוך צו געבען כאָטש א קליינע אָפּשאַצונג פון דער אינטערעסאנטער און פיל קאָמפּליצירטער פּערזענלאכקייט וואָס איז געבוירען געוואָרען אלס נפתלי פּרץ בן מנחם מן הכהן און שפּעטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פּיטער מ. קאהן, פאַרקירצט אויף דעם ליבלינג צונעמעניש „פּיט״.

דאָס בוך איז ארויסגעגעבען געוואָרען אלס מתנה לכבוד זיין זעכציגסטען געבוירנטאָג פון דעם פּיטער מ. קאהן יובילֵיי קאָמיטעט צוזאַמען מיט די הונדערטע מענער און פרויען, — פריינד און פאַרערער פון דעם חשוב׳ען יובילאַר, וואָס מ׳וועט אים צוטראָגן צזאַמען מיט א היבשען קולטור פאָנד צום יובילֵיי באַנקעט, אין סאַנאַטאַריום, א אינסטיטוציע וועלכע קאהן האָט געהאָלפען בויען און אויפהאַלטן. דאָס מאַטעריאַל פאַרן ספר היובל איז אָנגעקומען פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד און איין מאַנוסקריפּט, וויקטאָר טשערנאָוו׳ס אַרטיקעל, „פּנים אל פּנים מיט׳ן לעבען״, איז געדרוקט אין אָריגינאַל אויף רוסיש, כדי ניט פאַרמינערען דעם תמצית און גייסט אין וועלכען עס איז געשריבען. דאָסזעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען לעאָניד סנעגאָוו׳ס אַרטיקעלע „שטריכי״.

דער מאַטעריאַל אין בוך איז אָן צווייפל א גייסטרייכער און עפענט אויף פאַר אונז א סך פאַרטקעלעך אין דעם יובילאַר׳ס לעבען וואָס איז ביז איצט פאַרבליבען א פאַרשלאָסענער בוך. עס האָט אויך ענטפּלעקט דעם אנגענעמען פאַקט, אז דער יובילאַר האָט זיך באַליבט געמאַכט אין אַלע שיכטען פון דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט. פון כמעט יעדען אַרטיקעל און באַגריסונג, גרויס און קליין, ווייעט א הארציקע וואַרעמקייט און דער לייט-מאָטיוו פון גאַנצען בוך איז אן אָפּשפּיגלונג פון דער ערנסטקייט, אויפריכטיקייט און מענשלאכקייט מיט וועלכע דער יובילאַר באַציט זיך צו מענשען און פּראָבלעמען, און וויפל ליבע און אכטונג זיינע פילע פריינט האָבן צו אים.

פּיט׳ס לעבען קען צוטיילט ווערען אין צוויי תקופות, — די פון דער אַלטער היים אין רוסלאַנד וואו ער האָט זיך נאָך גאָר יונגערהייט מיט אזאַרט און מסירות נפש אריינגעוואָרפען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; און די פון אמעריקע, וואו ער האָט זיך קעמפעריש אויסגעלעבט אין ראַדיקאַלע און ניט ווייניק וויכטיקערע אנדערע פאַרצווייגטע טעטיקייטן וואָס האָבען א שייכות מיט פאַרבעסערען און פאַרשענערען דעם לעבען אין אַלגעמיין.

פארשטייט זיך, אז ניט גרינג איז אָנגעקומען צונויפזאמלען אזא ריזיקען מאטעריאל. ס'האָט זיך געפאָדערט א גוואלדיקע קאָרעספּאָנדענציע, א סך געדולד און דער עיקר, — א סך אַרבעט. וויל איך אויסדריקען מיין הארציקען דאנק אלעמען וואָס האָבען מיר געהאָלפען פארווירקלאכען דאָס וואָס האָט צייטענווייז אויסגעקוקט ווי א חלום.

וויל איך דאָ באדאנקען די קאָלעגען ישראל אָסמאן, א. באַבטיש, ב. גרינפילד (דער בראָנזווילער סטאליאר), ה. רויזענבלאט, יודעל לעוויט און זיין סעקרעטאר, מיוריעל פלעקמאן, פאר זייער פריינדלאכע קאָאָפּעראציע און קאָלעגיאלע באנעמונג אין אלע הינזיכטען.

א באזונדערן דאנק וויל איך אויסדריקן צו דעם פּיט קאהן יובילייקאָמיטעט פאר די וואונדערבארע ארבעט צו דערמעגלאכן דאָס ארויסגעבן פון דער ווערטפולער מתנה, דעם יובילייבוך.

איך וויל בלויז צוגעבען, אז רעדאגירענדיק דעם בוך האָב איך אלע־מאָל אין זינען געהאט די חשיבות פון יובילאר. איך ווייס אז ער איז אחוץ קולטור־מענש אויך אן עסטעט, א מענש וואס האָט ליב צו זען שיינקייט אין אלעם. דעריבער האָב איך געטאָן אלעם מעגלאכעס צו שאפען א פאר־פאָלקאָמטע ווערק. צום באדויערען האָבן פילע פון די איינגעלאדענע פריינד זיך צו באטייליקן אין יובילייבוך אריינגעשיקט דעם מאטעריאל צו שפּעט. האָף איך, אז זיי וועלען מיר ענטשולדיקן.

יוסף מ. לעווינסאָן, רעדאקטאָר

לאָס אנדזשעלעס

יאנואר, 1939.

אַ פּאָר ביאָגראַפישע נאָטיצן

אזא בוך ווי דער וואָס ליגט פאר אייך וואָלט ניט געווען אין גאנצן פארענדיגט ווען עס וואָלט ניט געהאט כאָטש א קורצן ביגראפישן ארטיקעל פון דעם יובילאר. איז אָבער פּיט קאהן, דוכט זיך אזוי א איד וואָס מען דארף אים, — ווי שלום עליכם זאָגט, — ניט פּיקן די צונג. ווען אָבער עס קומט צו ריידן וועגן זיך אליין האלט ער פון דעם פּסוק: „יהללוך זר ולא פיך", זאָלן דיר אנדערע לויבן און ניט דו אליין. און איר קענט פון אים ניט ארויסקריגן ניט איין זילבע. ער פּטר'ט אייך אָפּ מיט א גלייך ווערטעל, א קוועטש מיט דער פּלייצע און שוין.

מיר זיינען אָבער געווען ערנסט פאראינטערעסירט אויסצוגעפינען אלע איינצעלהייטען פון קאהנ'ס יוגענט, זיין דערציאונג און זיין משפּחה, וועלכע, ווי באַקאַנט, איז געווען א גאנץ מיוחס'דיקע. ריידענדיק וועגן דעם ענין ברייננגט נפתלי פּרץ בן מנחם מן הכהן, — ניט „פּיט" א ראיה מיט א פּסוק פון דער גמרא, אז „לפיכך נברא אדם יחיד... מפּני שלום הבריות שלא יאמר אדם לחברו, אבא גדול מאביך", וואָס אין אידיש מיינט עס אונגעפער, אז דערפאר האָט דער רבונו של עולם באשאפן בלויז איין אדם'ען, פון וועמען אלע מענשן שטאמען, כדי די קומענדע דורות זאָלן זיך ניט קענען בארימען אז מיין טאטע איז געווען א גרעסערער מיוחס פון דיין טאטען, ווייל אלע שטאמען בלויז פון איין טאטען, — אדמ'ען.

איז ער, דאכט זיך, גערעכט. נאָר פונדעסטוועגן ווען איר ווילט זיך נענטער באקענען מיט א מענשען, ווען איר ווילט אורטיילן זיין כאראקטער און זיין אינערלאכן „איך", שפּילט זייער א גרויסע ראָלע די היים, די אלגעמיינע סביבה און די דערציאונג וואָס איינער האָט געקראָגן.

נאָר אזוי ווי פּיט האָט זיך פּשוט בשום אופן ניט געלאָזט „אינטערוויואירן" האָבן מיר דעם מאטעריאל פאר דער באשריינקטער ביאָגראַפיע צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון פארשידענע געשפּרעכן, טאקע מיט'ן חתן היובל גופא, מיט זיינע נאָענטע פריינט, און דער עיקר, — פון דעם וואונדערבארן מאטעריאל, וואָס מיר האָבן אריינגעקראָגן פון זיינע פארשידענע אלטע חברים פאר דעם יובילייבוך. אין יעדן נייעם ארטיקל וואָס איז אָנגעקומען האָבן מיר ענטדעקט אלס מער נייעם שטאָף, און איצט צום ענין.

פּיט, דער בעל־יובל, איז געבוירן געוואָרן דעם 30טן סעפּטעמבער, אין קיעוו, רוסלאנד, אין יאָר 1878. מ'האָט אים א נאָמען געגעבן נפתלי פּרץ בן מנחם מן הכהן. זיין פּאָטער, הרב מנחם מן הכהן, וועלכער

האָט געשטאַמט פון דורות רבנים ולמדנים, איז געווען אי סוחר אי א רב. זיין מוטער, פרומע חיה, איז געווען א טאָכטער פון א נגיד־אישער משפחה, וואלד סוחרים. זיין רייכער זיידע פון דער מוטער'ס צד, האָט זיין טאַטען, דעם רב, הייסט עס, אריינגעצויגן פאַר אן איידעם צוליב זיין טאַטענ'ס יחוס און למדנות. זיין טאַטע האָט פיל מאָל פּרובירט זיין מזל אלס וואלד סוחר. אָבער ער איז געווען צופיל למדן און ווייניק קאָמער־סאַנט, האָט ער זיך טאַקע צוריקגעקערט צו רבנות.

דער קליינער נפתלי פרץ האָט זיך אלזא דערצויגן אין א סוחרישער פרומער, רבנישער הויז, באַקומען א רעליגיעזע אידישע דערציאונג און שפּעטער אויך, — אן אַלגעמיין וועלטלאכע בילדונג. אין זיין פּריסטער יוגנט האָט ער זיך שוין אנגעהויבן באפרייען פון דער פרומער אטמאָס־פערע אין שטוב און אנגעהויבן גיין על תרבות רעה, דאָס הייסט, דורכ־ברעכן זיין אייגענעם וועג אין לעבן.

שוין אלס אינגל, א זעקס מאָנאַט נאָך בר מצוה, שליסט ער זיך אָן אין א יוגענט קלוב, א „קרוזשאָק סאַמאָ אבראַזאָוואַניע" (א קלוב פאַר זעלבסט בילדונג) וואו ער זאַפּט אין זיך אריין די ערשטע קערענדלאָך פון פריי־הייט געדאַנקען און סאָציאַליסטישע אידעען. קיעוו איז דעמאלט געווען א רוסישע, לעבהאַפטע שטאָט מיט א ברויזענדער, שטודירענדער יו־גענט. א געוויסן קווארטאל פון שטאָט האָט מען דאַן אנגערופן „די קליינע שווייצאַריע". דאָרט פלעגט מען קענען טרעפן אלטע קעמפער און נאראָ־דאָוואָלצעס.

אין דעם קרוזשאָק האָט מען זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן די ווערק פון לאַווראָוו'ען און אנדערע דאַן בארימטע שרייבער און רעוואָלוציאָנערע קעמ־פער. פון יענעם קלוב זיינען ארויסגעוואקסן א היבשע צאָל באַדייטענדע פערזענלאכקייטן וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער רוסישער פרייהייט'ס באַוועגונג. אגב, אין די שפּעטערע יאָרן האָט קיעוו געשפּילט א גאָר באַדייטענדע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָרט האָבן זיך געפונען אזוינע חשוב'ע פירער ווי סערגעי דעזשור, פּראָ־טאָפּאָפּאָוו, דיאַקאָוו, קונאשקאָ און א סך אנדערע.

שפּעטער, צו זעכצן יאָר, ווערט קאַהן ארעסטירט צום ערשטן מאָל, זיצט עטליכע טעג אין קאַרצער און פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דעם טעם פון א רוסישער טורמע.

אין 1896 איז ארעסטירט געוואָרן די דאָרפ'ס לערערין, וועטראָווא, פאַר פּראָפּאַגאַנדירן דעם פרייהייט'ס געדאַנק צווישן די דאָרפ'ס פּויערים. זי ווערט פאַרשיקט אין פּעטראָפּאַוולאָווסקען קרעפּאָסט וואו זי האָט זיך אליין פאַרברענט. די שטודירענדע יוגענט פון קיעוו האָט דורכגעפירט א רי־זיקע פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע געגן דער אכזריות פון דער צאַרישער רע־גירונג, וואָס האָט געפירט צו דעם שרעקלאכן זעלבסטמאָרד פון דער העלדישער קעמפערין. אין דער דעמאָנסטראַציע איז קאַהן ווידער ארעס־טירט געוואָרן. מ'האָט אים פאַר'משפּט אויף א לייגערן טערמין אין

טורמע. צו דער צייט האָט שוין קאהן אנגענומען די סאָציאַליסטישע לערע.

א קורצע צייט נאָכדעם פאַרלאָזט ער זיין היים־שטאָט, קיעוו, וואנ־דערט ארום איבער אנדערע רוסישע שטעט, שטודירט און גריבעלט זיך אין סאָציאַלע פּראָבלעמען און ווערט מיט דער צייט אלץ ענגער פאַר־קניפּט מיט די סאָציאַליסטישע אנשויאונגען. צוליב זיין הויכן וואוקס נעמט מען אים אָן פאַר פיל עלטער ווי ער איז אין דער אמת'ען און מען טרויט אים אָן דורכצופירן פילע וויכטיקע מיסיעס פאַר דער פאַרטיי.

ארום דער צייט פאַלט ער אריין אין בערן, שווייצאַריע, דאָרט באַ־געגענט ער זיך מיט אזוינע וויכטיקע פּערזענלאַכקייטן ווי טשערנאָוו, גאָץ, זשילאָווסקי, באבושקא ברעשקאָווסקאַיא, סוועטלאָוו, אנסקי און אנדערע.

אין בערלין ווערט ער אויך גאָר נאָענט באקאנט מיט אזוינע מענשן ווי קאַרפּאָוויטש, סאווינקאָוו, ראָסטאָווצאָוו און אנדערע.

אין דער זעלבער פּעריאָדע, מאַכענדיג זיינע אָפטע נסיעות קיין אויס־לאַנד אומלעגאַל און פאַרשטעלט, ווערט ער עטלאכע מאָל ארעסטירט. ביי זיינע ערשטע ארעסטן האָט ער פּרובירט אפּלייקענען זיין אנגעהערי־קייט צו דער סאָציאַליסטיש רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי, אָבער שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען גוט באַקאַנט צו דער רוסישער אכראַנקע, האָט שוין לייקענען ניט געהאָלפן און ער האָט געמוזט אָדער פּרובירן אנטלויפן, — וואָס איז אים אייניקע מאָל געלונגען, — אָדער דורכמאכן דעם פּראָצעדור פון א פּראָצעס.

וועגן די ארעסטן און פּראָצעסן געפינען מיר אינטערעסאַנטע שטעלן אין די ארטיקלען פון מארק קארטער און נח מישקאָווסקי. קאַרטער דער־ציילט ווי קאהן איז איינמאָל ארעסטירט געוואָרן אין ראָסטאָוו, וואו ער איז געקומען אין די אינטערעסן פון די פאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָ־נערן. וואו ער איז געווען א לייגגערע צייט פאַרשפּאַרט צוזאמען מיט קאַר־טערס ברודער, אסקאַר קארטאזשינסקי, דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער. פון נח מישקאָווסקי'ס ארטיקעל דערוויסן מיר זיך אויך, אז קאהן איז מיט א צייט פריער פּראָצעסירט געוואָרן אין קיעוו. זיין פּראָ־צעס און איבערהויפּט זיין עפענטלאכע רעדע פאַרן טריבונאל, האָט ארויסגערופן גרויס אינטערעס אין דער ראַדיקאַלער וועלט.

ווי נח מישקאָווסקי דערציילט האָט ער שוין דעמאָלט געהערט דעם נאָמען, פּיאָטער קאהן, ווייל ער האָט דאן געלייענט אין דער רעוואָלוציאָ־נערער צייטשריפט, „רעוואָלוציאָנאיא ראָסיא" וועגן קאהנ'ס פּראָצעס און זיין רעדע.

ער באַטאָנט, אז די רעדע האָט געמאכט אויף אים א גוואַלדיקן איינ־דרוק און ער איז געוואָרן שטארק באגייסטערט פאַר דעם פּערזאָן, וועלכן ער האָט נאָך ניט געקענט פּערזענלאך. און עס איז געווען פאַר אים אן

אויסערגעוויינלאך און אנגענעמע איבעראשונג ווען ער האָט מיט א סך יאָרן שפּעטער זיך געטראָפן מיט דעם דאָזיקן מענשן אין סעינט לואיס און באַגעגענט א גוטמוטיקן און הארציקן אידישן יונגן מאַן.

פון די מענשן וועלכע האָבן צו יענער צייט געקענט קאהנען אין רוסלאנד דערוויסן מיר זיך אויך, אז אין אָט יענער יוגענט פּעריאָדע איז קאהן געווען אקטיוו אין און ארום קיעוו, אנפירענדיק מיט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאָגאנדע. ער איז דאן געווען אן אנטלאָפענער פון טורמע און האָט געלעבט אומלעגאל. ער איז ארומגעגאנגען פארקליידט אלס טשינאָווניק. זיין לאנדספרוי, מרס. בערקוט דערציילט, אז זיין קליידונג און שפּראך איז געווען אזוי נאטירלאך, אז מ'האָט אים קיינמאָל ניט געקענט אנעמען פאר עפּעס אנדערש ווי א רוסישער טשינאָווניק.

אין אן אדערן ארטיקל אין בוך דערציילט לואי שטיינבערג, א פּאַסאדינער תושב, ווי אזוי קאהן איז געקומען אין זיין שטעטל נאָווא־וואָראָנצאָווקע מיט א צווייטן רעוואָלוציאָנער, אנטאָנאָוו, דער לעצטער אן אנטלאָפענער פון קאטארגע, אנצופירן דאָרט מיט פּראָפּאגאנדע. כדי ניט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די איינוואוינער פון שטעטל און פון דער פּאָליציי, פלעגט ער גיין דריי מאָל א טאָג אין שול זאָגן קדיש און לערנען משניות. געשלאָפן האָבן זיי אין מתים שטיבל אויפן גוי'אישען צעמענטער.

אביסל שפּעטער פּאָרט קאהן קיין ראסטאָוו אומלעגאל און ווערט ארעסטירט און זיצט פארשפּארט אין טורמע א לייגגערע צייט, נאָכדעם ווי ער באפרייט זיך פון טורמע פארלאָזט ער צוזאמען מיט זיין געליבטער נאדיען רוסלאנד, און זיי פּאָרן אָפּ קיין לאָנדאָן.

אין לאָנדאָן האָט קאהן געטאָן פארשידענע מלאכות זיך צו ערנערן. דארט האָט ער זיך באגעגנט מיט פילע אנדערע אנטלאָפענע סאָציאַליסטן און אנארכיסטן אין וועלכע קרייזן ער האָט פארקערט. ווי הערמאן יאפע, א היגער, אלטער תושב און אנארכיסטישער טוער, גיט אונז איבער האָט ער זיך אין יענע טעג געטראָפן מיט קאהנ'ען אין לאָנדאָן. ער דערציילט אונז אז קאהן איז געווען דער ליבלינג און פארטרויענסווערטער פערזאָן פון דעם בארימטן אנארכיסטישן טעאָרעטיקער און פירער, פּרינץ פּיאָטאָר קראָפּאָטקין. א געוויסע צייט האָט ער אויך ארויסגעהאָלפן אין דער פארוואלטונג פון א רוסישער ביבליאָטעק אנגעפירט פון טעפּלאָוו און טשערקעסאָף.

א קורצע צייט נאָכדעם פארלאָזן די קאהנ'ס לאָנדאָן און קומען קיין ניו יאָרק. דאָס איינציקע קאפּיטאל וואָס זיי האָבן מיטגעבראכט איז געווען אייניקע רעקאמענדאציעס פון לאָנדאָנער רוסישע רעוואָלוציאָנערן צו זייערע ניו יארקער חברים. עס פארשטייט זיך, אז מיט אזא אוצר קען מען קיין גרויסע זאכן ניט אויפטאָן. קאהן האָט זיך גענומען טאָן כל עבודת פרך כדי צו מאכן א לעבן. ער האָט געארבעט אין א טאבאק פאבריק און

אויף אַ ציגל פאַבריק, און ווי אָסקאַר קאַרטאַזשינסקי שרייבט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען וועגן בחור היובל, אז כוח האָט ער געהאַט פאַר דריי און געקענט אַרבעטן פאַר דריי.

קאַהן איז אין ניו יאָרק ניט לאַנג פאַרבליבן. ער מיט נאַדיען און זייער בן יחיד'ל, היימאַן, זיינען אַוועקגעפאָרן קיין סט. לואיס, וואו נאַדיאַ קאַהן האָט געהאַט אַ פּאָר ווייטע קרובים. דאָ אַרבעט ער אויך אין פאַר־שידענע פאַבריקן און קומט אָפּט אין צוזאַמענשטויס מיט זיינע ברויט־געבער צוליב זייער שרעקליכער עקספּלואַטאַציע און בלייבט אָפּט אָן פּרנסה. אַפּוואַוינענדיק אין סט. לואיס צוויי יאָר צייט פאָרן זיי קיין לאָס אַנדזשעלעס.

דורך די אַלע וואַנדערונגען, לעבענדיק אין די פאַרשידענע שטעט, האָט קאַהן, ווי באַקאַנט, אומעטום אַנטייל גענומען אין די ראַדיקאַלע באַ־וועגונגען, איבערהויפּט אין די גרופּעס פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ווי מישקאָווסקי גיט איבער איז קאַהנ'ס הויז אין סעינט לואיס ווי אין ניו יאָרק געווען די היים פאַר אַלע געשטראַנדעטע אימיגראַנטן. עס איז גע־ווען אַן אָפענע טיר פאַר אַלע ליידענדע רוסישע וואַנדערער.

אין לאָס אַנדזשעלעס איז זיין לעבן כמעט ווי אַן אָפענער בוך. ער האָט פון אָנפאַנג, זייענדיק אַ פּרוכט פּעדלער, שווער געאַרבעט אויף צו מאַכן אַ לעבן. די ערשטע פּאָר טאָלער וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט האָט ער מיט אַ גרופּע אַנדערע אידישע אידעאַליסטן באַשלאָסן צו ווערן פאַר־מערס. אין דער גרופּע האָבן זיך געפונען דער פאַרשטאָרבענער דר. דע־וואָרקין, פייסאַכאָוויטש, הילקאָוויטש און אַנדערע. אַזוי ווי פון אַלע אידישע פאַרם פּראָיעקטן אין יענער צייט איז אויך פון דעם פּראָיעקט גאָר־ניט געוואָרן.

קומענדיק פון פאַרם נקי, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה, גייט ער ווי־דער אריין אין די פּרוכט און גרינס געשעפטן און דא הויבט אים שוין אָן צו גיין בעסער. דאָס געשעפט הויבט אָן צו וואַקסן און עס אַנטוויקלט זיך צו אַ גאָר גרויסער מדרגה. קאַהן טוט געשעפטן מיט די גרעסטע פירמעס אין שטאָט און אין דער איסט, און קריגט אַ רעפּוטאַציע פון אַ גרויסן קאָמערסאַנט. אַ געוויסע צייט ווערט ער זאָגאַר אַ דירעקטאָר פון דער פּיפּעלס נעשיאָנאַל באַנק און שפּעטער ווערט אויך ערוויילט אַלס וויצע־פּרעזידענט פון דער זעלבער באַנק. ווען אָבער מען שלאָגט אים פאָר, אַז ער זאָל ווערן אַן עקזעקוטיוו וויים־פּרעזידענט, דאָס הייסט אַ באַצאָל־טער בעאַמטער, זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ צוליב דעם, וואָס אַזאַ גע־הויבענע שטעלע פאָדערט אַז דער בעאַמטער זאָל זיך האַלטן איידל, העפלאַך און צירלאַך, מאַנירלאַך. אין גיכן גיט ער אויך אויף דעם ערן־פּאָסטן.

אין דער פּעריאָדע פון זיין גבירישקייט האָט זיך קאַהן מיט קיין זאַך ניט געענדערט. דאָס איינציקע וואָס האָט זיך אין אים געביטן איז אַנשטאָט צו געבן אויף געוויסע צוועקן אַ פינפערל האָט ער שוין אָנגעהויבן

געבן פינף־און־צוואנציקער און שווערע הונדערטער. קאהן האָט שוין דער־גרייכט די שטופע ווען ער וואָלט זיך שוין געקאָנט צוריקציען פון זיינע געשעפטן און לעבן רואיק. אָבער דער קריזיס האָט אים געגעבן א שווערן קלאַפּ און ער איז איצט, א בן ששים, ווידער א געשעפטסמאַן ווי געווען.

אין דעם בוך ווערט אויף א דירעקטן און אומדירעקטן אופן אנגע־וויזן אויף די פיל ארגאניזאציעס אין וועלכע קאהן איז אַנגעשלאָסן, פאַר־נעמט דאָרט וויכטיקע אמטן און לאָזט זיך קאָסטן געלט. מיר קענען בלויז געוויסענהאפט אונטערשטרייכן, אז עס איז ניטאָ קיין איין וויכטיקע קול־טורעלע אָדער הילפּ׳ס אָרגאניזאציע אין וועלכער קאהן נעמט ניט קיין אנטייל.

זיין הויז און געשעפט, ווי באוואוסט, איז אן אפענע טיר פאר יחידים און ארגאניזאציעס וואס נויטיקן זיך אין געוויסע הילף. עס וועט זיכער זיין אן איבערראשונג פאר א סך צו וויסן, אז קאהן, דער ווערטעל זאָגער און דער כלומרשטדיקער ציניקער, האָט אנגעשריבן גאָר א וויכטיק ווערק וועגן די אידישע און וועלטליכע דיינקער. כדי אויף אן אמת׳ן צו קענען קאהנען דארף מען זיך נאָר אביסל באקענען מיט דער קאָרעספּאָדענץ וועל־כע ער פירט כסדר און די בריוו וואָס ער האָט אין זיין באזיץ פון די גרעסטע שריפטשטעלער, דיינקער און פרייהייט׳ס קעמפער אין אמערי־קע און איבער דער וועלט.

פּיט קאהן איז א באלעבאטישער איד. ער האָט דריי ליבע און ווירדיקע קינדער, א זון און צוויי טעכטער. אלע דריי האָבן געענדיקט אוניווערזי־טעטן און גייען אין די וועגן פון זייערע עלטערן. ער האָט דריי גראָטענע אייניקלאך, א אינגעלע, „פּיטער דער דריטער", א מיידעלע, קאָנסטאנס, און יהודית, א צען יאָריק מיידעלע. דאָס לעצטע איז פארטראָטן אין בוך מיט א שיין ליד, געווידמעט דעם זיידן.

מיר ווילן פארענדיקן דעם ארטיקל מיט די וואונשן וואס אלע האָבן שוין ווידערהאָלט, אז פּיט זאָל נאָך לאנג זיין מיט אונז צוזאמען, ווייל מיט שלעכטע מענשן איז דאָך שוין אונזער וועלטעל פארפולט, אָבער אזעלכע פּיטס האָבן מיר גאנץ ווייניק און מיר נויטיקן זיך אין זיי אזוי שטארק.

רעדאקציע.

לאָס אַנגעלעס, יאַנואר, 1939.

דר. ח. זשיטלאָווסקי

אַ באַגריסונג פון אַ אידישן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער צו אַ אידישן סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער

פון טיפסטען הארצען באגריס איך מיין פריינד און חבר, פיטער מ. קאהן, צו זיין 60־יאָריגען געבוירען־טאָג. ער געהערט באמת צו דעם שעהנסטען טיפּ מענשען, וואס אונזער פאָלק האָט ארויסגעבראכט : דעם אידישען סאָציאַליסט און רעוואָלוציאנער.

פּיטער קאהן איז גייסטיג אויסגעוואקסען אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, אין דעם הארטען און שווערען קאמף אנטקעגען דעם דעספּאָטיזם פון דער צאריסטישער רעגירונג. אָט דער דורות־לאנגער קאמף, וואָס האָט צוגעצויגען צו זיך די בעסטע קינדער פון כמעט אַלע ציוויליזירטע פעלקער אין דעם אמאָליגען צארן־לאַנד, האָט ביי זיי אַלעמען אויסגעארבעט א לײדענשאפטליכע איבערגעגעבענקייט צו די העכסטע אידעאַלען פון דעם אַלגעמיין־מענשליכען פּראָגרעס. עס איז געווען זעלבסט־פּארשטענדליך פאר יעדען רעוואָלוציאָנערען איד און ניט־איד, אז די אַלגעמיין — רוסלענדערשע באפרייאונג, וועט ברענגען די פולע גלייכבארעכטיגונג אויך פאר די קינדער פון דעם אידישען פּאָלק.

פּאקטיש איז דאָס צאריסטישע רוסלאַנד דעמאָלט געווען דאָס אײנציגע לאַנד אין דעם אייראָפּייאיש־אמעריקאנישען קולטור־קרייז, וואו די אונטערדריקונג פון אונזער פּאָלק, וואו דער אומ׳ברחמנות׳דיגער אידען־האַס, מיט זיינע פארפאָלגונגען, פּאָגראָמען און שחיטות, איז געווען כמעט ווי די צענטראַל־אַקס, ארום וועלכער עס האָט זיך געדרעהט די גאַנצע אינווענינסטע פּאָליטיק פון דער צארישער רעגירונג, — דער עיקר אונטער אַלעקסאַנדער דעם דריטען און ניקאָלאַי דעם צווייטען (און דעם לעצטען !)

פלעגט מען אריבערשפּרייזן רוסלאַנד׳ס גרעניץ צו מעריב־צו, פלעגט מען שוין אָנהויבען אטעמען די פרייע לופט פון דעם מענשליכען פּראָגרעס, וואו דער אידען־האַס האָט שוין ניט געהאט קיין שליטה אויף דער געשטאַלטונג פון דעם לעבען, און אויב אין דייטשלאַנד, צ. ב., זיינען די רעאקציאָנערע כוחות נאָך געשטאנען אין וועג צו דער פ ו ל ע ר אידישער גלייכבארעכטיגונג, האָט מען אויך די לפי ערך שוואכע שליטה פון אָט די כוחות צוגעשריבען צו דער ווירקונג פון יענע ווינטן, וואס האבן זיך געטראָגען פון דעם צארען־לאַנד. דער רוסישער צאריזם איז פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען אין אַלע לענדער באטראכט געוואָרן ווי „דער זשאנדאר פון אייראָפּע.” זאָל נאָר אָט דער „זשאנדאר” אפּגעשאפט ווערן, און עס וועט זיכער אנהויבען א נייע עפּאָכע פאר דער גאנצער וועלט, — אַן עפּאָכע פון פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג פאר אַלעמען. אזוי האָט מען דעמאָלט געגלויבט.

איז דען א חידוש, וואָס צו דעם סוף פון דעם פאָריגען יאָרהונדערט און אין דעם אנהויב פון דעם איצטיגען האָט די אידישע יוגענט גענומען מיט א באַזונדערער האַסט אריינשטראָמען אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, אוועקגעבענדיג זייערע גאַנצע ענערגיע, זייער פרייהייט און אָפט אויך זייערע לעבנס פאר דעם רוסישען באַפרייאונג־קאַמף? — אין יענער צייט האָט אויך פּיטער קאַהן זיך אוועקגעשטעלט אין די פאָדערסטע רייהען פון דעם קאַמף, ווי א מיטגליד פון דער „פּאַרטיי סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען".

גראַד וועגען אָט דער פּאַרטיי ווילט זיך מיר איצטער, ביי קאַהנ'ס יובילעי, זאָגען א פּאָר ווערטער.

אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, — פון יענע דורות, — אידישע, ווי ניט־אידישע, — זיינען אין תוך געווען אידעאַליסטישע סאָציאַליסטען. פאר אַלעמען איז געווען הייליג דער קאַמף פאר פרייהייט, פאר סאָציאַלער גערעכטיקייט, פאר אונטערנאַציאָנאַלער ברידערליכקייט, און „דאָס גרעסטע גליק פאר דער גרעסט־מעגליכער צאָל מענשען אויף דער ערד". אַלע האָבען געשטרעבט צו באַפרייען אַלע ארביי־טענדיגע שיכטען פון דעם שווערען קאַפּיטאַליסטישען יאָך, וואָס איז געלעגען און ליגט נאָך עד היום אויף דעם ארבעטערס נאַקען.

אָבער ביי גאָר א גרויסען טייל פון די רעוואָלוציאָנערער קעמפּפערס און פיהרערס, — ביי דער מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, — איז דער אידעאַליסטישער מאָמענט מיט א כיוון ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון דעם טעאָרעטישען באַטראַכט, די אידייאישע באַגרינדונג פון דעם קאַמף האָט זיך געוואָלט האַלטען פריי פון יעדען אידעאַליזם.

עס האָט געהייסען, אז דער רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס־קאַמף, וועלכען זיי האָבען געפיהרט, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי א „קלאַסען־קאַמף" פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגען דער בורזשואַזיע, — קלאַסען־קאַמף וואָס ווערט ארויסגעבראַכט פון ריין מאַטעריאַליסטיש־היסטאָרישע פּראָצעסען, אונטער דעם דאַך פון ריין עקאָנאָמישע געזעצען, וועלכע באַהערשען דעם „סטיכישען גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג".

„אידעאַלען" ? — וועגען זיי רעדט נאָר די בורזשואַזיע. דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער קאַמף שטרעבט ניט צו פאַרווירקליכען וועלכע עס איז „אידעאַלען". „אין דער לעצטער ליניע" האָט ער נאָר „צוועקען" און „צילען" פון דער פּראָלעטאַרישער באַפרייאונג.

אין מערב־אייראָפּע, וואו די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען געטראַגען דער עיקר פון דעם שטאָטישען פּראָלעטאַריאַט, האָט אָט דער „מאַטעריאַליסטישער" בליק אויף דעם קלאַסען־קאַמף געהאַט א שטאַרקען אָנלעהן אין דער ווירקליכקייט. ניט אַזוי אין רוסלאַנד.

דאָ פלעגט אויסקומען עפּעס משונהדיג צו זעהן, ווי קינדער פון דעם הויכען אדעל און פון דער רייכער בורזשואַזיע וואַרפען זיך אריין אין דעם

רעוואָלוציאָנערען שטראָם, זיינען מקריב זייער פּערזענליכע פרייהייט, אָפט זייערע לעבענס, באשר וואָסי? באשר עס איז דאָ א סטיכישער היס־טאָרישער פּראָצעס, אַן אויסגעפּארשטער פון דער „וויסענשאַפט", וואָס טראָגט זיך „על פי דער היסטאָרישער נויטווענדיגקייט" צו דעם סאָציאַל־פּאָליטישען טריאומף פון דעם פּראָלעטאַריאַט... איז דען דאָס ז י י ע ר דאגה, וואוהין עס טראָגט זיך א געשיכטליכער שטראָם, וואָס דאַרף אפמע־קען אלע ז י י ע ר ע פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אין דעם געזעלשאַפט־ליכען לעבען? פארוואָס זאָלען זיי אים נאָך צוהעלפען?

און נאָך א פּסיכאָלאָגישער ווידערשפּרוך האָט זיך געמערקט אין דער רוסישער מארקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אלע אירע אנהענגער זיינען זיכער געווען טרייע סאָציאַליסטען, פאנאטישע קעגנער פון דעם קאפּיטא־ליסטישען רעזשים. אָבער זייער קאמף האָבען זיי געפיהרט נ י ט פאר דעם אוממיטעלבארען טריאומף פון דעם סאָציאַליזם, נאָר פאר דורכברעכען א פרייען וועג פאר דער ריין קאפּיטאַליסטישער אנטוויקלונג אין רוסלאנד.

אפילו אין מעריב־אייראָפּע, וואו די ריין קאפּיטאליסטישע אנטוויקלונג, האָט שוין באהערשט דאָס גאנצע לעבען, איז דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער גלויבען, אז „פריהער קאפּיטאליזם און דערנאָך סאָציאליזם", בשום אופן ניט געווען קיין היסטארישע נויטווענדיגקייט. בפרט אין רוסלאנד, וואו דער קאפּיטאליזם האָט נאָך ניט אויסגעטראָגען זיינע קינדער־שיכלעך און איז נאָך אפשר גאָר געלעגען אין זיינע וויקעלעך, — דאָרטען האָט דער רוף צו ק א פּ י ט א ל י ז ם און צו קאפּיטאליסטישער אנטוויק־לונג געקלונגען, ווי א גרילצענדיגער פּסיכאָלאָגישער ווידערשפּרוך, הגם טעאָרעטיש זייער פיין „באגרינדעט" און כלומר'שט וויסענשאַפטליך „דיאלעקטיש" (פּאר'פּלפולט.)

די אויפקומענדיגע סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען האָבען אין זייער טעאָרעטישען איינשטעל זיך לגמרי באפרייט סאי פון אָט דעם „דיא־לעקטישען" פּילפּול, סאי פון די אינוועניגסטע פּסיכאָלאָגישע ווידערשפּרו־כען, וואָס פיהרען דערצו אז א י ד ע א ל י ס ט ע ן זאָלען טראגען, ווי א פאָן, דעם מאטעריאליסטישן וועלט־באנעם, און ס אָ צ י א ל י ס ט ע ן זאָלען קעמפען פאר דעם טריאומף פון דעם ק א פּ י ט א ל י ס ט י ש ע ן רעזשים אין זייער לאנד.

די סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען זיינען געווען אידעאליסטען אויך אין זייער טעאָרעטישען איינשטעל. פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיגקייט, א גליקליך לעבען פאר אלעמען, — זיינען געווען פאר זיי א ל ג ע מ י י ן־מ ע נ ש ל י כ ע וו ע ר ט ע ן, דיקטירטע פון דער אלגעמיין־מענשליכער מ אָ ר א ל. ז י י צו פארווירקליכען אין לעבען איז געווען א מ אָ־ר אָ ל י ש ע ר ח ו ב. און דער קאמף פאר זיי, — מיט דער העכסטער מסירת נפש, — איז געווען ווי א ר ע ל י ג י ע ז ע ר ג ע ב אָ ט, וואָס פאָדערט צו געהן „על קידוש השם".

און ווייל פרייהייט, גלייכהייט, גערעכטיגקייט, אלזייטיגע אנטוויק־לונג פון י ע ד ע ן י ח י ד, און א ב ר י ד ע ר ל י כ ע ר לעבען זיינען אוממעגליך אונטער דער הערשאפט פון א קאפיטאליסטישען רע־זשים; ווייל נאָר א געזעלשאפט, א געגרינדעטע אויף ס אָ צ י א ל י ס־ט י ש ע יסודות, קאָן מאכען פּלאַץ פאר דער פארווירקליכונג פון אָט די העכסטע אידעאלען, פאָדערט דער מ אָ ר א ל י ש ע ר ח ו ב, אז געקעמפט זאָל ווערן פאר דער א ו מ מ י ט ע ל ב א ר ע ר פארווירק־ליכונג פון דעם סאָציאליסטישען ענדציל. דערזעלביגער מאָראלישער חוב פאָדערט קאטעגאָריש, מען זאָל ניט נאָכטאנצען יענעם קאפיטאליסטישען טאנץ, אין וועלכען מעריב־אייראָפּע איז ארייננעשלעפּט געוואָרען; מען זאָל ניט ווארטען אויף דער אלוועלטליכער סאָציאלער רעוואָלוציע; מען זאָל ניט נתפעל ווערן פון די כלומרשט וויסענשאפטליכע באווייזען, אז דער „סטיכישער גאנג" צו קאפּיטאליזם איז אַן אומפארמיידליכער אויך פאר רוסלאנד. מיט דעם אומשטורץ פון דעם צאריזם דארף אין רוסלאנד זיך תיכף אנהויבען דער אויסבוי פון א פ ר י י ה י י ט ל י ך ־ סאָציא־ליסטישער געזעלשאפט.

פּיטער מ. קאהן, איז, לויט זיין גאנצען גייסטיגען מהות, געווען ווי ג ע ב ו י ר ע ן, צו זיין א מיטגליד פון דער רוסישער „פּארטיי סאָציא־ליסטען־רעוואָלוציאָנערען". זיין דראנג צו פרייהייט, זיין חוש פאר גערעכ־טיגקייט, זיין גרייטקייט אויף גרויסע קרבנות פאר דער פארווירקליכונג פון זיינע אידעאלען, וואָס ווירקען אין אים ווי מאָראליש־רעליגיעזע געבאָטען, האָט שוין דעם יונגען מאן צוגעפירט צו דער ארמעי פון די קעמפענדיגע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען. און דיזעלביגע גרונט־אייגענשאפטען, דערזעלביגער ע ט י ש ע ר א י י נ ש ט ע ל, דיזעלביגע ליידענשאפט־ליכע איבערגעגעבענקייט צו די אידעאלען פון פרייהייט, גלייכהייט, גערעכ־טיגקייט און אינטערנאציאנאלע ברידערליכקייט היט ער אָפּ אויך איצטער, אויף אנדערע פעלדער פון זיין טעטיגקייט, ווען די רוסישע סאָציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָבען פארלאָרען זייער פּלאַץ אויף דעם גרויסען שלאכט־פעלד פון אונזער צייט פאר דער באפרייאונג פון אלע אונטערדריקטע קלא־סען און פעלקער.

די ריכטונג פון די רוסישע סאציאליסטען־רעוואָלוציאָנערען האָט זיך אָנגעהויבען אין 1894 מיט א גרופּע פון זיבען מענשען. פינף פון זיי זיינען געווען אידען. אָבער נאָר איינער פון אָט די פינף האָט געהאט א נ אַ צ י אָ נ אַ ל־אידישען איינשטעל און האָט פון דעם טריאומף פון דעם סאָציאליזם אין רוסלאנד דערווארט אויך די פולע סאָציאלע און נ אַ ־ צ י אָ נ אַ ל ע באפרייאונג פון דעם אידישען פאָלק. די אנדערע פיר אידען זיינען געווען אַ ס י מ י ל י א ט אָ ר י ש געשטימט (אגב: די צוויי ניט־אידישע מיטגלידער האָבען סימפּאטיזירט מיט דעם נאציאנאל־געזונטען אידישען חבר.)

און אויך שפּעטער, ווען דער שטראָם פון די סאָציאליסטען־רעוואָלו־ציאָנערען האָט זיך גענומען פאנאנדערגיסען איבער גאנץ רוסלאנד, זיינען די

אידישע פיהרער פון דער פארטיי, — אחוץ דעם אויבען דערמאָנטען אידען, — געווען אסימיליאַטאָרען, אָדער שטארק אסימילירטע אידען, וואָס האָבען גענהאט גאָר א קנאפּע שיכות צו דעם אידישען פאָלק און זיין היסטאָרישען גורל אויף דער וועלט. די גאָץ, די מינאָר, די רובאנאוויטש, — האָבען קנאפּ וואס געוואוסט פון אונזער געשיכטע און קנאפּ וואָס געהאט אין זיך פון אונזערע גייסטיגע אוצרות.

פון דער „זיבענער גרופּע" איז נאר מענדעל ראַזענבוים געוואָרען א הייסער נאַציאָנאַלער איד. פון די שפּעטערע פיהרער האָט נאָר גערשוני זיך לסוף אנגעשלאָסען אן דעם אידיש־נאַציאָנאַלען איינשטעל אין דער רעוואָלוציאָנערען קאמף.

ליידער ווייס איך ניט, וואָס איז געווען די שטעלונג פון דעם יונגען פּיטער קאהן צו די אידישע פּראָבלעמען, ווען ער איז אריין אין דער פּארטיי. אָבער דאָס איז זיכער אז ער האָט געטראָגען אין זיך א היפּשען באגאזש פון ריין אידישער געלערנטקייט און פארעהרונג צו אונ־זערע גייסטיגע אוצרות. שפּעטער איז ער גאנץ געווים געוואָרען א פול־בלוטיגער אידישער נאַציאָנאַליסט, ניט ווערענדיג אומטריי צו דעם אל־געמיינעם אינטערנאציאָנאַליסטישען אידעאל פון פעלקער־פארברידערונג, וואָס זאָל אויך דאָס אידישע פאָלק ארייננעמען ווי א גלייכבארעכטיגט און גלייכווערטיג מיטגליד אין דער באפרייטער פעלקער־משפחה פון דער ארבייטענדיגער מענשהייט.

פּיטער קאהן איז איצטער א געטריי קינד פון דעם אידישען פאָלק, מיט א הארץ, וואס וועהטיגט פון די אידישע צרות, מיט א גייסט, וואָס שעצט הויך אלע אונזערע דערגרייכונגען אויף די קולטור־פעלדער פון אי־דיש און העברייאיש.

באגרים איך אין פּיטער קאהן׳ען ניט נאָר איינעם פון אונזערע שעהנ־סטע אידישע טיפּען, נאָר נאך מעהר, ווי א ברודער און א נאָענטען חבר, לויט דעם גייסטיגען איינשטעל, וואָס פארבינדעט אונז ביידען, ווי קינדער פון איין־און־דערזעלביגער סאָציאַליסטישער ריכטונג.

איז — וואָס זאָל איך אים ווינטשען צו זיין זעכציג־יאָריגען יובל ?

— קודם כל געזונט און אריכת ימים ! ער האָט דערלעבט דעם שטורץ פון דעם צאריזם, „דעם זשאנדאר פון איירָאפּע", אבער אנשטאט אָט דעם „זשאנדאר" זיינען אין מעריב־איירָאפּע גופא אויפגעקומען וואנ־דאלן און בארבארען, וואס טרעטען מיט זייערע פיס ניט נאָר די רעכט, דעם כבוד און די עקסיסטענץ פון אונזער פאלק, נאָר אויך אלץ, וואָס דארף זיין טייער און הייליג יעדען ציוויליזירטען מענשען. איז — זאָל אונזער חבר דערלעבען וואס גיכער דעם פולען שטורץ פון די היט־לערס און מוסאָלינים, וואס פאר׳חושכ׳ן איצטער די גאנצע וועלט. זאָל ער דערלעבען דעם פולען טריאומף פון דעם פריהייטליכען סאָציאַליזם אין רוסלאנד, וואס אין דעם קאמף פאר אים האָט ער אוועקגע־געבען זיינע יונגע יאָרען.

און זאָל ער דערלעבען די פולע און גאנצע סאָציאלע און נאציאָנאלע באפרייאונג פון אונזער אייגענעם אידישען פאָלק, — וואס איז אים אזוי טייער.

דוד פינסקי

מען קען זיין יונג צו זעכציק

איך האָב פּיטער קאהן נאָר איינמאָל אָנגעטראָפן. צופעליק, אין א רעסטאראַן אויף דער איסט סייד פון ניו יארק ביי א מיטיק, וואָס איז אויך געווען א מיטינג. איך געדענק נישט, צו האָב איך ביי דער פארשטעלונג אויסגערופן: „אָה, דאָס זייט איר!" אָבער איך האָב געוויס א קלער געטאָן: „אָה, דאָס איז ער!"

איך האָב ביי יענעם צוזאמענקום נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו ריידן מיט אים, נענטער באַקאַנט צו ווערן. און מער אים נישט באגעגנט. ווייס איך נישט, ווי לאנג ער איז יעמאָלט געווען אין ניו יאָרק. איך גלויב אָבער, אז ער איז אוועקגעפאָרן אויף מאָרגן נאָך אונזער צופעליקער באַגעגעניש.

ווייס איך גאָרנישט פון פּיטער קאהן דורך פּערזענליכן פארקער. ווייס אפילו נישט, צו וואָלט איך אים דערקאַנט, ווען איך וואָלט אים איצטער געזען.

איך קען בלויז דעם נאָמען. ער ליגט מיר שטארק אין זכרון. און צו גוטן.

ווען איך בין געווען מיט דריי און א האַלב יאָר צוריק אין לאַנד אנד־זשעלעס — איז עס שוין דריי און א האַלב יאָר? — האָב איך זיך א סך אָנגעהערט וועגן אים. פריינט האָבן באַדויערט, וואָס ער איז גראָד, מעשה שטן, דאַמאָלס נישט געווען אין לאָס אנדזשעלעס. דאָס איז א מענטש, האָבן זיי געזאָגט, וועלכן מען דאַרף קענען. א מענטש, וועלכער האָט געטאָן זאכן. א מענטש, וועלכער טוט. בקיצור, א מענטש, קאַטאָרי וועלכער....

קען איך פּיטער קאהן פון זיין נאָמען. א שם טוב. און שם טוב שטייט זייער הויך. די קרוין פון שם טוב זאָגט רבי שמעון, איז איבער כתר תורה, כתר כהונה און כתר מלכות.

ווייל דער גוטער נאָמען מוז דאָך אפּשטאַמען פון אלע יענע גוטע מידות, מיט וועלכע א מענטש דאַרף זיך באַהעפטן. ער דאַרף האָבן א פאַרגינער־אויג, זיין א גוטער חבר, א גוטער שכן, און איבער אלץ האָבן א גוט הארץ.

שטעל איך מיר פאָר, אז דאָס אלץ איז פאַראַן אין דעם גוטן מענטש, וואָס טראָגט דעם גוטן נאָמען פּיטער מ. קאהן.

באַגריס איך אים צו זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג, און איך, וואָס איך בין שוין אַן אלטער תושב אין די זעכציקער, וויל אים זאָגן, אז ער זאָל זיך נישט שרעקן פאַר זיי. אויך אין די זעכציקער איז מען נאָך זייער יונג, ווען מען לעבט מיט דעם לעבן פון דער געזאַמטקייט, וועלכע ווייס נישט פון קיין עלטער.

לעבט ווייטער אייער גוטן נאָמען, פּיטער מ. קאהן! און לעבט לאַנג!

ה. רויזעבלאַט

פ י ט

(אַ כאַראַקטעריסטיק — צו זיין זעכציקסטן געבורטס־טאָג)

אין זיין געבורטס־אָרט האָט ער זיך געלאָזט אויפרופן צו דער תורה: — נ פ ת ל י פ ר ץ ב ן ה ר ב מ נ ח ם ה כ ה ן. דאָ, אין אַמעריקע — פ י ט.

אליין איז ער אַ איד, וואָס קען זיך אין די קליינע פינ־טעלעך. אויפגעצויגן אַף דער מאָדערנער רוסישער ליטע־ראַטור. געשפּילט אַ דאַנקבאַרע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג. זיך גע׳חבר׳ט מיט אַזעלכע באַרימטע פּערזענליכקייטן פון דער אַל־טער רעוואָלוציאָנערער געשיכטע, — ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, וויקטאָר טשערנאָוו, מענדל ראָזענבוים און אַנדערע.

אין אַמעריקע — כמעט שטענדיק אַ מין גביר. אפילו בעת דאָס באַנק־ביכל זיינס האָט אונטערגעליטן פון דער קרענק, וואָס מען רופט די ד ע ר, האָט ער אויך געגילט אַלס גביר. ער האָט בטבע פיינט קבצנות: אַ ברייטע האַנט און אַ ברייט האַרץ.

באַ אונדז אין שטאָט — איינער פון די אָנגעזעענסטע געזעלשאַפט־ליכע טוער. אַ טשלען אין כמה אָרגאַניזאַציעס. אַן עסקן און ערנסטער שטיצער פון קולטור־געזעלשאַפטליכע אַרבעטן. אַ ליבהאָבער פון אידישן בוך; ניט אָפּגעפרעמדט פון העברייאישן ספר און רוסישן לשון.

פירט געשעפטן מיט דער ברייטער האַנט. די געשעפטן, — ווי אַ הוידעלע — אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. אָבער שטענדיק כאַפּט אים אונדזער אויג בעת ער איז — אַרויף...

וואוינען, וואוינט ער אפילו אין ווילשייער געגנט, — נאָר ציען ציט אים פאָרט קיין בויל־הייטס. דער גוף איז דאָרט און די נשמה — מיט עסק.

די פיזיאָגנאָמיע, זיינע? — זעקס פוס מיט פינף... לויט דער הויך — שמאָל־ביינערדיק. אַ פנים — אויף אַ שיינקייט־אויסשטעלונג וואָלט ער דעם ערשטן פּרייז ניט באַקומען. דערפאַר אָבער שמייכלט דאָס פנים כמעט שטענדיק און פאַרדעם קומט אים שוין יאָ אַ מעדאַל. און אויסשליסלעך נאָר דערפאַר, — וואָס אָפּט פאַרדעקט אַ־דער שמייכל אַ שווערלעך האַרץ און אַ כמאַרנעם געמיט — זאָל די וועלט אַ מכה וויסן...

פירן, פירט אונדזער פיט, אַ בעל־הבתישן שטאָט. פאַרמאָגט אַ קלוג ווייב, בעל־בתישע אויסגעגעבענע קינדער; איז שטאָלץ און באַרימט זיך מיט זיינע געראָטענע אייניקלעך און צו דעם אַלעמען — געוואָרן, מיר ניט דיר ניט, אַ בן ששים.

און דאָס אַלץ איניינעם אויפגעזאַמעלט, איינגעקניפּט אין איין זילב פון גאַנצע דריי אותיות — פ י ט !

איר וואונדערט זיך: ווי שיקט זיך עס ?

זענט איר, ווייזט אויס, א גרינער בא אונדז אין קאַליפאָרניע. איר קענט ניט אונדזער פיטן. אז איר וועט אים נענטער דערקענען וועט איר זיך אויפהערן צו חידושן. וועט אליין זאָגן אז אנדערש קען עס ניט זיין. דאכט זיך אזא ווידערשפרוך און דאָך אזוי צוגעפּאסט. אזוי הארמאָניש: כמעט א סימבאָל. א ז ו י א י ז ד ע ר מ ע נ ט ש א ל י י ן : קיבעצט, קונדסט, שטיפט און וויצלט זיך און אין תוך — ערנסט און אויפריכטיק אין זיינע מעשים־בכל־יום. איזדיעקעוועט זיך איבערן „אינטעלעגענט" און האָט א דרך־ארץ'דיקע באציאונג צום וואויל־קענענדיקן. האָט אָפּט ליב דאָס שאַרשקע וואָרט און קוועלט אָן פון דער דינער פראזע, פירט זיך ניט זעלטן אויף „פּראָסטאַטשקע" און האָט הנאה זיך צו חברן מיט עדעלערע מענטשן. טראָגט הינטערביידע לאצן פון קאַפּטן שפּילקעס (מערסטנס גומענע) מיט וועלכע ער שטעכט זיך, ווען יענער פארדינט עס, און איז אימער פאַרטיק עמעצן העלפן אין א נויט.

ווער ס'האָט אונדזער פיטן ניט געזען אף א היימישער שמחה האָט קיין שיינס ניט געזען.

כמעט שטענדיק טרעפט איר אים אין א ווינקעלע, אנגעשפּארט אן דער וואנט, ווי א לייטער. דער קאָפּ הויערט ווי א לבנה אריבער די פארזאמלטע. א ברייטער שמייכל מאכט נאָך ברייטער זיין ברייטן מויל. די קלוגע, ברוינע אויגן זוכן, לויערן, נישטערן אין עולם: אנטדעקן עפּעס אזוינס, וואָס ניט איר און ניט איך האָבן געכאַפּט, — און ער האָט הנאה: עפּעס טשיקאַוועס האָט ער דערטאַפּט.

פון זשיליעט־ברוסט־טאַש שפּארט שטענדיק בא אים ארויס א זשמוט ציגארן. ציגאַרן פון כל־המינים: קורצע און גראָבע, דינע און לאַנגע, קרומע און גלייכע; געלע און שווארצע, גרויע און ברוינע. און סטארטשן סטארטשן זיי ווי אומיסטן... אָט, ווי מען וואָלט זיי אויסגעשטעלט אף א וויסטאַווקע. און זיי מאַניען און וואונקען און רופן: קום, קלייב זיך אויס, פון שענסטן און בעסטן. נאָר זאָל דיר גאָט אָפּהיטן: בא דער ערשטער געלוסטיקייט דיינער ביזטו אָן אפּגעקאָכטער. פיט וואָרט טאַקע. די מינדעסע מינע, אז דו באַגערסט, — און פיט וועט ארויסכאַפּן א שיינעם ציגאָר, אים דיר אונטערטראָגן מיט אזא גאַלאַנטער עדעלקייט אז דו וועסט ממש נשתומם ווערן. דו נעמסט דעם שיינעם, פיינעם, שמעקעדיקן ציגאַר, בייסט אָפּ דעם פּטום און — נאָר צעוואָס אויסזאָגן. פאַרויכער וועסטו שוין אליין זען. אנצינדן, צינדט דער ציגאַר זיך דווקא אָן זייער שטיל, באַשיידן, ווי עס פּאַסט זיך פאַר א גבירישן ציגאַר. נאָר אָט טוט ער א פּאָרשק, א נים און — טראַסק! די נאָז איז דיר שווארץ, ווי א קוימען, אף די לאַצן פון פּיזשאַק — וויים־גרויע אַש פּעדערלעך און די שפּיץ פינגער שמארצן אונטער. די מעשה פאַרדריסט דיר אביסל, נאָר קיין נאָר זאָלסטו פונדעסטוועגן ניט זיין: ווער ניט בייז. דו וועסט ערגער מאכן: פיט קאָהן היט דיך: דו שמייכל בעסער: גלייך ווי סע איז גאָרנישט געשען. אז ניט וועט

ער דיך נאָך נעמען אַף דער העצקע, זיך נאָך איזדיעקעווען איבער דיר; ווען וויסן צו דו ביזט אויך אן „אינטעלעגענט״ און צו דו ביזט א באַוויבמער און וועלן וויסן צי — — נאָר, זאָל בעסער דיינס איבערגיין...

איידער איך פארגעס: ניט נאָר קענסטו זיך ניט פארלאָזן אויף פיטער קאהנס ציגארן, — זיינע שוועבעלעך זענען אויך ניט גאָר קאָראנט... אויב דו רויכערסט, — טאָ ברענג שוין אייגענע שוועבעלעך. ווארעם פיט האָט טשיקאווע שוועבעלעך. און ער וועט זיי דיר ניט זשאלווען. פארקערט: ער טראָגט דיר אונטער דאָס שוועבעלע מיט אזא דעליקאטער מינע, אז דו פארשעמסט זיך אזש... באמערקסט אָבער, אז ער אליין וועט דאָס שוועבעלע ניט אנרייבן. דאָס דארפסטו אליין טאָן. און דאָ ליגט דער קונץ. דו גיסט א רייב. דאָס שוועבעלע כאפט זיך אויף, טוט א שליקערץ, א נים און שיסט אויס ווי א קליין ראקעטל. קיין געפאר שטעקט טאקע דערביי ניט נאָר ס'איז גענוג פונדעסטוועגן אז דאָס הארץ זאָל זיך דיר אַף א רגע אָפּשטעלן און אנגסטן זאָל דיר באשלאָגן. פיט האָט, קען איך דיר קאַווירן, קיין בייז געמיינט: אָט, סתם געפּרוואווט א — קונדס טאָן, און דו טראכסט זיך: — א איד, זעקס פוס פינף... א שיינער בעל הבית, אויסגעגעבענע קינדער, א אינטעלעגענט, א געזעלשאפטלעכער פירער און, — פ י ט !

זיינער א ידיד אַף וועמעס וואָרט מע מעג שטעלן, דערציילט: בעת פיט איז אראפּגעקומען פון סענט לואיס, האָט ער גענומען פאדען ארומען „האָלסייל־פּראָדיוס־מארקעט״ (אין וועלכן ער האָט זיך טאקע שפּעטער אטאבלירט אלס איינער פון די גרויסע אורטאווניקעס) מיר האָבן געהערט אז ער איז א חשובער מענטש: אן אמתער אינטעלעגענט, איז פון גאָר שיינעם יחוס. איין שיינעם פרימאָרגן: פיט שטייט אין מארק. באמערקט ווי א יאפּאָנעזער טראָגט א גרויסן קויש מיט פרוכט. קאהנ׳ען פאלט איין א שפּיצל: ער רופט צו דעם יאפּאנעזער, פרעגט אים עפּעס און נעמט דערביי פאנאנדערגארטלן דאָס שטריקל ארומען טרעגערס טאליע... דער טרעגער דערשפּירט אן אומבאקוועמע באקוועמלאכקייט ארום די לענדן און נעמט מאכן געוואלדן... פון דאן אָן הייסט פיטער מ. כהן, בא די וואָס האָבן אים ליב. פ י ט.

איך האלט אבער אז דער ידיד, כהנס, איז זיך טועה: פ י ט איז — פ י ט ! מחמת זיין פשטות, פאָלקסטימלעכקייט, גוטברודערישקייט. דערפאר, וואָס ער האָט אין זיך, בא די יאָרן, א סך אינגעלשקייט, שטיפערשקייט. ער איז יונג און אזא וועט ער בלייבן זיינע אלע יאָרן — אונדזער פיט !

יואל ענטין

פיטער קאהן — דער מכנים אורח

חשוב'ער קאָמיטעט פונ'ם פיטער קאהן יובליי־בוך :
א שווערע גזרה האָט איר אויף מיר גוזר געווען און איך ווייס אסור, ווי אזוי מקיים צו זיין. א ווערטעלע אויס־צורידן: שרייב וועגן פיטער קאהנען !
וואָלט כאָטש פיטער קאהן א פרעמדער געווען. מיט א פרעמ־דען איז גארניט: מען עפנט דער פען דאס מיילכל און מען כתבנ'ט. מיט אן אייגענעם, ווער רעדט נאָך באַ פייערלאכע געלעגנהייטן, איז די צונג געפענטעט. און פיטער קאהן איז א גוטער, ליבער פריינט.

אויך שרייבט זיך היינטיקע צייטן, אן באזונדערער אנשטרענגונג, וועגן אזוי זיך מענטשן. מען פארשצעמעט די ציין, מען גיט אביסעלע א צבועטשע און דאָס ליב־געזאנגל איז פארטיק. באַ א גוטן מענטשן גילט אָבער ניט קיין צבועטסטווע. דאָ מוז יעדעס וואָרט זיין אמת'דיק, יעדע זילבע מוז טרעפן אין פינטל. און פיטער קאהן איז א מענטש א גוטער.

עס טרעפט, מען שרייבט אמאָל וועגן א בייזן מענטשן. עס מאכט זיך, קהל וויל אזא איינעם מפצה זיין. ליבע מענטשן אָבער ברוגזן זיך קיינ־מאָל נישט אן און מען דארף זיי קיינמאָל ניט איבערבעטן. ליבע מענטשן טוען אלעמאָל וואָס מען דארף און אלעמאָל שטיל־שווייגנדיק. איז וואָצו שרייבן וועגן דעם ליב־ליבלעכן פיטער קאהן ?

ווערטער איז באַ אונדז איינגעפירט צו שרייבן וועגן שרייבער. פיטער קאהן אָבער, שרייבט ניט (א חוץ טשעקס פון וועלכע עס שפרייט זיך א ווארימקייט אויפ'ן הארץ פונ'ם אפליקאנט) *).

ער האָט אויך געהאַט א פארגאנגענהייט און ער וואָלט זיך מן הסתם אויך אליין אדער מיט אַ געדונגענער צונג, וואויל־קלינגענדיק געקענט אויס־דערציילן.

איז ער אָבער ניט פלאַטשיק, קען ער א סוד האלטן. איז ער נישט נאַ־רישער, יאָגט ער זיך ניט נאָך קיין כבוד. איז ער באשיידן — שווייגט ער.

איך שרייב אמאָל אויך וועגן שפילער. אָבער פיטער קאהן איז ווייט פון „דער קאָמעדיע" ווי הימל איז פון דער ערד.

כ'ווייס — אפשר האָב איך אמאָל אדער וואו אויך געזינדיקט מיט דער פען און געשריבן וועגן כלל־טוער. פיטער קאהן ט ו ט טאקע און טאקע על פי הכלל — ווי קומט ער אָבער צום דאָזיקן אמעריקאנישן יידישן טיפ ? — ער וואָס האָט פיינט קנאַק, א מענטש אן דעם מינדסטן טומל, אָן וועלכן ס'איז מין — א מענטש, וואָס דאָס גרעסטע און דאָס ווערטיקסטע טוט ער אָפּ בחדרי חדרים פון זיין אפיס אדער אין זיין „רויכער־צימער",

*) חבר ענטין וועט זיין איבערראשט צו וויסן אז פיט קאהן האָט איצט פאר־ענדיגט אַ וויכטיק ווערק וועגן אונזערע אידישע און וועלטליכע דיינקער.

אין דער היים. אין דער געזעלשאפט בלויז פון זיין ציגאר, זיין ליבלינג־בוך אָדער זשורנאל.

איז וואָס זאָל איך אייך שרייבן וועגן פּיטער קאהנען ?

אז ער איז א גוטער, א פריינטליכער, אן איידעלער? ווייסט איר, לאָס אנדזשעלעסער, עס דאָך בעסער פון מיר.

זאָל איך שרייבן, אז ער אינטערעסירט זיך מיט אלץ בא אונז, וואָס איז גוט, רופט זיך אויף אלץ אָפּ?

וואָלט איך עס געשריבן — ווען כ'האָב ניט מורא פאר קיין גוזמא. פאראן גוטע זאכן בא מיר וואָס זיינען אָבער ניט אזוי גוט ב א א ו נ ז און א ל ץ איז א וואָרט וואָס אז מען זאָגט עס בא אונדז, דארף עס אריינגעמען כּאָטש די גאנצע יידישע וועלט.

אָבער — און דאָס שרייב איך אָן וועלכן ס'איז פּקפּוק (צעגערניש בלע"ז) אז פּיטער קאהן אינטערעסירט זיך און רופט זיך גערן אָפּ אויף אלץ וואָס איר אלע, לאָס אנדזשעלעסער, און מיר, ניו יאָרקער, האַלטן פאר גוט און פיין.

איך וואָלט נאָך געקענט צוגעבן און גיב טאקע צו, אז אין די פיר־פינף מאָל, וואָס איך בין געווען אין לאָס אנדזשעלעס איז אין פּיטער קאהנען צוגעקומען א שיין־וואוילע פיגור אין דער גאלעריי, וואָס דאָס לעבן זאמלט און שטעלט אלץ אָן אין מיין לאנגען זכרון.

פונקט אזוי וואָלט איך נאָך געקאָנט צושרייבן און לייג טאקע צו, אז, נישט געקוקט אויפן מרחק פון טויזנטער מייל, לעבט פאר מיר כמעט תמיד, אזוי ווי א זייער קאלירפולע בייט אינם גארטן פון מיין פארגאנגענהייט, די שטאָט לאָס אנדזשעלעס, און זילבער־זיידיק בליט פון איר ארויס דאָס געשטאלט פון פּיטער קאהן.

און דאָ גיט מיך דער יצר טוב א טארע, אז פון די אלע נישט איך'ס און נישט אירס, האָט זיך שוין אָנגעקליבן א היפש בריוועלע, זאָג איך, מיטן לשון פון די ראדיא־אנאָנסערס :

א דאנק יצר'ל.

און איך מאך א סוף פּסוק. און בין אויך מקצר מיט די ווינטשעוואניעס. וואָרים, כ'לעבן, וואָס זיינען ווינטשעוואניעס? איך האָב פון זיי קיינמאָל ניט געהאלטן און האלט פון זיי אויך איצט ניט. און טאקע, פערזענלאכע ווינטשעוואניעס זיינען דאָך אזוי נאריש אדער אזוי נאטירליך, ד. ה. איבעריק. איז ווינטש איך ניט, נאָר איך זאָג דעם ליבן, גוטן, אייד־דעלן פּיטער קאהן, אזוי ווי יודזשין דעבס עליו השלום, פלעגט זאָגן: זיין זעכציק יאר — יונג ! און אודאי וועט איר יונג זיין, ווען איר וועט ווייטער לעבן און ג ו ט ס ט אָ ן.

איך ווינטש אים יע, ניט פּערזענליך נאָר כלל'יק, כאָטש אביסעלע פריילאכערע נייעס, אביסעלע נחמות אויף אונדזער טראגיש־געיאָגטן פאָלק און אויף דער גאנצער מיט בלוט־אָפּגייענדער מענטשהייט, וואָס די בעסטע גאראנטיע, אז עס וועט געשעען, וועט זיין אז אונזער ליבער יובילאר, אינאיינעם מיט אלע יובילארן, אינאיינעם מיט אונדז אלעמען, די בעלי שמחות, וועלן טאָן אונדזער יידיש־מענטשלאכע פליכט.

אבא גאָרדין

אהבת־ישראל

(געווידמעט פּיטער מ. קאהן)

אמת'ע ליבע ליבט אונטער אלע אומשטענדן. עס איז ניטא קיין ליבע אָן פארגעבונג, אָן דעם „סלחתי כדבריך"... וואס מער מ'באקענט זיך מיט דער צייט און סביבה אין וועלכער די אידישע נביאים האָבן געלעבט, געווירקט און געקעמפט, אלץ מיט מער פארערונג ווערט מען דורכגעדרונגען צו אָט־די גייסטיקע טיטאנען.

ווען מ'זעט וואס פאר א בארבארישע מנהגים עס האָבן דעמאָלט גע־הערשט, אויף וואס פאר א ווילדע פאָלקס־אומוועגן די מאסן און, איבער־הויפּט, די הערשענדיקע שיכטן זיינען געגאנגען ניט נאָר אין וואכעדיקן, טאָג־טעגליכן לעבן, אין היים, פאמיליע און געזעלשאפט, נאָר טאקע אין סאמע גאָטעסדינסט, אין הייליק קולט, ווי די טעמפּלען, ווען מ'זעט אָט דעם גראבן און צולאזענעם בארבאריזם, ערשט דעמאָלט נעמט מען אָפּ־מעסטן ווי געהעריק די נשמה־הייך פון די אידישע פּראָפעטן, וועלכע אין אָט־דער געפאלנקייט, אין דער פארזינקעניש פון אויסגעלאסנקייט, אין דעם תהום פון טומאה האָבן געטרוימט פון הימל־ריינער קדושה און דער־הויבנקייט.

ווען מ'באגרייפט די פארדאָרבנקייט פון די זיטן פון יענע פארצייטיקע דורות, די ניין און פערציק שליוזעס־טויערן פון אומריינקייט, וועלכע זיינען כסדר געווען אָפן און האָבן אָן־אויפהער געגאָסן און געפלאָסן מיט ברוד און שמוץ איבער געגענטן, שטעט, גאסן און הייזער, ערשט דעמאָלט נעמט מען משיג זיין וואס פאר א פעסטונג פון לויטערער הייליקייט דער נביא איז געווען, וואָס פאר א וואולקאן פון אפּטימיזם עס האָט געהויזט אין זיין בוזעם, וואס פאר א פאנטאן פון צעגליטע וויזיעס עס האָט געוואוינט אין זיין בליק.

דער נביא, וואס האָט געזאָגט צו די קינדער פון זיין צייט, „און איצט קומט אהער, זין פון א מכשפה, זוימען פון א נואף און א הור", (ישעיה נ"ז, ג') דער זעלביקער נביא האָט אויך געזאָגט, „ווער עס וועט זיי דערזען, וועט זיי דערקענען, אז זיי זיינען א זוימען וואָס יהוה האָט געבענטשט" (דארט, ס"א, ב')

און דער נביא, וואָס איז שוין גאָרניט געווען גענארט אין זיין פאר־שייטן און אויסגעלאסענעם דור, אין זיינע תכשיטים אידעלעך... וועלכע ער כאראַקטעריזירט מיט נביאישער אפּנהארציקייט און בראנדמארקענדיקן עפּיטעט אזוי:

„זיי זיינען צעווישעטע פערד, צוהיצטע אגערס, איינער צום אנדערנס ווייב הירזשען זיי" (ירמיה, ה', ח') אדער, „ווי א שטייג וואס איז פול מיט עופות אזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט שווינדל" (דארט, ה' כ"ו). דער זעלביקער נביא האָט געזאָגט: „איך וועל שליסן מיט זיי א נייעם בונד"

(דארט ל״א, ל״־ל״ב) און דאָס וואָס זיי האָבן ניט געהאַלטן דעם אַלטן בונד, דעם אַלטן, ערשטן אָפּמאַך, פאַרגעסט ער, פאַרקוקט ער. ער מאַכט זיך ניט ווּיסנדיק פון דעם. אָדער נאָך בעסער ער רעכנט, אַז דער בונד איז ניט געווען צופרידנשטעלנדיק. ער וועט שליסן אַזאַ אָפּמאַך וועלכן קיינער וועט ניט קענען ברעכן, פאַראַטן. די לערע וועט ער אַריינשרייבן אין זייערע הער־צער, אַזוי אַז זיי וועלן מוזן זי וויסן און היטן. אַלע פון קליין ביז גרויס וועלן דערקענען יהוה. און מ׳וועט זיי עס אפילו ניט דאַרפן לערנען.

און ווען די נביאים אַמאָל האָבן זיך אַזוי פאַרהאַלטן צו דעם פאָלק ישראל, אויך דעמאָלט ווען ער איז באמת געווען זינדיק, אַ פּשיטא שוין מיר, ניט נביאים איצט, ווען דאָס פאָלק לײַדט ניט פאַר זײַנע זינד, נאָר פאַר זײַנע טוגנטן, פאַר דאָס וואָס עס פאַרמאָגט ניט קיין שטאַט, קיין אַרמיי קיין פלאָט, מיט איין וואָרט קיין פאַרפּאַנצערטן קולאַק.

שלעפּ איך דיין פּעקל יסורים,
ברען מיט דיין שאַנד און דיין פּיין;
קוש איך דיין טראָט דורכן שטורעם.
כנסת ישראל דו מיין

(א. ליעסין, „כנסת ישראל״)

ראָזאַ נעוואָדאָווסקאַ

זעקלאַך קאַרטאָפל

(פון מיין בוך לידער „אַזוי ווי איך בין״)

אין דעם שפּייכלער ליגן זעקלאַך מיט קאַרטאָפל —
זע איך דיינע אָקסלען געבויגענע אין לאַסט.
דריקט דיך זייער שווערקייט, וואָלסט פון זיי אַנטלאָפן,
ווי ס׳אַנטלויפט אַ מענש, ווען עס יאָגט אים האַס.

נישט קיין קייט, קיין שטריק און דאָך ביסטו געבונדן,
גייסט און ווערסט געבויגן אונטער שווערן יאָך.
דיינע טונקעלע אויגן ווערן שוואַרץ געצונדן —
און דיין מויל פאַרשלאָסן, ווי אין טיפן בראָך.

אין דעם שפּייכלער ליגן זעק מיט טעג פאַרגרויטע,
פרימאָרגנס אויסגעמעקטע, באַרויבט פון זון און ליכט — — — —
און דו, אַ הויכער, דינער, מיט אויגן טיף פאַרטרוימטע,
מיט אויגן שטיל צעגליטע אויף פאַרוואונדערטן געזיכט.

בענקסט נאָך פרישע פעלדער, זוניקייט און ווייטקייט, —
אין ענגן, טונקלען שפּייכלער שניידסטו דיינע טעג — — — — —
זעקלאַך פולע ריידן, נאָר דיינע ווערטער שווייגן —
אונטער יאָך דעם גרויען פון די שווערע זעק.

מ. י. חײמאָװיטש

פּיטער מ. קאַהן צו זעכציק

ס'פּרייט מיך באמת צו האבן די געלעגנהייט אויסצודריקן, אין ווערטער מיין בעסטן געפיל צו א מענטשן, וועלכן איך האָב יאָרן לאַנג פאַרעכנט אלס גוטן חבר, כאָטש וואָסערע טויזנט מייל האָבן אונז פאַנאַנדערגעשיידט. — און דער מענטש איז פּיטער מ. קאהן, איינוואוינער פון לאָס אנגעלעס, קאַליפאָרניע.

ערשטנס ווינש איך אים לאַנגן און קלוגן לעבן, צווייטנס וואָלט איך וועלן צוטראָגן אזוינס, וואָס זאָל אונז ביידן גלייך פארשאָפן עונג־רוח, און דאָס איז, זיך איינצולעבן אין יובילאַרס שטייגער פון אויפנעמען אלע לעבנס דערשיינונגען, — אָבער איין גאָט ווייסט ווי שווער ס'איז.

און נאָך מער: איך וויל אין דעם פּייערלאכן פאַל ניט זיין דער מחבר פון פּיטער קאהנ'ס „אָדיסייאוס" און רעגיסטראַר פון זיינע מעשים־טובים, ווייל אויסערדעם, וואָס דאָס וואָלט דערוועקט אין מיר אביסל קנאה (מער ניט ווי מענטשלאַך) ווייס איך ניט אויב דער יובילאַר אליין וואָלט איינגעגאַנגען אויף אזא מין עקספּאָזע, — און מיר דעם אמת געזאָגט, איז ער טייער און ליב צולאכעס זיינע אלע גוטע מעשים, און סיי־ווי־סיי ניט זייענדיק קיין תושב פון יובילאַרס שטאָט האָב איך פארשטענדלאָך ניט געקאָנט האָבן די געלעגנהייט געגוי נאכצופאָלגן זיין געזעלשאפטלאכע טעטיגקייט, אָבער וואָס איך ווייס איז, אז ער, — אין גוטער קאָמפּאניע פון אזוינע ווי דר. לעא בלאָס, די ברידער שאפּירא, ישראל אסמאן, ה. רויזנבלאַט, הערי בלאַנק און פילע פון די שפּעטער צוגעקומענע — איז געווען פון יענע, וואָס האָט מיט לייב און זעל געארבעט, אז די אידישע קהילה פון לאָס אנגעלעס זאָל האָבן א רעכט געציילט צו ווערן צווישן די קולטורעלע און הומאַנגעשטימטע צענטערן פון דער אידישער אמעריקע.

פּיטער מ. קאהן זעכציק !

שווער פּיטערן צו פארבינדן מיט יאָרן, — און וואָס איז ווירקלאָך דער אונטערשייד ווי אַלט ער איז? ווייל אין דעם סאָרט מענטש איז לעבן אזוי גוט און פריש צו זעכציק ווי צו צוואנציק. אין אים איז דאָ פיל פון יענעם עלעמענט, וואָס לייזט זיך אזוי לייכט ניט אויף: אַן אָנגענעמע ניכטערקייט, גוטע באציאונג צו אַלץ און אלעמען, גוטברודערישער הומאָר און פיינער געמיט. אין גרונט גענומען א זייער ווייכער, סענטימענטאלער מענטש מיט א זייער גוט אנטוויקלטן געפיל פאר פאמיליע, דערשיינט ער אָפט אין ראַבעזישער פּאָזע, וועלכע טשיקאווע, פּאסט אים זייער גוט.

אין א געוויסן זין געהערט ער צום עלטערן אידישן דור, — די אמאָליקע רוסישע אימיגראנטן, פון וועלכע דר. זשיטלאָווסקי איז נאָך עד היום פון

זיינע נאָענטע פריינט. אין אים איז דאָ א סך פון אמתן העברייער: א שטארקע ליבע צו דער העברייאישער שפראך און אלץ וואס האָט צו טאָן מיט איר קיום. האָט ליב ארייגצוקוקן אין א העברייאישן ספר, און אלץ וואָס איז העברייאיש איז ביי אים גוט. געפעלן און ניט געפעלן איז ביי אים שייך נאָר דאָס, וואָס ווערט געשריבן אין אידיש. דאָ איז ער שוין א קריטיקער, אבער אין העברייאיש — איז אלץ גוט.

ס׳איז אפשר דערפאר וואָס ער האָט זיין יניקה, געצויגן פון העברייאישן בוך, און דארום איז עס פאָר אים נאָך היינט יענער אָרט, וואו ער געפינט זיך אין דער היים צווישן די וואוילקלינגנדיקע ווערטער פון יענע אידן וואָס האָבן געקאָנט זיין קריגער און העלדן. אוועקגעגאנגען פון דאָס אלטע איז ער א מאָדערנער איד, איינער פון אונזעריקע, וועלכער קאָן זיך אין פיינער שטימונג דערלויבן צו זיין באלזאקיש.

פון מיין גאנצן הארצן ווינש איך אים לאנג און גוט לעבן, און זאָל ער אזוי אין גוטן גייסט פאָרזעצן זיין וויטערדיקע טעטיגקייט צווישן לאָס אנגעלעסער אידישער באפעלקערונג, וועלכע ער האָט אזוי ליב.

נחום יוד

צו אַ פריינט

עס בענקט אין דיר א וועלט פון פרייד און פארגעניגען,
און זוכסט נאָך איצטער אויך פון חלום דעם באשייד . . .
דו קאָנסט די קינדישקייט אין זיך נאָך ניט באזיגען
און אין דעם טומעל — אָפטמאָל בענקסט דו שטילערהייט . . .

און ס׳איז דאך טאקע גוט די פוסטקייט צו באוועבן
מיט פעדים ליכטיגע פון גאָלדענעם געפיל,
עס איז דאָך אזוי גוט צו נאָכשפאסען דעם לעבן,
און ס׳איז דאָך אזוי גוט צו טרוימען אין דער שטיל.

אָה, פריינד ! דו וועסט זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט באזיגען,
און ווי א אינגעל שפאנען נייגעריג פאראוים.
עס בענקט אין דיר א וועלט פון פרייד און פארגעניגען,
און יוגענדליכקייט שטראלט פון אויג בא דיר ארוים.

י. י. שווארץ

מ׳טרינקט לחיים אויף פיט קאהן׳ס חשבון

ס׳איז געווען א גליק, וואס איך בין לעצטן פריטיק ארויפגעקומען אין „קעמפער״, און געפונען אייער איינלאדונג אנטייל צו נעמען מיט א באַגריסונג לכבוד דעם 60־יעריגן יובילייַ פון חבר פיטער מ. קאהן. ווען איך קום עטלאכע טעג שפעטער — וואלט שוין געווען נאך עלינו... איר דארפט וויסן, אז די „קעמפער״ זיינען געוואלטיג פלינקע און פינקטלאכע מענטשן. ווען אונזער ליבער דיכטער ה. רויזענבלאט האט אמאל ארויסגעגעבן זיין בוך „ליים״ — האט געטראפן דאס אייגענע. ער האט נישט געפונען קיין בעסערן אדרעס מיר צושיקן א בוך ווי דעם „קעמפער־אדרעס״. אט דא מיט א שטיקל צייט צוריק קום איך ארויף אין „קעמפער״ און גריבל זיך אין א בארג „שמות״ וואס איז געלעגן אויף דער פאדלאגע און צי ארויס „ליים״ און הויב אן בלעטערן דאס בוך און געפין, אז דאס בוך געהערט צו מיר מיט אן אויפשריפט פון פאעט. ס׳איז מיר געווארן חושך. וואס האט רויזענבלאט געקענט זיך טראכטן וועגן מיר, וואס איך האב אים אפילו ניט געענטפערט מיט צוויי ווערטער אויף זיין פיינער מתנה? האב אים אפילו ניט געזאגט וועגן דעם קיין ווארט בעת איך בין געווען ביי אייך אין לאס אנדזשעלעס? הכלל, איך קום צום באשלוס, אז אייער פיטער מ. קאהן איז קיין עין־הרע א בעל־מזל, און ס׳גייט אים גוט...

דעם זעלביגן טאג האב איך זיך געטראפן אין „ליטעראטן־קאפע״ מיט עטלאכע באקאנטע, און האב זיך איבערצייגט, אז אונזער־אייער קאהנ׳ס יובילייַ איז א געשעהעניש. ס׳איז געווען א היבשע גרופע שריפטשטעלער און יעדער איינער האט זיך געקליבן צו שרייבן. משה יונה איז געווען דער ראש־המדברים, נחום־יוד קלייבט זיך צו שרייבן א פאבעל וועגן יובילאר (ווי געפעלט דאס אייך חבר קאהן?) און אונזער אלעמענס באליבטער אברהם רייזין שרייבט, און מיר האבן באלד ארויסגעשיקט נאך א פלעשל (אמת, א קליינס) און געטרונקען „לחיים״ לכבוד פיטער מ. קאהן. אויף זיין חשבון.

איז וואס זאל איך אייך, הארציגער חבר קאהן, ווינטשן? כ׳האב מורא צו ריידן צופיל, ווייל איר זייט דאך א קלוגער און א גרויסער, און איר וועט קיין נארישקייטן נישט נעמען. איך ווינטש אייך לאנגע, לאנגע יאר, צוזאמען מיט אייער ליבער פרוי, און שמחות אויף שמחות, איך ווינטש אייך, אז אין אייערע יארן, לאמיר זאגן צו אייער 70־יעריגן יובילייַ, זאלן מיר אלע דערלעבן בעסערע צייטן און זעהן פאר זיך א שענערע גערעכטערע וועלט, פאר אלע מענטשן בכלל, און פאר אונז אידן בפרט. **איך ווינטש אייך** געזונט און כחות, יונגע כחות. איר זאלט לעבן און האבן נחת. אוי, וואלט איך וועלן זיין מיט אייך אלעמען צוזאמען אויף דעם געהויבענעם באנקעט לכבוד אייך, אין אייער ווארעמער שיינער קאליפארניע, וואו א מענטש קען לעבן ביז הונדערט און צוואנציק. ניט אזוי ווי ביי אונז אין ניו יארק. וואו ס׳איז קאלט און חושך און מיר האלטן אין איין שטארבן יונגערהייט...

ש. מיללער

„כהן גדול"

דערזעט איר אים צווישן א עדה אידן — און איר מוזט אים דערזען, ער סטארטשעט פשוט ארוים מיט א קאפּ העכער — טוט איר ניט ווילנדיק א פרעג: ווער איז אָט דער איד ?

— דער אָ? דאס איז דאך דער „עוכר ישראל"! — וויצלט זיך איינער.

קוקט איר, הויך איז ער — זעקס פוס מיט פינף צאָל, אבער א עוכר? זעט ניט אוים צו זיין קיין עוכר ישראל, און איר דערוויסט זיך אז ניט נאָר איז ער ניט קיין עוכר, ער איז אויך ניט קיין ישראל, א כהן איז ער, פּיטער מ. קאהן, און ווייל ער איז אזוי הויך רופן מיר אים כהן גדול, אָט ווי מיר זאָגן שבת הגדול אין קעגנזאץ צום קורצן פרייטיק.

זיין וואוקס רייצט דאס אויג, איר ווילט זיך באקענען מיט אים. געוויינליך איז די ערשטע באקאנטשאפט צווישן צוויי מענטשן א מין שאך שפּיל, די ערשטע צוגן זיינען רוטינע, די שפּיל גייט צו גלאטיק. גאנץ אנדערש איז די ערשטע באקאנטשאפט מיט קאהנען, עס איז גיכער א ווערטער, קיבעץ דועל ווי א שאך שפּיל, און אין דעם דועל געפעכט דערפילט איר אפט דעם שטאָך: איר זייט א אינטעליגענט, האָ?

קוקט איר אויף אים און וואונדערט זיך: וואס טשעפּעט ער זיך אזוי צום אינטעליגענט? דוכט זיך אליין ניט קיין עם הארץ, ביז איר כאפּט זיך — דאס רעדט אין אים א גלגול, טאקע זיין אייגענער גלגול, א אידיש רוסישער אינטעליגענט און רעוואלוציאנער וואָס איז מגולגל געוואָרן אין א סוחר. און די סוחרישע וועלט, ווי שטארק זי זאָל ניט זיין, האָט דעם גלגול דאָך ניט ארויסגעטריבן.

אין דער סוחרישער וועלט איז אינטעליגענץ, אינם רוסישן זין פון דעם וואָרט, רעוואלוציאנערישקייט א קנאפּער יחוס. דער ספר היוחסין פון דער סוחרישער וועלט געפינט זיך ערגעץ ביי א דאן און ברעדסטריט אדער א ענליכער פירמע. אויך אין דעם ספר האָט קאהן באוויזן ארייננצושרייבן זיין יחוס... פּיטער מ. קאהן — א א א... כך וכך אלפים. אבער סיי אין די „גאָלדענע" צייטן ווען די טויזנטער זיינען געוועזן בשפע און סיי אין די „זילבערנע" צייטן, איז עס געוועזן ניט נאָר די טויזנטער אויף וועלכע דער א א א האָט זיך באצויגן, נאָר הויפּטזאכליך אויף דעם נאָמען פּיטער מ. קאהן.

די סוחרישע וועלט איז בלויז איינע פון עטליכע. דאָ די געזעלשאפטליכע וועלט וואו עס זיצן אויך... סוחרים, וועלכע מעסטן דעם מענטשן לויט זיין בייטל. ווי פיל איז ער ווערט? און האָט דער מענטש די מאה האָט ער אויך דעה, מעג ער אפילו זיין א חסר דעה. אויך אין דער וועלט ווערט קאהן געמאָסטן מיט אנאנדער מאָס. זיי, די אזוי גערופענע יאהודים, פּאר־

מאַגן אַ סך רייכערע אידן, פונדעסטוועגן הערט מען זיך צו צום רוסישן אידן פיט קאהן, וואָס האָט ער צו זאָגן. און ער זאָגט וואָס ער וויל אויף זיין אייגענעם קאהנישן, שקצישן שטייגער, און זיי נעמען עס צו, ווייל עס קומט פון פ. קאהן.

און אין אונזער אידישער ראַדיקאַלער וועלטל. דאָ ווערן שוין מענטשן ניט געמאָסטן לויט דער מאה, חס וחלילה, די מאה ליגט קיינעם אין דער לינקער פּיאה, מער ניט פאַר אַ קוואַרטעלע (געוויינליך אַ כה׳ער) געלט גיבן מיר יענעם אַ מעסטעל כבוד, פלוני בן פלוני האָט געגעבן אַ ג אַ נ צ ן פינפאונצוואַנציקער! געלויבט זאָל ווערן זיין נאָמען. און אפילו צווישן אונזערע קבצנים זיינען שוין דאָ היפּשע עטליכע אידן וואָס גיבן זייער קוואָרטעלע געלט און קריגן זייער מעסטעלע כבוד, זו מצוה וזו שכרה, דרך ארץ האָט מען אבער פאַרט ניט פאַרן קוואַרטעלע געלט, נאָר פאַרן אידן דעם בן תורה, ניט פאַרן אידן דעם סוחר, נאָר טאַקע פאַר דעם „גלגול״, פאַר דעם אינטעליגענט און בן תורה נפתלי פרץ ברב מנחם מן הכהן וועלכער איז מגולגל געוואָרן אין פיטער מ. קאהן.

מיינט עס אַז אויף אים איז ניטאָ קיין שפּרינקעלע? גאָר! דאָ אַזוי פיל שפּרינקעלעך אַז עס איז שווער זיי איבערציילן, ציילן מיר זיי טאַקע ניט. מיר נעמען און דעם פּנים מיט די שפּרינקעלעך און זאָגן: געשפּרינקלט, דאָך געפעלט ער אונז. זעכציק יאָר אַלט געוואָרן? נו, וואָס איז זעכציק יאָר? אַ קנאַפּע גבורה. בגבורה איז שמונים!

בלייבט עס אַזוי — שמונים!

און יאָ. „אכציק ער, זיבעציק זי״, אַזוי זינגט זיך דאָס אידישע פאָלקס לידל. נאַדיאַ! דאָס מיינט מען אייך.

יהי רצון, איר זאָלט זיך עלטערן אין עושר און אין כבוד, ווי עס ווינשט אייך אייער פריינד.

לייזער ראָזענשטיין

הויכקייט פון זיין נשמה

כאָטש איך שטיי פונדערווייטענס איז פיטער מ. קאהן, דער יונגיטשקער בן ששים, מיר זעהר נאָענט, און ניט נאָר שעץ איך אָפּ די הויכקייט פון זיין פיגור, נאָר וואָס איז נאָך ערהאַבענער, — די נאָך העכערע הויכקייטן פון זיין נשמה, וואו יעדער ערשיינונג אין אונזער גע׳רודפ׳טן לעבען געפינט דעם געהעריקען אָפּקלאַנג.

זאָל זיין לעבען נאָך לאַנג בליען און מיר זאָלען אים נאָך לאַנג זען און לאַנג הערען פון אים.

ישראל אָסמאַן

אַ בריוו צום רעדאַקטאָר

(במקום אפשאַצונג.)

אדוני ה׳ רעדאקטאר:

איר שרייבט מיר:

„אזוי ווי איר זייט דאָ אין אונדזער שטעטל דעם יובילאר׳ס עלטסטער פריינט מיט א פען אין דער האנט, דעריבער איז אויסגעפאלן אויף אייך דער גורל, איר זאָלט שרייבן די אפשאצונג.״

נעם איך עס אָן מיט איין תנאי: איר זאָלט מיר דערלויבן צו שרייבן אין פאָרם פון א בריוו צום רעדאַקטאָר. פארוואס? — פשוט, ווייל אונדזער יובילאר איז א ייד א בן־תורה; דערצויגן אויף אונדזער אלטער טראַדיציע, און ער ווייסט, אז „מ׳זאָגט א מענטשן נאָר עטוואָס פון זיינע שבחים אין זיין געגנוואַרט און דאָס איבעריקע — ניט אין זיין געגנוואַרט.״ נאָכמער, איך האָב מורא אז דער פיקח וואָס זיצט אין קאהנ׳ען, זאָל ניט קוקן אויף מיר מיט זיין שמייכל, דורכשטעכן מיך מיט זיין בליק, און שטום מיך רופן צו דין־תורה און טענה׳ן אָן ווערטער: גזלן, שוין פינפאונצוואַנציק יאָר קענסטו מיך און דו ווייסט, ווי איך אנטלויף פון אזעלכע כבודים און ווי איך האָב פיינט די פראַזע און דאָס אויסגעפוצטע וואָרט — האָסטו זיך אויך אנגעזעצט אויף מיר? ! איז מיר נאָך ווייניק וואָס איך בין שוין א בן־ששים, אז איך זאָל שוין דאַרפן האָבן חבוט־הקבר פאַרן לעבן? ! און די טענה איז א גערעכטע, איך האָב שטענדיק מסכים געווען מיט אים, געשעצט און געאַכט אים דערפאר, וואָס ער איז אַנטלאָפן און זיך אויסגעלאַכט פון אזעלכע כיבודים — און איצט זאָל איך אים זעלבסט מכבד זיין מיט אזא פאַרציע? ניין, מיין ליבער הער רעדאַקטאָר, איך האָב קיין הארץ נישט צו טאָן אזא זאַך! דעריבער וויל איך עס בעסער שרייבן אין א שטילערן, אינטימערן טאָן, אין פאָרם פון א בריוו.

פיט קאהן, ריכטיקער און בעסער: נפתלי פרץ בהרב ר׳ מנחם מן הכהן, ווי מ׳רופט אים אויף צו דער תורה, איז א ייד וועמעס יידישקייט איז עלטער און שטאַרקער פון זיינע אַלע אַנדערע מעלות און מידות; עס איז דער אורקוואַל פון זיינע אַלע מעלות און מידות. ער איז ווי אַ שטאַרקער דעמב, איינגעוואָרצלט טיף אין אונדזער טראַדיציע, א „ייד שביידן״ ווי מענדעלע פלעגט זאָגן. איך הער ווי מ׳רעכנט אויס זיינע שבחים: אן אוהב תורה וחכמה, אן ערלאַכער כלל־טוער, א לב־טוב, א בן רחמן, א רעוואָלוציאָנער וכדומה. ריכטיק! אָבער דאָס אַלץ איז נאָר אַ פונק פון דעם גרויסן בראַנד־פייער, פון יענעם ברען וואָס הייסט יידישקייט; פון דעם נהר־דינור וואָס שלאָגט מיט כוואַליעס פון ליבשאַפט, אמונה, בטחון און מסירת־נפש. דעראָזיקער ייד האָט זיך גע׳טבלט אין דעם יעניקן פייער־טייך

און איז ארויסגעקומען דאָס וואָס ער איז. און אפילו אין די יאָרן פון בלאָנדזשעניש און זוכעניש איז ער געטריבן און געצויגן געוואָרן פון דעמ־דאָזיקן באהאַלטענעם פייער.

כמעט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָב איך אים געטראָפן אין איינגעוואָרצלטן אין יידישן לעבן דאָ אין אונדזער אייגנאַרטיקער שטאָט. קליין בערך איז דאַן נאָך געווען די שטאָט, נאָך קלענער די יידישע קהילה, אָבער שוין מיטן זאַמען פון איר אויפשוואונג און אייגנאַרטיקייט. פיל אינטערעסאַנטע יידן זענען שוין דאָ געווען: אַזעלכע וועמען דער גורל האָט פאַרוואָרפן צו פאַרלאָזן זייער שטיקל געזונט; אַזעלכע וועמען די וואַנדער־לוסט האָט פאַרטראָגן. ווייטער גיין האָט מען שוין נישט געקאָנט און צוריק האָט מען נישט געוואָלט, און מ׳האָט זיך אַפּגעשטעלט בויען די יידישע לאַנד אנגעלעגנהייטן. מיר האָבן שוין געהאַט אונדזערע פאַרזאָרגער, פירער, פאַר־זיצער, פּרעזידענטן, רעדנער, וואָס האָבן זיך נעבעך מוסר־נפש געווען פאַר טובת־הכלל, געזוכט אָפּצוראַטעווען די וועלט. איינער איז דאָ געווען „פון אקסל אַן און ווייטער העכער פון אַלעמען", אַ ייִד וועמען מ׳האָט געטראָפן אומעטום וואו יידן האָבן זיך פאַרזאַמעלט, ארום אים אַ רעדל, ער לצ׳ע־וועט, חוזקט; אַ ייִד מיט אַן אָפן מויל, אַן אָפענע האַנט און אַ ברייט הארץ. ער האָט זיך נישט געלאָזט מאַכן פאַר קיין קרבן פון כלומרשט ארויפגע־צוואונגענעם כבוד, נישט געוואָלט ארבייטן שווער אלס פאַרזיצער, אויסגע־לאַכט די אַלע מינים כלל־טוער, כבוד־זוכער. אַנדערע האָבן אונטערגע־ברומט: דער ציניקער! איך האָב זיך צוגעקוקט און געזען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ מאַסקע — ער האָט אויך געהאַט עפּעס צו באַהאַלטן: אַ ברייט הארץ, אַ רייכע כשרע נשמה. ער האָט זיך ווייניק געקימערט פאַרן כלל, דערפאַר אָבער האָט ער שטענדיק אין זינען געהאַט דעם פרט. און אַז איך האָב זיך צוגעקוקט מער האָב איך געזען, אַז דער ייִד איז פון די וואָס קענען נאָר געבן און נישט נעמען, פון די וועמען עס קומט גאָרנישט ביי דער וועלט, פון די וואָס גייען נישט ראַטעווען די מענטשהייט, נאָר דעם מענטשן — זיך זעלבסט.

און אַמאָל אין אַ געשפּרעך ווען איינער האָט מיר געזאָגט: הערט זיך נישט צו צום דאָזיקן ציניקער! האָב איך געענטפערט:

— מיר דאַכט זיך אַז איר פאַרבייט די יוצרות! עס קוקט אויס אַז דאָס וואָרט ציניקער איז נישט קלאָר אײַנגעזען פאַר אייך. אַ ציניקער איז נישט דער וואָס זאָגט אַ גראָבן וויץ, נאָר דער וועמעס ל ע ב ן עס איז אַ גראָבער וויץ. גראַד דער אמת׳ער ציניקער איז אָפּגעהיט מיט׳ן וואָרט; ער פּוצט עס, ציקעלט עס, היט זיך דערמיט, פאַרשטעלט זיך דערמיט. קוקט נישט פון אויבנאויף וועט איר זען אַז גראַד די וואָס ריידן שטענדיק וועגן כלל, וועלט, מענטשהייט, פאָלק, די זענען נישט פּיאַיק צו טאָן די קלענס־טע קלייניקייט פאַר קיין מענטשן, קומען נאָר אָפּ מיט שיין ריידן. זיי זענען די אמתע ציניקער — מענטשן אָן שום הייליקייט אין לעבן. פאַר דעמדאָ־זיקן יידן אָבער איז הייליק דאָס לעבן, דער מענטש, דער ייִד — דרך־

ארץ פאר אזא יידן! דער סאסעווער ז"ל האט געזאגט: טובת־הכלל איז פול מיט פניות: געלט, כבוד; טובת־הפרט, אבער, שמעקט מיט אהבה, מסירת־נפש. עס איז זיך גרינג מוסר־נפש צו זיין פאר כל־ישראל, שווער איז זיך מוסר־נפש צו זיין פאר יעדן אדם־מישראל, דער אמת'ער צדיק איז דער, ביי וועמען יעדער אדם־מישראל איז טייער ביז מסירת־נפש.

און ביי דער ענדע פון מיין בריוו עטלאכע ווערטער צום יובילאר:

ר' נפתלי פרץ בהרב ר' מנחם מן הכהן, איר האט דערלעבט צו זיין א בן־ששים לזקנה, דערלעבט צו די יארן פון שיבה און גבורה און גייט ווייטער אויף אייער וועג, קומט צום כלל דורכן פרט. דעם כבוד לאזט ווייטער איבער פאר די וועלכע יאגן זיך נאך אים — זיי וועלן סיווי אים נישט דערגרייכן — אייך וועט ער נאכיאגן. איר ווייסט דאך „כל הרודף אחר הכבוד הכבוד בורח ממנו וכל הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו".

מיט אכטונג און גרוס,

ישראל אסמאן

באגריסונג פון ש. ניגער

צו זיין זעכציגסטען געבוירנטאג שיק איך פריינט פיטער מ. קאהן מיין מזל טוב און הארציקע באגריסונג. פון מיינע באגעגענישען מיט אים זיינען מיר געבליבען די אנגענעמסטע איינדרוקן, און מיר איז באקאנט די ראלע וואס ער שפילט אינ'ם געזעלשאפטליכען און קולטור לעבען פון לאס אנדזשעלעס. זאל ער נאך האבען אריכת ימים פון פרוכטבארער ארבעט.

אליהו טענענהאלץ
לעתיד לבוא

א זעכציקער, אויך מיר א יובילוי! אט צו דעם פינף־און־זיבעציגסטען וועל איך אים אפפעליטאנעווען און זיך אפרעכענען מיט אים פאר אלע זיינע געלונגענע און ניט געלונגענע קיבעצען. ווער רעדט נאך צום הונדערט־און־צוואנציגסטען?

דערווייל וויל איך אבער צוגעבען אז אלס פריינד, חבר און מענש איז ער מיר ליב און טייער. לאנג לעבען זאל ער.

א גרוס פון אמאל

פינף און דרייסיק יאר זיינען אוועק זינט איך האב דורכגעפירט מיין פליכט צו דער רעוואלוציע טראגענדיק דיר עסן אין דער ראסטאווער טורמע. זייענדיק דא קען איך זיך ניט צוריקהאלטן פון שיקן דיר מיין ברכה, אז דו זאלסט נאך לאנג לעבן און טאן די ארבעט פאר די וואס זיינען ווייניקער גליקלאך פון אונז.

חיה קארטאזשינסקי

נח מישקאָווסקי

אונזער פּרץ קאַהן אין סענט לואיס

ווען איך בין געקומען אין 1906 אין סענט לואיס, איז פּ. קאהן געווען איינער פון די ערשטע, מיט וועמען איך האב זיך באקאַנט, די באקאנטשאפט איז אין גיכן אריבער אין פריינטשאפט און די פריינטשאפט איז, יעדנפאלס פון מיין זייט, אריבער אין ליבע. איך האב אים באמת ליב געקראָגן.

פון קאהנען האב איך שוין געוואוסט מיט צוויי יאָר פאר דעם. זייענדיק אין לאנדאָן אין 1904 איז מיר אריינגעפאלן אין די הענט א נומער פון „רעוואָלוציאנאיאַ ראָסיא", וואו עס איז געווען אפּגעדרוקט די רעדע, צו וועגן דער רעדע וואס ער האָט געהאלטן אויפן פּאָליטישן פּראָצעס איבער אים. איך האָב דאָס אייניקע מאָל איבערגעלייענט און אין מיין פאנטאזיע האָט מיט העלסטע פארבן פאר מיר געמאָלן די בילד פון דעם העלד פון דער רעדע פּ. קאהן. מיר דוכט זיך, אז דאָרטן איז געווען די בילד פון פּ. קאהן אין א בלוזע.

און ס'זיינען אריבער צוויי יאר און איך טרעף זיך מיטן העלד פון דעם פּראצעס און פון דער רעדע.

איך דארף אייך זאָגן, אז אין ליטע און פּוילן האָב איך כמעט ווי נישט געטראָפן קיין אידישע סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן. די פּארטיי האָב איך געקענט בלויז פון איר ליטעראַטור. כ'האָב זיך פארגעשטעלט, אז די אידישע ס"ר זיינען אַלע אסימילירטע, אז זיי זיינען אסימילאַטאָרן. און אַלץ צו אזעלכע האב איך זיך באצויגן צו זיי מיט פאראורטיילן. אין אלגעמיין האב איך זיך באצויגן נעגאַטיוו צו די אידישע טוער אין דער „איסקרא" און ס"ר, ווייל איך האָב זיי געהאלטן פאר מענשן, וועמען עס גייען נישט אָן די ליידן פונ'ם אידישן פאָלק, די אבנארמאלע לאגע פון אידישן פּראָלעטאריאט, דעם פּראָלעטאַריער פון דעם פּראָלעטאַריאט.

און ווי פארוואונדערט איך בין געוואָרן, ווען איך האָב פּיטן געטראָפן און דערזען אין אים אן אמת'ן אידישן טיפּ, וועמען ס'איז נישט פרעמד אַלץ, וואס האָט צו טאָן מיטן אידישן פאלק, מיטן אידישן ארבעטער. ער האָט געהאט א באציאונג צו די ריין אידישע פּראָלעטארישע באוועגונגען, צו דער אידישער שפּראך, ליטעראטור, צו דער אידישער נאציאנאַלער פראגע. און דער שטריך זיינער האָט מיר שטארק אימפּאנירט. מיר זיינען געוואָרן נישט נאָר פריינט, נאָר אויך חברים.

בא דער נעענטער באקאנטשאפט האָט ער מיר דערציילט פון זיין לעבן, פון זיין היים, עלטערן, זיינע רייזעס איבער רוסלאנד, וועגן זיינע באגעגענישן מיט די פארשיידענע טיפּן פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג, זיינע איבערלעבונגען אין רוסלאנד, זיין ארעסט, טורמע און פּראָצעס, דערנאָך וועגן זיינע רייזעס איבער אייראָפּע, זיינע נייע בא־

קאנטע און באגעגענישן מיט די פארשיידענע טיפּן פון דער רוסישער פּאָ־ליטישער עמיגראַציע.

און וואונדערבאר, אין זיינע אלע דערציילונגען האָט ער זיך קיינמאָל ניט ארויסגעשטעלט אלס א העלד, אלס א מענש, וואס האָט געשפּילט א ראָלע האָט זיך קיינמאל ניט געמאָלן מיט העלע פארבן. ער האָט פאַרמאָגט, א געזונטן נאַטירלאכן הומאָר וועלכער פלעגט אָפּט איבערגיין אין סאר־קאזם און אין דעם זין האָט ער מיר וועגן דעם אלעם דערציילט.

אָבער ער איז געווען א מענש פון לעבן, א מענש פול מיט לעבן, מיט א שטארקן אינטערעס צום לעבן. ער פלעגט באזוכן אלע וויכטיקע לעק־ציעס אין שטאָט, גיין צו אלע וויכטיקע אונטערנעמונגען און האָט מיט א ברייטער האנט אונטערשטיצט אלץ, וואס איז נאך זיין מיינונג ווערט געווען צו אונטערשטיצן. מיר גערענקען זיך די אונטערנעמונגען, אויף וועלכע מיר פלעגן ביידע קומען. גלייך ווי ער פלעגט אריינקומען, פלעגט ער שוין זיין ארומגערינגלט מיט אונזער גילדערנער יוגנט. ער פלעגט דער־ציילן וויציקע מעשות, פלעגט אפּט אפילו דערציילן קאָמישע עפּיזאָדן פון די, וועלכע האָבן אים ארומגערינגלט און מיט אמאָל פלעגט ער אויפשטיין: „חברה, קומט מיט מיר צום בופעט. עסט און טרינקט. איך באצאָל פאר אלץ". אזוי איז אטקע געווען. דער עולם האָט געכאפּט א טרונק, מען פלעגט פריילאכער ווערן און דאן פלעגט זיך אנטפלעקן דער גוטער, דער הארציקער פּ. קאהן אין זיין פולער פראכט און גלאנץ.

און ווען מען האָט געדארפט האבן א פּאָר דאָלער אויף א נויטיקער זאך, איז פּ. קאהן געווען דער ערשטער, צו וועמען מען פלעגט אריינקו־מען און זיין באשטייערונג פלעגט ער געבן מיט א פולער און ברייטער האנט. און אין קיין גלענצענדער לאגע האָט ער זיך אליין ניט געפונען. ער האָט געארבעט אין שאפּ, פארדינט אפשר איינגאנצן א פופצן דאָלער א וואָך און נאדיע, זיין פרוי, איז געווען א שניידערן. זי האָט געארבעט ביי זיך אין דערהיים. האָט אפשר אויך אריינגעטראָגן א פינף דאלער א וואָך. און פארוואוינט האָבן זיי צוויי ארימע צימערן. און דאָ איז דאָס געווען די „מאסטערסקאיא" און צו דעם האָבן זיי נאָך געהאט א קינד א 2־3 יאָר אלט.

און אלע מאָל איז ער געווען פריילאך, אויפגעלייגט, און צו גוטע ברוי־דער האָט ער געהאט א באזונדער שוואכקייט. ענערגיע האָט ער פארמאָגט פאר דרייען, וואו פלעגט ער ניט אנשפּארן? אין מיין צייט האָט ער געהאט א שוואכקייט גיין אלע שבת צו נאכט, אויב ער איז געווען פריי פון וויכ־טיקערע זאכן, אין קלויסטערס. אלע מאָל אין אן אנדער קלויסטער פון אן אנדער סעקטע. גיין אהין פלעגט ער אלץ איינס ווי גיין אין א טעאטער. איך געדענק, ווי איינמאָל איז ער געקומען א העכסט באגייסטערטער נאך דעם, ווי ער איז געווען אין א נעגערישן „טעמפּעלע" און האָט געזען די ווילדע שטיק, וואס די נעגערס פראווען ביי זייער גאטס דינסט.

נאָך א שוואכקייט האָט ער געהאט צו קינדער. אויב אין א שטוב איז געווען א קינד האָט ער שוין ניט געדארפט די גרויסע. פלעגט ער זיך פאר־

שפילן מיטן קינד אזוי, אז ער האָט אַן אַלץ און אַלעמען פאַרגעסן. ער האָט ליב געהאַט אויסציען זיך אין דער לענג און ברייט אויפן דיל, און די קינדער זאָלן איבער אים שפּאַצירן. און דאָס פלעגט אַרויסרופן די גרעס־טע באַגייסטערונג ביי אים און די קינדער, און ווי ער פלעגט איבערקערן די וועלט מיט זיין „חבר", זיין דריייאַריקן זון היימען?

אַז איך בין געקומען אין סענט לואיס האָט מען דאָך מיר געדאַרפט באַזאָרגן מיט אַרבעט, ווער וועט מיר באַזאָרגן, אַז ניט קאַהן. און וואו זאָל איך אָנקומען אַרבעטן אויב ניט אין שאָפּ וואו קאַהן אַרבעט? און מיין אָנקומען אַרבעטן דאַרף מען דורכפירן יום־טוב׳דיק. אַראַנזשירט ער פון די שקצים און שיקסעס אַ אידישן ליטעראַרישן מוזיקאַלישן יום טוב. די גוים האָבן געזונגען און דעקלאַמירט אידישע לידער, און מיר געדענקט זיך גוט, ווי היינט, ווי פּרענק, אַ דייטש, האָט דעקלאַמירט פון י. ל. פּרצעס — ביי דעם פרעמדן חופּה קלייד: „ס'איז געווען אַ מיידעלע אַ מיידעלע אַ פּראַכט"...

און פ. קאַהן איז שוין 60 יאָר אַלט. עס גלויבט זיך ניט. איך קען דאָס זיך ניט פאָרשטעלן. נאָר איין זאַך ווייס איך, אין דעם בין איך איבער־צייגט, אַז ער איז דער זעלביקער טייערער, ליבער חבר און פריינט פון מיר, פון אונז אַלעמען, ווי כ׳האָב אים געטראָפן מיט 32 יאָר צוריק.

און איך ווינש אים צו אונזער אַלעמענס גרויסן יום טוב, 60טן גע־בורטסטאָג זיינעם, אַז ער זאָל לעבן און לעבן און זיין דערזעלביקער ליבער, טייערער פ. קאַהן, ווי ער איז געווען דאַן מיט יאָרן צוריק אין סענט לואיס.

צו דער געלעגנהייט באַגרים איך האַרציק זיין פרוי, נאַדיען.

אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל טרעפן און מאַכן אַ שנאַפּס, ווי אין די אַמאָליקע גוטע יאָרן.

ניט קיין פרעמדער

מיט גרויס צופרידנהייט שיקן מיר אונדזער באַגריסונג לכבוד דעם יובל פון פּיטער מ. קאַהן:

דער נאָמען פּיטער קאַהן איז אוודאי ניט קיין פּנים חדשות אין דער ידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אין דעם ידישן קולטורעלן בפרט. מיר ווייסן זייער גוט, אַז במשך פון צענדליקער יאָרן האָט דער בעל־היובל פאַר־נומען אַ פּראָמינענטן אָרט אין יעדער ידישער אונטערנעמונג פון אַ ברייטן פאַרנעם.

מיט גרויס צופרידנהייט אונטערשטרייכן מיר זיין טיפע פאַרשטענ־דעניש פאַר דער אַרבעט פון ידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און זיין אַקטיוון אַנטייל אין אַלע אונטערנעמונגען לטובת דעם אינסטיטוט.

מיר באַגריסן האַרציק דעם בעל־היובל לכבוד זיין 60טן געבוירנטאָג און ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן פון פּראָדוקטיווער אַרבעט לטובת דער ידישער געזעלשאַפטלעכקייט בכלל און לטובת דער ידישער קולטור און דער ידישער וויסנשאַפט בפרט.

אָמאָפּטייל פון ייוואָ,

נ. פיינערמאַן, סעקר.

אָסקאַר קאַרטאַזשינסקי

פּיט קאהן

דער יונג פאַרשטאַרבענער שריפטשטעלער, אָסקאַר קאַרטאַזשינסקי, — אַן אינטימער חבר פון פּיט קאהן נאָך פון דער היים, — האָט אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען געדרוקט אַרטיקלען אין „טאָג", „פרייע אַרבעטער שטימע" און קאַליפאָרניער אידישע שטימע וועגן פאַרשידע־נע פּערזענליכקייטן, אונטערן קעפּל „פּאָרטרעטן", וועגן קאהאַנען האָט ער געשריבן עטלאַכע אַרטיקלען, איינעם פון די אַרטיקלען דרוקן מיר דאָ איבער.

עס זענען דאָ אַ היבשע צאָל אידן אין קאַליפאָרניע וועלכע האָבן געמאַכט בעדייטענדע קאַריערעס.

און אין מייסטע פאַלן זענען די דאָזיגע קאַריערעס געמאַכט געוואָרן טאַקע אין קאַליפאָרניע.

דאָס הייסט אידן זענען געקומען קיין קאַליפאָרניע אהן מיטלען, אָהן באַשטימטע פּראָפעסיעס און עס האָט זיי באַגליקט.

איינע פון די אינטערעסאַנטע קאַריערעס האָט דאָ געמאַכט אונזער פריינד, פּיט קאהן. וואָס אַנבאַלאַנגט רייכטום, זענען דאָ פילע וואָס שטייגען אים איבער.

דאָס איז אָבער ניט די איינציגע זאַך. פּיט קאהן האָט ניט נאָר גע־מאַכט געלד, נאָר אויך — וואָס פיל וויכטיגער איז — זיך געשאַפן אַ גוטן נאָמען. צווישן די אַמעריקאַנער האָט ער געוואונען דעם גרעסטן צוטרוי פון די אַנגעזעענסטע היגע פירמען, באַנקען און פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס.

מיר זיינען אין אַמעריקע געוואוינט דערצו, אַז אידן אַרבייטן זיך דאָ היבש אַרויף און ווערן גאַנץ רייך. נאָר אין די מערסטע פאַלן פאַלט אַזאַ גליק אויף מענשן, וועלכע האָבן ניט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים קיין גרויסן גייסטיגן באַגאַזש.

מיר האָבן זיך דערמיט ניט וואָס צו שעמען, נאָר אַ פאַקט איז, אַז אַם שנעלסטן גליקט אַפּ אין אַמעריקע די מענשן, וועלכע האָבן ניט זייער פיל שטודירט און וועלכע זאָרגן זייער ווייניג וועגן דער מענשהייט.

פּיט קאהן איז אין דער הינזיכט אַן אַנגענעמע אויסנאַמע.

ער איז אין רוסלאַנד געווען אַ געטרייער רעוואָלוציאָנער, איז אויס־געוועזן אין אַלע טורמעס — האָט געהאַט אַ היבשע קענטעניש פון סאָ־ציאַלע פּראָבלעמען און אַן אינטעליגענטן בליק אויף דאָס לעבן.

ווי דאָס רוב קאַליפאָרניער אידן איז אויך פּיט קאהן צווערשט געקו־מען קיין ניו יאָרק און איז דאָרט אָפּגעווען אַ היבשע ביסל צייט.

ער האָט איבערגעטאָן די פאַרשידענסטע מלאכות, געאַרבעט אין אַ שאַפּ אויף אַ ציגל־פאַבריק אין פּאָרט אַמבאָי ניו־דזשוירסי, איז אַ צייט־לאַנג געווען אַ דראַגיסט אויסהעלפער אין סט. לואיס און האָט ביי אַלע די דאָזיגע באַשעפטיגונגען קוים געקאָנט מאַכן אַ לעבן.

ווי באקאנט איז ער פון אן אומגעוויינליך־הויכן וואוקס, העכער פון זעקס פוס און פיל זיינע גוטע פריינד פלעגן זיך וויטצלען, אז ווי נאר ער איז געקומען קיין קאליפארניע, האט מען אים גלייך געגעבן א דזשאב ביים אראפנעמען די אראנזשעס פון די ביימער, ווייל ער האט זיך געקענט באגיין אן א לייטער.

דער אמת איז, אז פרוכט און וועדזשעטייבעלס זענען געווען זיין ער־שטע באשעפטיגונג אין לאס אנדזשעלעס, ער האט פריער געארבעט פאר פרעמדע און נאכהער אנגעהויבן אליין פאר זיך.

ארבייטן האט ער געקענט שווער און אין עטליכע יאר ארום האט ער שוין געהאט זיין אייגענעם סטאר אין מארקעט.

ער איז א ביזנעסמאן און זיינע געשעפטן ברייגגען אים אין בארירונג מיט כמעט דעם גאנצן סטייט.

ער האלט כסדר אין איין ארומפארן, אומעטום האט ער גוטע פריינד.

ער האט ליב דאס פיאנערענטום אין דעם היגן לעבן.

שאפן נייע וועלטן, אויפבויען גרויסע זאכן, אויפטאן, אונטערנעמען.

אין דעם איז ער ווי א פיש אין וואסער, און די היגע אמעריקאנער האבן אים ליב, ווייל ער איז איינער פון זיי.

ער קען ארבייטן ווי זיי, קען פארברייננגען ניט ערגער פון זיי. אלע קענען אים און יעדער רופט אים ביי זיין ערשטן נאמען. א דזשאדזש, א פאליסמאן, א מיליאנער, א ביזנעסמאן און ארבייטער — אלע קלאפן אים גוטמוטיג איבער דער פלייצע און זיינען גוטע ברידער מיט אים.

ער האט געמאכט גרויסע געלד אין זיינע געשעפטן, איז אבער געבליבן ביי זיינע סאציאליסטישע אידעאלן און קיין שום ביזנעס־אינטערעסן אויף דער וועלט קענען אים ניט אפווענדן פון דעם, אז ער זאל שטענדיג זיין מיט זיינע סימפאטיען אויף דער זייט פון די ארבייטער.

זיינע גוי'אישע גוטע פריינד און חברים האבן דאס אין אנפאנג ניט געקענט פארשטיין, מיט דער צייט אבער איז דאס זיי דוקא געפעלן געווארן.

א מענש, וואס קען בלייבן געטריי זיינע אידעאלן, ניט קוקענדיג אויף זיינע ביזנעס־אינטערעסן פארדינט קרעדיט.

— קאליפארניע, זאגט ער אפט, איז א לאנד, וואו יעדער קען מאכן אן ערפאלג. די איינציגע באדינגונג איז אבער דא, אז ער מוז האבן זיין איך.

קיין אנשטעלענישן, קליינערייען גייען דא ניט אן.

דו מוזט גיין אפן און ניט מורא האבן פאר קיין טייוול.

און דאס טוט ער טאקע.

דאס רוב צייט פארברייננגט ער ערגעץ אין די טאלען, לעבט צווישן אינ־דיאנער און יאפאנעזער, ארבייט שווער קומט ער אבער אין שטאט אריין איז ג ו ל א י נ א ש א.

עס גיבן זיך א שאט פריינד פון אלע זייטן, און ער איז צו אלעמען גוט, צו אלעמען פריינדליך.

צווישן פרייליכע רייד און גלייכווערטלאך פארגעסט ער אבער ניט א שטאך צו געבן דעמיעניגן, וואס פארדינט עס מיט די אדער יענע געננ.

ער וועט זיך ניט אפשטעלן פון צו זאָגן דעם אמת זיין אייגענעם פאָ־טער. ער האָט ליב אמת'ע מענשן, מענשן פון דער ערד, מענשן מיט שטאַרקע, גאַנצע כאַראַקטערן.

אז א יונגער אידישער אינטעליגענט פארפירט אין זיין געזעלשאפט א הויכן פילאָזאָפישן ענין וועגן הויכע זאכן, קענט איר זיין זיכער, אז ער וועט אים איבערשלאָגן מיט א גראָב וואָרט.

זיין גראָב וואָרט איז אָבער א פארשטעלטער אפשוי קעגן אלץ, וואָס איז געקינסטעלט און געמאכט.

פון דערהיים א רעוואָלוציאָנער מיט א גוטער בילדונג, האָט ער פיינט ארויסצואווייזן זיין אינטעליגענץ און פאר אים איז קיין גרעסערער פאר־געניגן ניטא ווי זיך אליין ארויסצושטעלן פאר א גראָבן יונג — אן עם־הארץ.

אָט דאָ ניט לאַנג פאלט אים איין מיט א מאָל אן אידעע און ער שטעלט אָפּ אויפן גאס א געוויסן אידן בעט אים ער זאָל גיין מיט אים צו אים אין געשעפט אריין אנשרייבן פאר אים א אידישן בריף צו זיין מוטער אין רוס־לאנד און א רוסישן אדרעס. דער איד איז געגאנגען האט אין יענעם טאָג גע־וועזען איבערגליקליך. אזעלכע שטיקלאך טוט ער אָפּ מיט זיינע גוי'אישע פריינד — און אלע האבן אים ליב.

א ברייטקייט און גאנצקייט פילט זיך אין אים, וועלכע מען טרעפט איצט אזוי זעלטן. און ער איז ווי געמאָסטן פאר קאליפארניע.

קוקענדיג אויף אים דערמאָן איך זיך וועגן דער אידענע, פאר וועל־כער קאליפארניע איז פינסטער, און טראכט אז מען מוז הפנים מיטברייי־גען אהער א שטיקל פערזענליכקייט, אום צו קענען געניסן און שעצן דאס גאלדענע לאנד.

אַ קינסטלערישע נשמה

שאול ראבינאָ

דער מאלער איז ניט בלויז א מענש מיט א פינזעל אין האנט וואָס מאָלט כסדר אויסערלאכע כאראַקטעריסטישע שטריכען פון א מענטשען.

צו שאפן א פארפאָלקאָמט קינסטלעריש ווערק מוז ער אויך אריינ־דרינגען אין יענע טיפענישן פון דער נשמה וואס וועט אמבעסטן ארויס־ברייננגען דעם „איך" און די פערזענלאכקייט פון דעם מענשן.

קענענדיק אייך אזוי פיל יאָר בין איך שוין לאנג איבערצייגט אז לויט אייער גאנצן פארנעם פארמאָגט איר א קינסטלעריש־עסטעטישע נאטור, וואָס ענטדעקט אלעמאָל נייע שיינקייטן, — צו דאָס איז ליטעראטור, מוזיק, מאלעריי אָדער פילאָזאָפיע. מיט אייער חוש פאר דערהאבענקייט זוכט איר אפצושטופן די וואכעדיקייט. דאָס איז דער ערשטער פרוביר־שטיין זיך צו דערהויבען גייסטיק.

איך, אלס קינסטלער, באגרים אייך, פריינד קאהן, צו אייער 60־סטן געבוירנטאָג. זאָלט איר נאָך לאַנג לעבן און מיר זאָלן האָבן אַ סך נחת פון אייך.

י. ש. נאומאָוו

ווען איינער פאַרדינט

(צום זעכציקסטן געבורטסטאָג פון פּיטער מ. קאַהן)

ווען יובילייען זיינען אריין אין דער שוסטער גאס (איך מיין ניט צו באַליידיקן דעם שוסטער פאַך, איך באַנוץ זיך בלויז מיט א פאלקס־ווערטל, — י. ש. נ.), ווען א יובילי איז געוואָרן א וואכעדיקייט; ווען א ספר היובל האָט אָנגעוואָרן די קדושה און דער הבדל פון קדש לחול איז כמעט פארווישט געוואָרן, ווען אלע אידן ווערן סופרים און אלע בעלי יובל גרויסע מענטשן, איז ווען אַ יובל ווערט געפּייערט פון אַ אמת־הארציגן אידן, ווי אונזער יובילאר, פּיט קאהן, איז עס אן אמת וויכטיגע דעראייגעניס.

איך קען שוין אונזער בעל שמחה איבער א פערטל יאר הונדערט און איך ווייס אז אויסער זיין אויסערליכער גרויסקייט איז ער ניט מער ווי איי־נער פון פּאָלק, אלס אזעלכער לעבט ער זיך אויס, און דאָך איז פּ. קאהן אונטער זיין מאנטל פון דעמאקראטישער — עמך־דיקייט, א היבש ביסל אנדערש פון א דורכשניטלאכן אידן.

פילע מענטשן, וועלכע קענען דעם חתן היובל בלויז אויבערפלעכ־לאך, פילן זיך אַמאָל געטראָפן פון זיינעם אַ רוי און ניט גאָר געשליפענעם וויץ און קענען אים ניט פארגעבן. די אָבער וואָס קענען אים נעהענטער ווייסן אז כאָטש ער איז אַמאָל בייסיג, זיינען זיינע ביסן ניט קיין גיפטיגע און אז ער איז אויך א פּראָדוצירער פון האָניק. מען קען אויף אים ניט זאָגן „לא מעוקצך ולא מדובשך”, ווייל זיין ביס איז ניט קיין גיפטיגער, זיין האָניק איז אָבער זעטיק און דערקוויקענד. ווען צו דער געלעגנהייט פון זיין יובילי זאָל אונטערגעצייגען ווערן א חשבון וועט זיך ארויסווייזן אז אויף זיין רעכענונג מוזן אריינגעשריבן ווערן פולע בינשטאָקן מיט האָניק.

פּיט קאהן איז ניט נאָר אויסערלאך גרויס ער איז אויך גרויס אינער־לאך. ער באזיצט אַ טיפע נשמה, א גרויס און ברייט הארץ. פּיט קאהן ענטהאלט אין זיך די אייגענשאפטן פון דער יהודי הנצחי, וועלכער גיט זיך ניט אונטער אינם גרעסטן דרוק. ווי אלע געיאגטע און געפּלאגטע אידן פון זיין צייט, אין דעם צארישן רוסלאנד, איז אויך פּיט קאהן מיטן ווארצעל אויסגעריסען געוואָרן פון זיין געבורט לאנד, וואו ער האָט אי־בערגעריסן מיט זיין איינגעלעבטער קולטור, מיט זיינע אידעאל חברים און איז געקומען אין אמעריקא, ווי מען זאָגט, במקלו ותרמילו, האָט ער זיך דאָך צוריק איינגעווארצעלט אין זיין אדאפּטירט לאנד און איז שטארק גע־וואקסן.

בא אונז אין שטאָט, וואו קאהן האָט זיך איינגעלעבט, איז ניטאָ קיין איין וויכטיקע אינסטיטוציע, וואו קאהן האָט ניט צוגעלייגט אן אק־סעל. עס איז פּשוט ניטא קיין איין וויכטיקע אינסטיטוציע בא אונז אין שטאָט וואָס קאהאן האָט ניט געהאָלפן מיט ראט און טאַט און אזוי איז

אויך ניטאָ קיין איין ווערטפולער בנין אין דער גאנצער אידישער וועלט, צו עס איז דער ווילנער „איוואָ", דער „ארט", דער אידישער נאציאנאל פאָנד, דער קרן היסוד, דער געווערקשאפטן קאמפיין פאר דער הסתדרות, צו די ארויסהעלפער פון א דיכטער ארויסצוגעבן זיינע שריפטן וואו קאהן האָט ניט געהאלפן מיט צייט און געלט.

פיל מאָל האָב איך זיך געשטעלט די פראגע: פיטער קאהן, וואָס איז ניט געבענטשט מיט צופיל גבורה, וואו נעמט ער אזוי פיל צייט און ענער־גיע פאר אזוי פיל אקציעס? אפשר בין איך ניט דער איינציגער וואָס פרעגט אזוי, דער פאקט אבער איז אז ער טוט עס בשלמות, מיט זיין גאנצען ברען, מיט הארץ און נשמה. ס'פארשטייט זיך אז מיר אלע, וואָס זיינען קענען אים הינטערשטעליג, מוזן אים באוואונדערן. מיר אלע וואָס אנערקענען די וויכטיקייט, די פונקציעס און די נוצן וואס די אלע אינסטיטוציעס ברייגנען אין וועלכע קאהן נעמט אזא טיכטיגן אנטייל און פאר וועלכע ער גיט אָפּ אזוי פיל צייט און ענערגיע, מוזן אים ווינטשען אז ער זאָל לאנג לעבן און ווייטער אנגיין מיט זיין גוטער ארבעט.

איך צווישען אלע אנדערע, וואס שאצען אָפּ זיין ארבעט לטובת הכלל, לייג אויך צו מיין ברכה און זאָג — לך בכחך זה — חזק ואמץ!

משה גלאזער

פּ י ט

(א מעשה'לע פאר קינדער)

פאראן בא אונדז א איד
מיטן נאָמען „פּיט", —
זעהר א גרויסער איד . . .

געוואָרען זעכציג יאָר דער איד
מיט'ן נאָמען „פּיט", —
זינג איך אים א ליד

ווארום אַ איד
הייסט גאָר „פּיט", —
דאָס, קינדער, ווייס איך ניט . . .

איך ווייס נאָר אז ער דינט
דעם מענטש, דעם פאָלק באַדינט, —
האָט ער זיך אַ ליד דערדינט,

פּיט, —
דער גרויסער איד!

פּ. ריסקין

היתכן?..

אונזער, אָנגעלאָדענע מיט פּראָבלעמען, צייט ,האָט זיך בארייבערט מיט נאָך א פראגע, וואָס פאדערט א פארענטפערונג, ווייל... נור לאָמיר בעסער אָן איבעריקע פּאָרעדעס איבערגיין גלייך צום עצם ענין. און דאָס איז אָט וואָס :

עס גלויבט זיך ניט אז פּ. קאהן זאָל גערן אָנעמען דעם גאנצן טאַראַראַם פון א יובילעי, מיט א ספר היובל, מיט א באנקעט, וואָס זיינע פריינד האָבן פאר אים אראנזשירט, לכבוד זיין זעכציגסטן געבורטס־טאָג. עס גלויבט זיך ניט, ווייל אונז אלעמען איז באוואוסט זיין נעגאטיווע באציאונג צו אזעלכע פאַראַדנע מאַכינאַציעס.

עס גיבן אזעלכע כלל טוער וואָס זיינען, אזוי ווי, ספּעציעל באַשאַפן געוואָרן מ׳זאָל זיך מיט זיי ניאנטשען און גלעטן איבער׳ן קעפּעלע. דאָס איז די אטמאָספערע וואָס גיט זיי דערמוטיקונג אין זייער, אָפּטמאָל, סימפּאַטישע און נוצליכע כלל טעטיקייטן. אָן דער דאָזיקער אטמאָספערע קריגן זיי א געפיל פון געפאלענקייט, דאָס וואָס מען רופט אויפ׳ן וויסענשאפטליכן לשון „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס”. זעלבסטפארשטענדליך, כדי געזעלשאפטליך ניט אנווערן די נוצן פון אָט די „ווייכע” און דאָך סימפּאטישע מענשן דארף די געזעלשאפט זיי צו־ליב טאָן און האָבן אין זינען זייערע געבורטס־טעג, זילבערנע חתנות א. ד. ג.

אָבער פּיט קאהן איז ניט דער טיפּ מענש און אויך ניט דער טיפּ כלל טוער. אויב ער איז א גוטער מענש און אויפריכטיגער כלל טוער איז דאָס — ווייל אזוי איז ער, און דערוואַרט ניט קיינע אפּלאָדיסמענטן און לויב געזאנגען דערפאר. אמת, ער האָט שטענדיג טענות געהאט צו זיינע פריינד, הלמאי פארגעסט מען אָן אים: אלעמען מאכט מען באנקעטן און אים — ניט.

נור די איראָניע וואָס איז געלעגן אין זיינע טענות האָט אויסגעזאָגט, וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיינע טענות. דאָס האָט ער געפּראוועט זיינע — אלעמען באקאַנטע — „פּ. קאהנישע לצנות” אויף דעם חשבון פון דעם אָדער יענעם באנקעטישן יובילאַר, און געמאכט שפּאַס פון אים. אויב דאָס איז אזוי, דאָן פרעגט זיך א קשיא: — היתכן ? קען דאס זיין אז אפילו פּ. קאהן איז געשטרויכלט געוואָרן און איז אויך געפאלן א קרבן פון דעם באנקעטישן אפּגאָט ?

— ניין ! עס גלויבט זיך ניט.

איך געדיינק פּ. קאהנען פון ניו יארק, אונגעפער 35 יאָר צוריק, ווען „אונזער יובילאַר” איז ערשט געווען א פּשוטער פּראָלעטאריער מיט אן „איינקופּט” פון וואָסערע 12 דאָלאר א וואָך, מיט א גרייטקייט קומען יענעם צו הילף ווי דער איצטיקער פּ. קאהן, וועלכער איז שוין היינט ווייט־ווייט ניט קיין פּראָלעטאריער, נור פּראָלעטאריש געשטימט. דער פּיט קאהן

פון היינט האָט זיך, נאַטירליך, פיל געענדערט זינט אין ניו יאָרק, מיט דריי און א האלב צענדליק יאָר צוריק. אָבער אין זיין גרייטקייט יענעם העלפן — מיט ראַט און טהאַט, אָן פובליסיטי פאר זיך, אָן לויב געזאַנג און דאַנק דערוואַרטונג — האָט זיך פּ. קאהן אויב יע געביטן, איז דאָס צו א גרעסע־רען און א ברייטערן פארנעם.

איך קען גוט פּ. קאהנען און ווייס, אז אים איז היבש פּריקרע די אלע איבערטריבענע באנקעט רעדעס און זיסע אפּשאַצונגען וועגן אים. פּ. קאהן האָט מיינעם א פריינד, אין גאָר ניט קיין „געקליבענע ווערטער", אויסגע־רעט, הלמאי יענער האָט זיך באַנוצט מיט א שטאַרק באַנקעטישער שפּראַך (לויט זיין מיינונג) וועגן א געוויסן יובילאַר. פרעגט זיך טאַקע ווידער א קשיא:

— היתכן, ווי אַזוי קען דאָס געמאָלט זיין? האלט ניט פּ. קאהן פון באַנקעט־יובילייען, דאַן זאָל ער ארויסקומען בקול רם: — „באַנקעטאַ ניע זשעלאַיו !" און באַזאָלצן דאָס מיט זיינער א רוסישער אנצוהערעניש... אלאַ־וואַ־דען ער וויל יע א באַנקעט? טאָ קאַקאָווא טשאַרטאַ האָט ער זיך געלאַ־מאַיעט ווי א יונגע באַרישניע? א קאַקאָווא דיאַוואָלאַ האָט ער געפּראַוועט זיינע לצנות און אויסגעלאַכט אנדערע וואָס ווילן, נעבאַך, יע באַנקעטן? בלייבט טאַקע די קשיא ניט פאַרענטפערט, סיידן?... סיידן מ'זאָל זיך דער־לויבן עפּעס א ספּעקוליאַטיווע היפּאָטעזע, ווי צום ביישפּיל:

עס לייגט זיך גרייליך אויפ'ן שכל, אז חברה האָט געוואָלט פּ. קאהנען אָפּטאָן א שפּיצל. מ'האָט קאָנספּיראַטיוו באַשלאָסן אָפּרעכענען זיך מיט דעם גרויסן בחור פאר זיינע בייסענדע לצנות און חוזק מאַכעריי פון אלע־מעם געבורטסטעג באַנקעטן, וואָס יעדערער פון זיי האָט שוין אפשר גע־האַט, אָדער קלייבט זיך ערשט האָבן, אם ירצה השם. די קאָנספּיראַטאָרס האָבן, צווישן זיך, וואַרשיינליך, געטענה'ט אונגעפער דאָס זעלבע, וואָס לעאַניד אנדרעיעווס מויד — צו איר נאַאיוון גאַסט דעם רעוואָלוציאָנער:

— וואָסאַרא רעכט האָסטו ארומטראָגן זיך מיט דיין אומשולד, ווען איך בין זינדיק?

— „וואָס פאר א רעכט — האָבן די קאָנספּיראַטאָרס געטענהט — האָט פּיט מ. קאהן קאָקעטירן מיט זיין באַנקעטישער אומשולד, ווען מיר קענען זיך ניט ווערן קענן באַנקעטישן יצר הרע און פאַלן אריין אין זיין נעץ?"

און מ'האָט פּ. קאהנען אָפּגעטאָן א שפּיצל, מען האָט אים באַרויבט פון זיין באַנקעטישער אומשולד און... אַזוי איז פּ. קאהן, נעבאַך, געפאַלן א קרבן פון א קאָנספּיראַציע...

נור, ווי שוין געזאָגט, איז דאָס ניט מער ווי א ספּעקוליאַטוויער, און ניט אויף פאַקטן באַגרינדעטער, פאַרזוך פאַרענטפערן די פראַגע „פּיט קאהן און זיין באַנקעט".

יע, אונזער, אָנגעלאָדענע מיט פּראָבלעמען, ווירקליכקייט האָט זיך באַרייכערט מיט נאָך א פּראָבלעמע, וואָס מאָנט און פאָדערט א פאַרענט־פערונג...

מ. ראָטענשטיין

פּיט קאַהן — דער מענשענפריינד

(צו זיין זעכציג יאָריגען יובילײ)

פון דער אמאָליגער רעוואָלוציאָנערער אונטערערדישער רוסלאַנד איז פאַרוואָרפען געוואָרען מיט יאָרען צוריק אין דער פרייער ווילדער קאַליפאָרניע א איד וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען אוועקגעגעבן דער פרייהייט־באַוועגונג פון רוסישען פאָלק. אָבער אויך דאַן ווען דער הויכער אין וואוקס, ברייטער אין הארץ, האָט באמונה שלמה געגלויבט אז דורך די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערן וועט קומען די ישועה ניט נאָר פאַר דעם רוסישען פאָלק, די רוסישע אידען, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער וועלט — שוין דעמאָלט האָט ער געפילט אז ער ווערט געטריבן צו דער גרויסער, ריזיגער און מתירת נפשדיגער ארבעט דורך דעם עטישען כוח פון דער נביאישער לערע, וואָס איז געווען און איז פאַרבליבן די טרייב קראַפט פון זיין לעבענס גאַנג.

אידישע מאָראַלישקייט און רוסישע ברייטקייט (דושא נאַ ראַספּאַשקו) זיינען ביז היינט צו טאָג פאַרבליבן די צוויי אָנגעזעצטע שטריכן פון פּיט קאַהן. פונקט ווי אין זיינע יונגע יאָרן דורך רעוואָלוציאָנערע מעשים, אזוי איצט, ווען שוין זעכציג יאָר אַלט, דורך מענשליכער פאַרשטענדיגונג און הומאַניטאַרישער הילף — האָט פּיט זיך אויסגעאַרבעט א באַשטימטע פילאָסאָפיע אין לעבן, וואָס קיין זאַך, אפילו זיין וויציגער און שאַרפער הומאָר, ווי אייניגע ווילן, קען ניט צודעקן.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס כמעט אַלע פירענדע און פּראָמינענטע כוחות אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג זיינען געווען מענשען מיט ברענענדיגער התלהבות און חסידישער דערהויבענקייט. און עס פאַרשטייט זיך אז די אידען וואָס האָבן זיך אנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג — צי עס איז געווען זשיטלאָווסקי, ראָזענבאַום, דר. שטיינבערג, פּיט קאַהן אָדער אַנדערע — אַלע זיינען געווען מענשן מיט א וואַרימער באַציהונג צו אידישקייט אויב ניט אין איר נאַציאָנאַלן, איז עס זיכער געווען אין עטיש רעליגיעזן זין. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס א גרויסע צאָל אמאָליגע ישיבה בחורים, תלמידי חכמים און אידישע עילוים זיינען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן דערפילט די דערהויבענקייט, ערליכקייט און מאָראַלישע הויכקייט פון דער סאָציאַל רעוואָלוציאָנערער פילאָסאָפיע. עס איז געווען א באַוועגונג פון אינטעלעקטן, וואָס האָבן זייער וויסן ניט ראַציאָנאַליזירט, נאָר עס געלאָזט פילן דורך עמאָציעס און אינסטינקטן — און דערפאַר אזוי נאָהנט פאַרבונדן אפשר ניט מיט רעליגיע, איז מיט רעליגיאָזיטעט אין איר שענסטן און מענשליכסטן זין פון וואָרט.

אָט די אידיש־עטיש־סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע שולע איז דורכגעגאַנגען פּיט קאַהן און מיט זיין אייגענאַרטיגן אינדיווידועלן כאַראַקטער האָט

ער אלץ וואָס ער האָט דאָרט געלערנט און זיך אויסגעלערנט — אריבערגע־בראכט קיין אמעריקע.

די אַמאָליגע רוסלאַנד פון דער „אינטעליגענציא" און די אויבער־פּלעכליכע, צייטענווייז וואולגארע אמעריקע — זיינען די צוויי כוחות וואָס האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן אין פּיט קאהנ׳ס אינערליכער סטרוקטור — און א ויתרוצצו, וואָס וועגט שטענדיג איבער אויף דער זייט פון „אַמאָל", איז דער כאראקטער שטריך פון דעם צווייטן העלפט פון זיין ביז איצטיגן לעבן.

פּיט קאהן ווילט זיך, פּיט קאהן קריטיקירט, שטעכט מיט א סאַ־טירישן מעסער פון א מענדעלע מוכר ספרים אָדער גליעב אוספּענסקי (בייביידן האָט ער געלערנט), לאַכט, מאַכט חוזק, און צייטענווייז ציניש, גיט דעם איינדרוק, אז קיין זאך ארט אים ניט אָבער אונטער דעם אלעמען — וואָס איז ניט מער ווי אן אָנגענומענער אָדער ארויפגעצוואונגענער אוי־בערפלאך — איז באהאלטן דער סימפּאטישער מענש דער וואָס ליידט, טראָגט זיך שטענדיג ארום מיט דעם וועלט שמערץ. און עס איז גאנץ מעג־ליך, אז דערפאר וואָס פּיט קאהן קען ניט קומען צום אויסדרוק ווי ער וואָלט וועלן, ווי ער פילט — און זייער ווייניג פילן ווי ער — אז צוליב דעם אלע־מען, איז ער געוואָרן דער שטאָט ווייצלער אזוי צו זאָגן.

אָבער די סימפּאטישקייט, ליידן און וועלט שמערצליכקייט זיינען ניט אזוי באהאלטן, ווייל מ׳גיט נאָר אפילו ניט קיין דורכדרינגליכן בליק און מ׳זעט פּיט׳ן איבעראל — אין סאנאטאריום, אין מושב זקנים, אין גמילת חסדים, אין יעדער אידישער קולטורעלער אונטערנעמונג, שוין ניט ריי־דענדיג וועגן ברייטע פּאָלקס אקציעס ווי דער „אָרט", אידישע ערציאונג און אודאי אודאי אין דער אויפבוי ארבעט פון ארץ ישראל.

דאָס זיינען אָבער נאָר די עפענטליכע ארבעטן. אין דער שטיל איז פּיט קאהן נאָך מער פארנומען. אין זיין אָפיס ווי אין דער היים, וועט מען שטענדיג טרעפן מענשן, וועלכע קומען צו אים נאך אן עצה, בעטן א טובה ווי צו באפרייען אן אייגענעם פון אן אומגליק און ענליכע זאכן. אפילו די אידישע ארעסטאנטן פארגעסט ניט פּיט. ער זעט זיי זאָלן זיין באזאָרגט אויף די אידישע יום טובים מיט אידישקייט — גייסטיגער און פיזישער. עס איז דאכט זיך ניטא קיין איין סכסוך צווישן ארבעט און קאפּיטאל, וואו קאהן זאָל ניט זיין דער בורר. ער איז פארשטייט זיך אן אנהענגער פון ארבעטער אינטערעסן. האָט ער טאקע יוניאָניזירט זיין אייגענע אינדוס־טריע און דערפאר האבן אים די באַלעבאָטים ארויסגעוואָרפן פון דער אָרגאניזאציע. עס ארט אים אָבער ניט — ער דערציילט די מעשה מיט א שמייכל — עס טוט אים הנאה, וואָס עס איז אים געלונגען.

די שטאָט קען אים און ער קען די שטאָט — ניט שטענדיג איז צווישן זיי פאַראַן שלום, אָבער דאָס איז דערפאר ווייל ער זאָגט שטענדיג וואָס ער וויל, קריטיקירט אפילו די „גרעסטע", וואָס א גרויסער צאָל פון זיי זיינען אין זיינע אויגן גאר ניט אזוי גרוים — אפשר גאָר קליין — און ער גייט זיך זיין אייגענעם וועג.

דער יחיד איז פאר אים א וויכטיגער ענין. ער איז זיכער אַן אינדיווי־דואַליסט, וואָס וויל געפינען אַן אויסדרוק פאר זיך און די ארומיגע, און דאָ וואו עס הויבט זיך אָן די טראַגעדיע. מ'לעבט אין אַן ארט, וואס איז רייך, רוהיג, אָן מורא פאר פּאָליטישע געפאַרן און ניטאָ קיינער — וואָס זאָל עפּעס אויפהויבן א שטורעם, וואָס זאָל וועקן און רופן...

אויף פּיט קאהנ'ס טיש געפינט מען א תנ"ך, א גמרא און צווישן דעם גרויסן טומל, כאַפּט ער א קוק אריין אין די ספרים. ער ווייסט אז דאָס גיט אים שטאַרקייט, דאס פירט אים צוריק צו די אורקוואַלען און יסודות פון זיין גאַנצן לעבן און ער איז צפרידן, וואָס ער קאָן כאָטש אויף אזא אופן געפינען א וועג פון בארוהיגונג און מעגליכקייט פון זעלבסט־דערהויבענ־קייט. און פאר דער קורצער צייט וואס איך קען אים, האָב איך אין אים א סך דערהויבענע מאָמענטן געזען

פּיט קאהן — ווען ער כאפּט א בליק אויף צוריק — זעט ער פאר זיך א רייך דורכגעגאַנגענעם לעבן. עס פּארמאָגט אַלץ — א רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, אידישע התלהבות און עטישע דורכדרינגליכקייט — זאַ־כען וואָס האָבן אויסגעפורעמט אזא שיינעם און הארציגן מענשן ווי פּיט קאהן.

ל. סיגאל

פריינט פון אידישער ארבעטערשאַפט

איך שיק א הארציקע און חבר'שע באגריסונג צו חבר און פריינט פּיטער מ. קאהן צו זיין 60 יאריקן יובילײ.

חבר קאהן פארנעמט אַן אייגנאַרטיקע פּאָזיציע אין דעם אידיש גע־זעלשאפטלאַכן לעבן אין לאַס אנדזשעלעס און זיין נאָמען און געזעלשאַפט־לאַכע טעטיקייטן גייען ווייט אריבער די גרעניצן פון זיין שטאַט. די פאלקס־טימלאַכקייט און די פיינע באַציאונג פון פּיטער מ. קאהן צו ענינים וואָס האָבן א ווערט אין אידישן און אין ארבעטער לעבן ווערן אפּגעשאַצט אין אַלע קרייזן פון דער אידישער געזעלשאפט און פון אַלע די וואָס האָבן גע־האַט א געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן קאהנ'ס אַקטיוויטעטן און זיין פיינע באַציאונג צו זאַכן וואָס טראָגן מיט זיך אידעאַליזם און אָפּפערוויליקייט.

די אידישע ארבעטער באַוועגונג אין ארץ־ישראל האָט אין פּיטער מ. קאהן א הארציקן פריינט און געטרייען מיט־ארבעטער, ווייל ער זעט אין דער ארבעט פון דער הסתדרות די אייביקע ווערטן וואס ווערן הייליק גע־האַלטן אין דעם אידישן פאָלק און דעם אידעאַליזם וואָס די אידישע אר־בעטער אין ארץ ישראל ווייזן ארויס צו קאמפן און טעטיקייטן פון אי־דישן פאָלק, פון דער ארבעטער באַוועגונג און פון דער פּראָגרעסיווער מענשהייט בכלל.

צוזאמען מיט אונזער באגריסונג ווינטשן מיר דעם יובילאַר נאָך פילע יאָרן פון גליק אין זיין פערזענלאַכן לעבן און פּרוכטבארע ארבעט אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלאַכע אַקטיוויטעטן וואָס זענען אים נאָענט צום הארצן.

אַ וואָרט פון אידישן וויסענשאַפטלאַכן אינסטיטוט

זייער חשובע רעדאקציע :

איך דאַנק אייך פאר דער פארבעטונג זיך צו באטייליקן אין דער פייערונג פון דעם 60־יאָריקן געבוירנס־טאָג פון פּיטער מ. קאהן. עס האָט מיך באמת געפרייט צו הערן פון אייער איניציאַטיוו לכבוד איינעם פון די געטרייסטע טוערס פאר דער יידישער קולטור און דער ווייטער „מלאכים־שטאָט". עס איז נאָך פריש אין מיין זכרון מיין באַזוך אין לאָס אַנדזשעלעס לטובת דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און דער אינטערעס וואָס פּ. קאהן האָט ארויסגעוויזן צו מיין שליחות. יונג, אין סאמע אָנהויב איז נאָך דעמאָלט געווען דער ייוואָ, וואָס איז איצט אויסגעוואקסן צו דער מדרגה פון אונדזער אלוועלטלעכן קולטור־צענטער, אָבער פּ. קאהן האָט שוין דעמאָלט אָפּגעשאַצט דעם גרויסן באטייט זיינעם און האָט אויסגענוצט זיין גאנצע השפעה, אז דאָס ערשטע ייוואָ־שליחות אין לאָס אַנדזשעלעס זאָל געראָטן. דעמאָלט האָב איך געהאט די געלעגנהייט צו דערקענען די גאַנצע ליבלעכקייט פון פּ. קאהן, זיין פריינדלעכקייט, זיין אינטימע באַהעפטונג מיט די יידישע קולטור־ווערטן.

איך באַגריס אין מיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט דעם חשובן בעל־יובל און ווינטש אים אריכת ימים און אַ סך אויפטוען פאר דעם יידישן קולטור־בוי אין לאָס אַנדזשעלעס. איך באַגריס אויך דאָס יידישע לאָס אַנדזשעלעס, די בעסטע אינטעליגענץ זיינע, אָרגאַניזירט אין דעם יובל־קאָמיטעט לכבוד פּ. קאהן, פאר אכפּערן איינעם פון אירע בעסטע פאָרשטייער. איך ווינטש דעם יידישן לאָס אַנדזשעלעס, אז דער יובל פון פּ. קאהן זאָל סיגנאַליזירן אַן אויפשטייג פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט אין אייער שטאָט. אין די היינטיקע צייטן פון די שווערסטע נסיונות, וואָס זיינען באַשערט אונדזער פאָלק, קען נאָר די יידישע קולטור אונדז העלפן ארויסגיין בשלום, געשטאַרקט און געלייטערט, פון דעם מסוכנעם קריזיס.

מיט יידישן קולטור־גרוס, אייער זלמן רייזען

א. לוצקי

די פרייד דאַרף ערשט זיין

(צו פּיטער קאַהן)

אַ צוויט איז נאָך טרוים. אַזוינס און אַזוי —
און רויזן נאָך געל. ווי נאָך קיינמאָל געווען.
די ערד איז נאָך פריש.
די זון איז נאָך העל. און דו פּיטער קאַהן,
מיט פריילעכן שוואונג —
די פרייד דאַרף ערשט זיין —וועסט לעבן נאָך לאַנג,
עס וועט נאָך געשען. און לאַנג נאָך זיין יונג.

דוד גיסנעט

1912 — אַ כאַראַקטעריסטישער יאָר אין פּיט'ס לעבען

גראַד וועגען דעם לאַנגען „פּיט" ווילט זיך שרייבען באריכות, נאָר אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר פאָדערט מען זאָל עס מאַכען בקיצור, איז ביי מיר געבליבען צו פאַרצייכענען פּיטס טעטיגקייט פאַר 1912, אויסגעקליבען האָב איך יענעם יאָר, ווייל איך בין דאַן מיטן בעל דבר געווען באַזונדערס נאָהענט, האָב געוואוסט פון יעדען שריט, וואָס ער האָט געמאַכט און מיר דאַכט זיך, אַז 1912 איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַהנס טעטיקייט סיי אין פריערע, סיי אין שפּעטערע יאָרען.

קאַהן האָט דעמאָלט געהאַט אַ קליין געשעפט, פון וועלכען ער האָט געהאַט גרויסע צרות (זיינער אַ שותף האָט אים פּונקט דאַן באַגנבעט) און די אַסטמאַ, פון וועלכער ער ליידט האָט אים ניט געלאָזט רוען, נאָר ער האָט ניט צוגעלאָזען, אַז פינאַנציעלע שוועריקייטען און דאָס שוואַכע געזונט זאָלען אים שטערן אין זיין קולטורעלער און געזעלשאַפטליכער אַרבעט.

אין רוסלאַנד איז קאַהן געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי עס. ער. כאָטש ער איז שוין אין 1912 געווען אַ היפּשע עטליכע יאָר אַוועק פון רוסלאַנד, איז ער נאָך דאַן געווען ענג פאַרבונדען מיט דער עס. ער. באַוועגונג. ער האָט קאָרעספּאָנדירט מיט חברים אין פאַרשידענע לענדער, האָט באַקומען אַלע זייערע אויסגאַבען און זיין הויז איז געווען אַ מין צענטראַל סטאַנציע פאַר יענע מזלדיגע חברים זיינע, וועמען עס איז געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען פון סיביר און וועמען עס האָט זיך איינגעגעבען זיך צוצושלאָגען קיין קאַליפאָרניאַ.

קאַהן איז עד היום פאַרבליבען אַן עס. ער., נאָר אין אַמעריקאַ האָט ער אַלע יאָרן צוזאַמענגעאַרבעט מיט אַלע ראַדיקאַלן. אין 1912 האָט קאַהן מיטגעהאָלפען דער לאָקאַלער ראַדיקאַלער באַוועגונג און האָט געשטיצט זייערע אונטערנעמונגען מיט אַ ברייטער האַנט. אין יענעם יאָר האָבען עמאַ גאָלדמאַן און ה. ווייַנבערג באַזוכט לאָס אַנדזשעלעס און די לאָקאַלע אַנאַרכיסטען האָבען מיט זיי דורכגעפירט אַ רייע געלונגענע לעקציעס. אין יענער צייט איז די אַנאַרכיסטישע גרופּע געווען די איינציקע וואָס האָט אָנגעפירט אַ לעבעדיקע טעטיקייט און פּיט האָט פיל מיטגעהאָלפען .

אין 1912 האָבען עטליכע אידישע אינטעליגענטען, ווי דר. ל. בלעס, די ברידער אהרן און חיים שאַפּירא, י. נאָומאָוו, נח מישקאָווסקי א. א. געלעגט אין לאָס אַנדזשעלעס דעם פונדאַמענט פאַר דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג. דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער פאַראיין, ווי די ניי געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע האָט זיך גערופען, האָט געטאָן אַ סך גוטע, קולטורעלע אַרבעט אויף פאַרשידענע געביטען, נאָר זיין וויכטיגסטער אויפטו איז געווען די גרינדונג פון דער ערשטער אידישער פאָלק־שול אין לאָס־אַנדזשעלעס. פּיט

קאהן איז געווען איינער פון די ערשטע און ענערגישסטע מיטגלידער פון דעם פאראיין.

אין 1912 האבן עטליכע אידישע אידעאליסטען באשלאסען צו בויען א סאנאטאריום פאר שווינדזוכטיגע. פיטער קאהן איז געווען איי־נער פון די ערשטע מיטגלידער פון דעם סאנאטאריום קאמיטעט און ער האט דער אונטערנעמונג אוועקגעגעבן א מאסע צייט, ענערגיע און געלט.

אין 1912 האט די א. וו. אנגעפירט אין סאן־דיעגא א לאנגען און פארביטערטען קאמף פאר פארזאמלונגס און רעדע פרייהייט, כאטש דער קאמף איז פארגעקומען אין סאן דיעגא, האט זיך די הויפט־קווארטיר, וואו מען האט געמאכט פלענער, מושטירט רעזרוון און געזאמעלט מיט־לען, געפונען אין ל. א., פיט קאהן האט זיך אין יענעם קאמף באטייליגט, האט צוגעטראגן באדייטענדע סומען, האט יעדען טאג געשיקט זעק מיט קאר־טאפל און קעסטלעך פרוכט אין דער הויפט קווארטיר פון די א. וו. און האט מערערע פון זיי באזארגט מיט ארבעט.

אין 1912 האבן די מעקסיקאנער אנארכיסטען געהאט א גרויסע בא־וועגונג אין ל. א. זיי האבן ארויסגעגעבן א גרויסע, אינהאלטסרייכע צייט־טונג און האבן אפט דורכגעפירט ריזיגע פארזאמלונגען. פיט קאהן איז געווען א טעטיגער מיטגליד פון דער מעקסיקאנישער גרופע „רעגענעראסיאן" און ער האט די באוועגונג געשטיצט מיט א ברייטער האנט.

צו דערגענצען דאס בילד מוז איך זאגן עטליכע ווערטער מכח פיט קאהנס צדקה. אין 1912 האבן אידישע ראדיקאלען פון צדקה ניט געהאל־טען. צדקה איז א פאליאטיוו, און זיי האבן געפאדערט די אמתע רפואה, די סאציאלע רעוואלוציע. וואס קאהנס מיינונג איז געווען ווייס איך ניט, ווייל איך האב מיט אים וועגען דעם ניט גערעדט. איך ווייס אבער יא, אז ער האט עטליכע ניי צוגערייזטע געהאלפען זיך עטאבלירען ווי פרוכט און גרינס הענדלער. ער האט פאר יעדען פון זיי געקויפט א פערד און וואַ־גען און זיי אוואנסירט גענוג געלד כדי זיי זאלען האבען מיט וואס צו פירען מסחר. איך מיין, אז יענע צדקה קאהנס איז וויכטיגער פון דער צדקה, וואס ער האט געטיילט אין שפעטערע יארען, ווען ער איז רייך געווארען; ערשטענס דערפאר, ווייל ער אליין איז דאן געווען א קנאפער עושר, און, צווייטענס, ווייל יענע צדקה האט געהערט צו דער קאטעגאריע מתן בסתר.

אט דאס, אויף וויפיל איך געדענק, איז דער סך הכל פון פיט קאהנס טעטיקייט אין 1912, און פון אויסגערעכענטען צעטל קען מען גרינג ארויס־זעען קאהנס פרינציפיעלע אויסגעהאלטענקייט, זיין ברייט מענטשליך הארץ און זיין אומדערשעפליכע ענערגיע. פאר אט די מידות איז מיר פיט ליב, צוליב זיי האב איך פאר אים דרך ארץ, א דאנק זיי בין איך שטאלץ, וואס ער ציילט מיך צווישען זיינע פריינד.

צו דער געלעגענהייט פון זיין זעכציג יעריגען יובל ווינש איך אים א לאנג און גליקליך לעבען.

מאַרק קאַרטער

פון ראָסטאָוו ביז לאָס אַנדזשעלעס

דער יאָר ניינצען הונדערט און דריי. די שווידערלאכע רעאקציע פון ניקאָליי דעם צווייטען און פּאָבעדאָנאָסצעוו בורשעוועט אומ'ברחמנות'דיק איבער גאַנץ רוסלאַנד. גלייכצייטיק צושפּרייט זיך די אונטערערדישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג און די אינטעליגענץ צוזאַמען מיט די אַרבעטער פירען דורך זאַבאַסטאָווקעס און דעמאָנסטראַציעס. אפילו די קאָזאַצקע נאַגאַיקעס און די זשאַנדאַרמסקע פּוליעס האָבען ניט קיין שום האַפּט. די רעוואָלוציע צעברויזט זיך מיט דעם אימפּעט פון אַ פייערשפּייענדען וואולקאַן.

אין מאָנאַט מאַרט פון דעם זעלבען יאָהר ברעכען אויס דעמאָנסטראַציעס איבער דער ברייט און דער לייִנג פון דער פריערדיקער צאַרישער אימפּעריע. אָבער אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פאַרנעמט די פּראָטעסט דעמאָנסטראַציע וואָס איז פאָרגעקומען אין ראָסטאָוו נאַ דאָנו, דעם צווייטען מאַרט, באַוואוסט אַלס די „מאַרטאָווסקאַיאַ דעמאָנסטראַציע". די אָרטיקע אייזענבאַן אַרבייטער צוזאַמען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, אונטער דער פירערשאַפט פון אַלעקסאַנדער בראַילאָווסקי, באַטייליקען זיך.

אין אַ טאָל צווישען צוויי הויכע בערג מאַרשירען טויזענטער מענשען מיט פאָנען און פּלאַקאַטען. די פּראָצעסיע ציט זיך דורך דער ברייטער גאַס סאַדאָוואַיאַ, מ'זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער. אפילו די פּאָליציי ווערט באַגייסטערט און שליסט זיך אָן אין די מאַרשירענדע רייען: מען מאַרשירט שטאָלצערהייט צו דעם פאַרזאַמלונג פּונקט. דאָרט וואַרטען שוין די רעדנער אויף די טריבונעס מיט זייער פלאַמפייערדיקע און אידעאַליסטישע רעדעס. פּלוצים באַווייזען זיך מחנות צעיושעטע קאָזאַקען אויף פערד מיט לאַנגע פּיקעס, זשאַנדאַרמען מיט בלויזע סאַשקעס און פּאָליציי מיט ביקסען. די קאָזאַקען רייסען זיך אַריין צווישען די מאַרשירער. אַ שיסעריי. עס קומען פאָר בלוטיקע צוזאַמענשטויסען. דער פּריסטאַוו, אַנטאָנאָוו, ווערט דערמאָרדעט און הונדערטע דעמאָנסטראַנטען ווערן אַרעסטירט און אַריינגעשליידערט אין די פאַרבאַריקאַדירטע קאַזעמאַטען פון דער ראָסטאָווער טורמע. אין דער צייט איז פּיט שוין געווען אַ תושב אין דער ראָסטאָווער טורמע. מ'האָט אים אַרעסטירט גלייך ביי זיין אָנקום פון סאַראַטאָוו אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן.

אין דער צייט ווען די דערמאָנטע דעמאַנסטראַציע איז פאָרגעקומען און כמעט אַלע דעמאַנסטראַנטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, איז אין דער טורמע ניט געווען קיין באַזונדערע צעלן פאַר אַלט פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען געזעצט צו צוויי און דריי אין איין צעל. דעמאָלט האָט מען דעם אַרעסטירטן אָסקאַר קאַרטאָזשינסקי צופעליק אַריינגעזעצט אין זעלבן צעל מיט קאַהנ'ען

מיין מאַמע, חיה קאַרטאַזשינסקי, האָט זיך אַליין באַשטימט אַלס גע־קעכין־טרעגערין פאַר איר זון אין טורמע. פיט איז געווען אַ פרעמדער און האָט קיינעם ניט געהאַט ווער עס זאָל זיך פאַר אים זאָרגן וועגן עסן. האָט חיה איינגעוועגס שוין אויך אים מקרב געווען. אָבער פיט האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן אַפּעטיט, פלעגט ער אַריינקיבעצן אָסקאַר׳ן, אַז פאַר זיין פאַר־ברעכן וועט מען אים פאַר׳משפטן אויף קאַטאָרגע. אויס פּחד פלעגט אָס־קאַר ניט קענען עסן. נו, האָט זיך פיט דערוויל געקעכבעלט און געזאַמעלט פריש כחות אויפן ווייטערדיקן קאַמף. ווען מ׳האָט אָסקאַרן באַפרייט האָט פיט געפילט אַז דאָ איז ער אַ פאַרלוירענער. אָבער מיין מאַמע האָט אים פאַרזיכערט אַז זי וועט אים ברענגען עסן פּונקט אַזוי ווי איר אייגע־נעם זון. אַזוי איז עס טאַקע געווען ביזוואַנעט ער איז אַרויס פון טורמע, און איז מיט נאַדיען אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן.

מיט אַכצען יאָר שפּעטער, אויפן וועג קיין אַמעריקע, אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל באַקום איך אַ בריוו פון מיין ברודער אָסקאַר, אַז פיט קאַהן, זיין אַמאָליקער טורמע חבר, געפינט זיך אין לאָס אַנדזשעלעס, די שטאָט וואו איך קלייב זיך פאָרן.

אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס האָב איך אים געטראָפן אַלס פאַר־מעגליכען געשעפטסמאַן. אָבער מערקווירדיק, ער האָט זיך אויף אַ האָר ניט געענדערט. דער זעלבער פיט ווי אין רוסלאַנד; דער זעלבער שמיי־כל, די זעלבע גוט׳מוטיקייט, די זעלבע גרייטקייט צו העלפן אַ מענשען, ווער עס זאָל ניט זיין. אַ דאַנק אים בין איך אין 1923 אַריינגעצויגען גע־וואָרען אין דער אַרבעט פון סאַנאַטאָריום און אַנדערע וויכטיקע געזעל־שאַפטלאַכע טעטיקייטען. אָפטמאָל איז ער געווען מיין בעל יועץ אין אַ געשעפטליכען זין, כאָטש ניט אַלעמאָל האָב איך זיין עצה אָנגענומען. וואָס וואונדערט מיך אַמשטאַרקסטען איז ווי אַזוי אָט דער גרויסער רעוואָלו־ציאָנערער גייסט מיט אַזאַ אומרואיגע נאַטור האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערען אין אַן ערפאָלגרייכען קאָמערסאַנט. דאָס איז אַ רעטעניש וועלכען איך נעם זיך ניט אָן צו לייזען.

אין יענע יאָרן איז די קאַהן היים געווען אַן אמת׳ע עיר מקלט. עס איז געווען אַן אָפענע הויז פאַר אַלעמען. דאָ פלעגען זיך צונויפקומען די רוסיש־אידישע אינטעליגענץ וואו מען פלעגט דיסקוטירען און אויסאַרבייי־טען פּלענער פאַר אַ סך ראַדיקאַלע טעטיקייטען, פּונקט ווי אין רוסלאַנד. פּאָליטישע פּליכטלינגע און אימיגראַנטען פלעגען אויפגענומען ווערען בסבר פנים יפות. אַפילו היינט־צו־טאָג איז די קאַהן היים אַ פאַרזאַמלונגס פּונקט און אַ מרכז רוחני פאַר די יעניקע וואָס קומען אין שטאָדט אין די אינטערעסען פון דער אידישער קולטור, אַנשטאַלטען און באַוועגונגען וואָס האָבען אַ שייכות ניט בלויז מיטן אידישען לעבען נאָר אויך מיט די אַלגע־מיינע אינטערעסען פון דער גאַנצער מענשהייט.

איך וויל בלויז אָנרירען נאָך איין שטריך פון זיין מערקווירדיקען כאַראקטער. אין שטאָדט קוקט מען אויף אים ווי אויף א תלמיד חכם, דער עיקר ווען עס האנדעלט זיך וועגען ארויסגעבען א גערעכטען פסק־דין אין א סכסוך. עס איז א באוואוסטע זאך, אז ווען עס קומט פאָר א שטרייט צווישען ארבעטער און באלעבאטים קלייבט מען אים תמיד אויס אלס בורר און אלעמאָל ווייזט ער ארויס געוואלדיקע חריפות אין דעם ארט ווי אזוי ער זוכט זיך צו דערגרונטעווען צום עצם פון די טענות און תביעות פון ביידע צדדים און שטענדיק איז זיין פסק־דין א יושר'דיקער. איך מיין, אז די פּיאיקייט אין קענען זיך פאנאנדערפלאָנטערן אין אזוינע הארבע ענינים האָט ער גע'ירשנ'ט פון זיין טאטען, דער געוועזענער רב הכולל פון קיעוו, הרב מנחם מן הכהן. נימ נאָר האָט ער גע'שמט מיט זיינע למדנות, בקיאות און חריפות, נאָר אויך מיט זיין ברייטהארציקייט, — דער עיקר, מיט זיין יושר'דיקע האנדלונגען און פסק דינ'ס וואָס ער פלעגט ארויסגעבען אין אלע סכסוכים בן אדם לחברו.

פארשטייט זיך אז דאָ האָב איך בלויז אָנגעמערקט אייניקע עפּיזאָדען און שטריכען אין דעם יובילאַר'ס לעבען. צו שרייבען אן אפּשאצונג און מאכן א סך הכל פון זיין פארבענרייכען לעבען וואָלט זיך געפאָדערט א באַזונדערס גרויסער בוך. דעריבער וויל איך פארענדיקען מיט א פּאָר הארציקע ווערטער:

„חבר פּיט, עס איז אלע מאָל געוועזן א כבוד און פּריווילעגיע צו ארבעטען מיט דיר אין די פילע אונטערנעמונגען לטובת הכלל. דו ביזט אלע מאָל גרייט, געזונטערהייט און קראנקערהייט, צו טאָן וואָס דו באטראכסט נימ אלס פליכט נאָר אלס א יושר'דיקער פועל יוצא פון דיין טיפער מענשליכקייט. און דאס איז דער עיקר, וואָרים ווען ער מענש דערפילט די מענשליכקייט אין א צווייטען, ווערט ער צוגעצויגען צו אים און דערהויבט זיך אליין צו העכערע גייסטיגערע ספערען. דו האָסט מיר אלעמאָל אינספּירירט צו טעטיקייט. איך באגריס דיך און דיין ליבע פרוי, נאדיע, וועלכע פארדינט פונקט אזוי פיל כבוד ווי דו, ווייל זי האָט אויך א טייל אין אלע דיינע טעטיקייטען. גיי אָן מיט דער ארבעט און לאָמיר נאָך האָבען א סך נחת פון דיר".

מאָריס מאָסקאָוויטש

גרויסאַרטיק!

פּריינט פּיטער —
אַלס מענטש ביזטו גרויס!
אַלס איד זעהר אַרטיק,
מיט איין וואָרט, — גרויסאַרטיק.

א. באַביטש

„אַ רוהיק לעבן"

(אַ מיניאַטור „מעלאָ־דראמע" אין איין אקט)

די סצענע שטעלט פאָר אן אפיס איבערגעצאמט מיט א ווענטלאויף צווייען. לינקס געפינט זיך דער בוכהאלטער „ניק", וועלכער איז פאַר־טאָן אין דער ארבעט קלאפענדיק אויפן רעכן־מאשין; אויך דער מענעד־זשער דזשים, וועלכער אונטערהאנדלט עפעס מיט א פאָר מענשן. זיי אמעפרן זיך און פרובירן איבערצושרייען איינע די אנדערע. רעכטס אויפן צווייטן זייט ווענטל זיצט ביי א דעסק דער באָס, פיטער מ. קאהן, אָדער ווי קיבעצער רופן אים „פּיאָטער וויליקי". און דער גאנצער טומל פון צווייטן זייט גייט אים ניט אָן.

ביי פיטן אויפן דעסק איז גאנץ געדיכט. עס ליגט א היבש בערגל רעסיטס, אייניקע אידישע און ענגלישע צייטונגען. אויף דער אויבערשטער טייל פון דעסק ליגט א גרויסער אלטער ספר, א גמרא, דעם רמבמ'ס מורה „נבוכים". אויף דעם לעצטן ספר ליגט א ריזיק גרויסע פּאַטייטאָ. ביים עק דעסק ליגן א פּאָר אידישע זשורנאלן, א קאָפּיע פון „כנסת ישראל" און א צאָל סואווענירער זשורנאלן פון פארשידענע ארגאניזאציעס. „פיט" זיצט אָנגעטאָן אין הוט און מאַנטל, רויכערט א סיגארעטל, און חשבונט עפּעס פון די רעסיטס. ביים עק דעסק זיצט בראָדסקי, א כלל טוער, פּיט'ס א חבר פון דער באוועגונג. ער רויכערט איין סיגארעטל נאָכן צווייטן און רעט שטיל צו „פיטן".

בראָדסקי: — חבר קאהן מיר קאָנען דאס ניט אפּלייגן, מירן פארלירן אונזער לאַט אויב מיר וועלן ניט שאַפן דאָס איבעריקע געלט ביזן ערשטן, איר מוזט ארויסגיין היינט מיט לובינען שאפן א ביסל געלט.

פּיט: — (בעט זיך ביי אים) — גזלן, ווי קאָן איך היינט ארויסגיין, אז איינס אזייגער האב איך אן ארביטריישאָן קיים צווישן די רבנים מיט א קאָ־מיטע פון דער קהילה און ווער ווייס ווי לאנג עס וועט זיך פארציען, און נאָך דער ארביטריישאָן מוז איך גיין אין דזשייל... עפּעס האָט מען דאָרט ארייַנגעזעצט א אידן וואָס מען דאַרף אים ארויסנעמען. מ'האָט מיך וועגן דעם אָפּגערופן פון דער פעדעריישאָן.

בראָדסקי: — טאָ זאָל זיין מאָרגן. אבער אויף מאָרגן האָט איר דאָך נאָך ניט קיין אפּאינטמענטס.

פּיט: — מאָרגן? מאָרגן? וואַרט, איך וועל אייך באלד זאָגן (קוקט אויף זיין קאלענדאר), האָ? אָט האָט איר עס, מאָרגן האָב איך א מיטינג מיט די לערער, „די היברו טיטשערס", עפּעס איז דאָרט א סכסוך וועגן זייער יוניאָן איך מוז דאָרט זיין, און נאָך מיטאג פאָרן מיר א קאָמיטע קיין פּעטן באזוכן די משוגעים. איר האָט אויך געמעגט אהין צופאָרן, איר וואָלט דאָרט עפּעס געלערנט... אפשר געוואָרן אביסל קלוגער...

בראָדסקי: (וויל עפּעס זאגן אָבער דערווייל קלינגט דער טעלעפאָן)

פיט : — העלאו! העלאו: אה: נאדיע דו? וואס מאכסטו? הא? וואָס זאגסטו איך זאָל קומען פריער אהיים, מיר דארפן גיין צו די קינדער אויף וועטשערע? ווי קען איך קומען פריער אז איך דארף גיין אין דזשייל... שא משוגענע וואָס קאכסטו זיך. איך גיי דאָרט ניט זיצן. פאר וואָס זאָל איך זיצן פאר ביגאמי? מ'דארף ארויסנעמען א אידן וואָס זיצט דאָרט עפעס פאר א נארישקייט. מ'האָט מיר אָפגערופן פון דער פעדערייישאָן. וועסט דאָך ניט פארלאַנגען אז א איד זאָל זיצן נאָך א טאָג אין דזשייל צוליב דעם, ווייל דו ווילסט גיין פאר פלעזשור צו די קינדער. שאַ שריי' ניט, אלערייט מירן גיין צו זיי אנאנדערש מאָל, זיי פאָרן דאָך ניט אוועק. ווייסטו גאָר וואָס גיי היינט אליין, אימיצער וועט דיך צופירן, אָדער נעם די רויטע קאר, א מחיה צו פאָרן מיט דער רויטער קאר הא? ווילסט ניט גיין אליין? נו וועלן מיר שוין גיין אנאנדערש מאָל. גוד באַי. (רעט צו בראדסקין) אָט אזוי ווי איר זעט, מען קען זיי, די ווייבער, קיינמאָל ניט צופרידנשטעלן, רק זיי האָבן טענות. (עס באווייזט זיך א קאָפּ אין פענסטער און רעט מיט א ווייי־נענדיקער שטימע דייטשמעריש) — מר. קאהן ער האָט דאָך מיך ניט צו־גענומען צו דער ארבעט, וואָס זאָל איך איצטער טאָן ?

פיט : — טאקע? אזא סוואָלאָטש און מיר האָט ער הייליק פארשפּראָכן איך אָנצושטעלן, וואַרט איך רוף אים שוין אָפּ, (קלינגט) העלאו! העלאו! אי וואָנט טו טאָק טו מר. הערים גליקמאן, העלאו, הערשל? הער נאָר דו פלאָקן שיסער וואָס יאָגסטו ארום דעם גרינעם דייטש הין און צוריק. דו האָסט דאָך צוגעזאָגט אים צונעמען צו דער ארבעט, וואָס מיינסטו דו דארפסט אים ניט? און דיך דארף מען? ווער דארף דיך דו סוואָלאָטש איי־נער, וואָס פאר א נוצן ברייינגסטו דער וועלט? הער אויב דו ווילסט אים ניט און אנאנדערער אויך ניט, טאָ ווי קען ער קריגן א דשאָב. עס איז אלערייט, די כאָליערע וועט דיך ניט כאפּן. שטעל אים אָן צו דער ארבעט, ער האָט סיי ווי מער שכל פון דיר, וועסט כאָטש האָבן איין מענטשן מיט שכל אין דיין געשעפט, איך שיק אים גלייך צו, גוד באי (רעט צום יונגן מאן אין פענסטער) ס'איז אלערייט. גייט צו אהין ער וועט אייך שוין צונעמען.

עס קומט אריין א קאָמיטע מאן מיט א פעקל ביכער אונטערן ארים, הינטער אים גייט דער דיכטער זאלופקין, מיט א שטעקן אין האַנט, א קליין העטקעלע זיצט אויף זיין קוטשמע האָר, אויף די אויגן דיקע ברילן מיט שווארצע ראמען.

קאָמיטע־מאן : — חבר קאהן, איך האָב אייך געבראכט זייער א חשובן גאסט, דעם באוואוסטן דיכטער זאלופקין, ערשט געקומען פון ניו יאָרק, ער וויל אייך באשיינקען מיט זיין נייעם ווערק דעם בוך סאנעטן אין ווייסן פערז.

דיכטער זאלופקין : — (גיט קאהאנען די האנט) ס'פרייט מיר אייך צו קענען קאלעגע קאהן, איך האב נאָך געהערט פון אייך אין ניו יאָרק אין קאפע ראיאל. ווענן אייער באציאונג צום אידישן בוך און צו די שאפער פון אידישן וואָרט אויף יעדן געביט, איך רוף אייך קאלעגע, ווייל איך האב גע־הערט אז איר שרייבט אויך, ס'הייסט ניט קיין פּאָעזיע נאָר פּראָזא, נו זיינען

מיר דאָך קאָלעגן און עס וועט ביי אייך זיכער זיין אנגעלייגט מיין לעצטער בוך מיט מיין אויטאָגראַף (גיט אים דעם בוך) — פּייוו דאָלערס, פּליעז.(ער גיט אים אַ פינפערל. נעמט דעם בוך).

פּיט : — ניין, קיין שרייבער בין איך ניט, נאָך דאָס פעלט מיר. איך האנדל מיט פּאָטייטאָס, מיט ציבעלעס (ווייזט אים א גרויסע פּאָטייטא) זיינט איר דאָס טאקע דער בארימטער דיכטער זאַלופּקין? ווען איך באגעגן אייך אין גאס וואלט איך אייך אין דעם קיינמאָל ניט פארדעכטיגן, איר זייט פארהייראַט? געזעצליך? ווי פּאסט עס עפּעס פאר א דיכטער פון סאנעטן און נאָך אין ווייסן פּערז? עפּעס גלויבט זיך מיר ניט אז דאָס זייט איר טאקע דער בארימטער דיכטער, אפשר קאָנט איר מיר אנשרייבן א רוסישן אדרעס.

ניק : — (שרייט אריין אין טיר), מר. קאהן מען האָט געבראַכט די ווייסע ציבעלעס, עס איז אָבער ניטא קיין ביל אויף ליידינג, זאָל איך עס צונעמען ?

פּיט : — ניין מען דאַרף ניט, מען דאַרף ניט, ווער דאַרף א ביל אָף ליידינג, ווער דאַרף ווייסע ציבעלעס? קאָלעגע זאלופּקין האָט אונז געבראַכט א לאוד ווייסע ציבעלעס... איך מיין ווייסע סאנעטן, ניין איך מיין סאנעטן אין ווייסע פּערזן א מציאה פון א גנב $5.00 מיט אן אויטאָגראַף...

ניק : — (קוקט אים אָן) „אי טינק פּיט יו אר גאינג נאטס”...

מאָריס טרובין

„פּיט” דער גוטער ברודער

צווישן דער גרויסער צאָל מענשן וועלכע „פּיט” קאָן און קומט מיט זיי אָפּט אין בארירונג, זיינען נאַטירליך דאָ אזעלכע וועלכע ער האָט ליב און אזעלכע וועלכע ער האָט ניט ליב. די וועלכע האָבן געוואונען זיין ליבע און אכטונג מיט די פּירט ער ניט סתם פריינטשאפט, נאָר אמתע גוט־ברו־דערשאפט, מיט די רעט ער זיך איינטים דורך וועגן פּערזענליכע און געזעל־שאפליכע ענינים, און ווי באקאנט זיינען ביי פּיטן די געזעלשאפטליכע ענינים פּונקט אזוי וויכטיק, אויב ניט וויכטיקער ווי די פּערזענליכע, און איינער וועלכער האָט ניט קיין געפיל און אחריות פאר די געזעלשאפט־ליכע ענינים קאָן ניט זיין זיינער קיין אמתער פריינט.

איך האָב געהאט דאָס גליק צו האבן „פּיטן” פאר א פריינט, אדער בעסער געזאָגט פאר א גוטן ברודער. קורץ נאָך די ערשטע טעג פון מיין קומען קיין לאס אנדזשעלעס, איך מוז צוגעבן אז אין די יאָרן האָב איך פון „פּיטן” גאָר פילעס געלערנט פאר וואס איך בין אים באמת דאנקבאר.

אין אָט די יאָרן פון אונזער באַקאַנטשאפט האָב איך געהאט די גע־לעגנהייט פּיטן בעסער צו קאָנען ווי פילע אַנדערע, ווי זאָגט דאָרט דער פסוק, א מענשן קאָנסטו דערקאָנען בכיסו, בכעסו און קאָרטן — ווער שמו־עסט פּינאַקל, איז זיכער דער בעסטער אָרט צו דערקאָנען א מענשן, און ביים פּינאַקל טיש האָב איך „פּיטן” בעסער געלערנט און בעסער פאַר־שטאנען ווי ביי אירגענד וועלכער אנדער געלעגנהייט. און „פּיט” איז ביים פּינאַקל טיש אן אמתער אָריסטאָקראַט, פּונקט אזא בראַווער און שיינער מענש, ווי ער איז עס אין זיין גאנצן לעבן.

בראָנזווילער סטאָליאר

אַן אינטערוויו מיט נאַדיא קאהן

כ'האָב באשלאָסן צו האָבן אַן אינטערוויו מיט פּיט קאהנ'ס באַשערטער, כדי אויסצוגעפינען, ערשטענס: ווי אַ שטייגער פילט זיך די פרוי פון אַ פּאָפּולערען כלל טוער, בעת דאָס פאָלק נוצט אויס אַ געלעגנהייט אויסצודריקען אנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען צו דער געזעלשאַפט אין וועלכער ער לעבט און איז טעטיג?

צווייטענס, עס האָט זיך מיר סתם געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ ראָלע עס שפּילט די פרוי פון אַ געזעלשאַפטליכען מענשן אין דער אויספאָרמירונג פון זיין כאַראַקטער, פּערזענלאַכקייט און אַמביציעס?

איך האָב אַ פאַרדאַכט אַז דעם גרעסטן טייל קרעדיט קומט ניט דעם דאַמף־שיף וואָס פּויזשעט פאָראויס און פּאָפּט, האַלט אין איין פּאָפּען... נאָר דער קרעדיט קומט גאָר דער „באַרזשע" (פראַכט שיף) וואָס שלעפּט זיך נאָך פון הינטען שטילערהייט, באַלאָדען מיט שווערע משאות און קיינער באַמערקט זי אפילו ניט...

„עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד", אַז פּיט קאהן איז פיזיש ניט קיין געוואַלדיגער גבור; עקאָנאָמיש, — ניט קיין מיליאָנער... ביז היינטיקן טאָג מוז ער שווער אַרבעטען אַ לעבען צו מאַכען פאַר ווייב און קינדער... איז דאָך דאָס באמת דער עלפטער וואונדער, וואָס די ווייב לאָזט אים אוועקגעבן דאָס לעצטע ביסעל פרייע צייט (שוין ניט ריידענדיק וועגן געלט) לטובת הכלל.

איך פלעג זיך שטענדיג וואונדערן: וואו נעמט עס פּיט קאהן אַזוי פיל צייט (און אַזויפיל כוח) פאַר געזעלשאַפטליכער טעטיקייט? ווייסט איר אפשר פון אַ וויכטיגע אַקציע אין אידישן געזעלשאַפטליכען און קולטור־רעלען לעבן פון שטאָדט (און אַנדערשוואו) אין וועלכער פּיט זאָל ניט שפּילען אַ וויכטיקע ראָלע?

ביי מיר קומט אויס ניט אנדערש, אַז פּיט'ס פרוי — מוז זיין אַ מלאך...

דערפאַר טאַקע האָב איך אויסגענוצט דעם שעת הכשר, — ווען די היגע אידישע גאַס האָט זיך מיט באַגייסטערונג אַ נעם געטאָן פייערען פּיט'ס זעכציקסטען געבוירנטאָג — און געגאַנגען האָבן אַן „אינטערוויו" מיט חברה קאהן כדי צו דערגיין דעם „סוד" פון זיין ערפאָלג, — און וויפיל קרעדיט זי איז באַרעכטיגט דערצו. עס איז נאָר געווען אַ פראַגע, צי פּיט קאהנ'ס פרוי וועט מיר ניט געבן מיט אַ בעזים איבער'ן קאָפּ אנשטאָט אַן אינטערוויו. פון ערפאַרונג ווייס איך, אַז עמיצער וויל זען פּיטן גייט ער צו אים אין געשעפט, — ניט דערפאַר ווייל זיין ווייב איז, חס ושלום, ניט אַזוי „גאַסטפרייאַמנע", אָדער די טירן זיינען פאַרשלאָסען, — ניין, אדרבא, פאַרקערט. ווען איר זאָלט ניט אריבערטרעטען קאהנ'ס שוועל וועט איר דאָרט אַלעמאָל טרעפען געסט.

נאָכמער, ווען אפילו די ווייב זאָל וועלען שפּילען די ראָל פון א „זשאנדאַר" כדי צו באשיצען איר מאַן פון צופיל אָנשטריינגונג, איז טאַקע „פּיט" דער ריכטיגער מאַן, וואָס לאָזט זיך דיקטירען...

ווי געזאָגט, ריידען מיט קאהנען וועגן „ביזנעס" — גייט מען צו אים אין געשעפט און ניט אין דער היים.

אנומעלטן בין איך געזעסען ביי אים אין „קאָנטאָרעל" בלויז אייניקע מינוטען און געהאט א געלעגענהייט צו זען פארשידענע קאָמיטעטען, וואָס קומען אויסלייזיקען זיין סקלאד מיט פּרוכט....

דער נעמט פאר שפּאניע; א צווייטער, — בירא בידזשאָן; א דריטער, — ארץ ישראל; א פערטער, — א שטאָטישען באַזאר — מען קומט מיט היפּשע „טראָקס" און מען צושלעפּט דאָס ביסל קארטאָפּעל, ציבעלעס, עפּל און וואָס ניט?... נאָכמער, טאָמער האָט זיך עמיצער פון די געשעפטס-לייט אין מארקעט אָפּגעזאָגט צו געבען, באקלאָגט מען זיך פאר פּיטן, און ער נעמט גלייך דעם טרייבעל און ס'איז אָך און ווי צו דעם „סוביעקט"... ער וועט שוין נעבאך מוזן אָפּקומען מיט צוויי מאָל אזוי פיל...

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. דאָ וויל איך איבערגעבן די רעזול-טאַטען פון מיין אינטערוויו מיט נאַדיא קאהן, וועלכע איז אליין אויך ניט קיין לײדיגגייערען, — איז א מיטגליד אין כמעט אלע וואוילטעטיקע אָרגאניזאציעס און איז אויף דער וואך תמיד אכטונגג צו געבען, אז טאָ-מער האָט פּיט פארגעסן אויסצולײדיקען עמיצענס קעשענעס לטובת א געוויסער אקציע, — פוילט זי זיך ניט און גייט טאקע אליין דורכצופירן די מיסיע.

נו, שטעלט אייך פאָר, אז אין א שיינעם, זוניגען פרימאָרגן קום איך אריין צו נאַדיא קאהן אין שטוב קריגן דעם אינטערוויו און איך זע אז די פרוי איז דוקא אין גאָר ניט קיין געהויבענער שטימונג. איר פּיט איז אהיים געקומען פון אן אסיפה נאָך האלבע נאכט — און ער איז געלעגען און אָפּגעהוסט די גאַנצע נאַכט. פארשטייט זיך, אז איך האָב פארלוירן ס'לשון און מורא געהאט א מויל עפענען.

דערפאַר אָבער האָט זי געעפנט ס'מויל און מיר אוועקגעגעבן וואָס ס'איז געלעגן ביי איר אויפן הארצען.

„וואָס, זאָגט זי, זייט איר פלוצים, אין מיטן דערינען, משוגע גע-וואָרען און זיך א נעם געטאָן באנקעטעווען מיין מאַן? איר האָט שוין קיין בילכערעס פון דעם ניט צו טאָן? ווער דאַרף אייערע באַנקעטען ? סיידען איר ווילט זיך אָפּרעכענען מיט פּיטן דערפאר וואָס ער האָט אייך אזוי פיל יאָר אריינגעקיבעצט? ס'איז דאָך פּשוטע משוגעת אין דער איצטיקער צייט זיך נאריש צו מאכן. ווייסט איר דען ניט, אז מיר לעבן אין א פינצטע-רער וויסטער שעה, די ערגסטע אין דער מענשלאכער געשיכטע ?

— מיר לעבען אין א צייט ווען אונדזער אומגליקלאך פאָלק לעבט איבער די שרעקלאכסטע טראגעדיע פון זיין גאנצער מארטירער געשיכטע, — ליגט אייך מער ניט אין זינען ווי שפּילען זיך אין באנקעטען און קיבע-צען ?

„הערט זיך איין רב איד, פאָלגט מיך און גייט אוועק צו אייער קאָ־מיטעט און גיט זיי איבער אין מיין נאָמען, זאָלען זיי זיך ניט מאכען נאריש. מיין פּיט וויל ניט און זוכט נימ קיין כבוד, דארף ניט קיין באַנקעטן. מיין פּיט איז אַ מענש ווי אלע מענשן און ווען א מענש טוט זיין פליכט צו זיינע מיטמענשן, צו ער קען זיך עס יאָ צו ניט פארגינען, — איז ער ניט דער איינציקער, און מען דארף אים דערפאר ניט באַצאָלן מיט א יובילייַ באַנקעט און טאַראַאַם, פּונקט ווי איך פאָדער פון קיינעם ניט, אז מען זאָל מיר באַצאָלען פאר די קאַלט־געוואָרענע וועטשערעס וואס זיינען גע־שטאַנען אויפן טיש א האַלבע נאַכט און געוואַרט אויף פּיטן.

— פּונקט ווי איך פאָדער ניט קיין שכר פאר די שלאָפלאָזע נעכט, ווען פּיט קומט אהיים פון א פארזאַמלונג ווען די הענער קריִיען שוין און ער ליגט ביז טאָג און הוסט.

— פּונקט ווי אונזערע קינדער פאָדערן ניט קיין שכר דערפאר וואָס זיי קוקען קיינמאָל זייער פאָטער אין די אויגן ניט אָן.

— מיין פּיט טוט וואָס ער טוט, פּשוט ווייל ער האָט הנאה דערפון, ווייל ער איז בטבע א געזעלשאַפטלאכער מענש, — און פּונקט ווי עס קומט ניט דעם סאָוועטן פארבאַנד א גלעט אין דער פאָטילניצע דערפאר וואָס מ׳שלאָגט דאָרט ניט קיין אידען. פּונקט אזוי קומט ניט קיין באַנקעט א מענשען, וואָס האָט ליב זיך אויסצולעבען אין דער ארבעט און צווישען די מענשען וואָס זיינען אים ליב און טייער״.

דאָ שלאָג איך איר איבער די רייד, און אין א געמיטלאכן טאָן גיב איך אזאָג: „אזא יאָר אויף מיר ווי איר זייט גערעכט, חברה קאהן. הלואי וואָלטן אלע אידישע ווייבער געווען אזוי טאָלעראַנט צו זייערע מע־נער׳ס טעטיקייטן ווי איר זייט צו פּיט׳ן״.

שפּרינגט זי אויף פון אָרט, די חברה קאהן, און מיט א היבש ביסל אומגעדולד שיסט זי ארויס: „הערט זיך נאָר איין, רעב איד, איר זייט געקומען אהער מיך שלעפּען פאר דער צונג?... איר האָט ניט געטראָפען ס׳אָרט... איך בין גאָרניט אזוי טאָלעראַנט ווי איר ווילט מיר איינריידן... נעמט אייך אייער שטעקען און גייט אייך געזונטערהייט און שטערט מיך ניט אין מיין ארבעט.״

„ניין חברה קאהן, ענטפער איך געלאַסען, איך וועל פונדאַנעט ניט אוועקגיין ביזוואַנען איר וועט מיך ניט ענטפערן אויף בלויז נאָך איין פראַגע״.

„נו, וואָס איז אייער פראַגע, מאכט עס שנעל און קורץ״.

„אָט האָט איר עס. אזוי ווי די פרויען אָרגאַניזאַציעס פון שטאָט האָבן זיך מתקנא געווען אין די מענער און זיי ווילען אייך אויך מאכען א באַנקעט — ווילען זיי וויסן ווען עס פאַלט אוים אייער זעכציגסטער גע־בורטסטאָג״ ?

נו, נו, מער האָב איך ניט באַדאַרפט. איידער וואָס־ווען בין איך שוין געשטאַנען אויף יענער זייט טיר, דאָס הייסט אין דרויסען....

י. לעוויט

דער אינטעליגענט, וואָס זאָרגט פאַר די פאָלקס־מאַסן

אוו דארטען וואו דאָס פאָלק האָט אין געדולד געליטען
אין שטומער נויט, אין ווערקשטאטען, אין קאזעמאַט,
איז ער אין פאָלק א מוטערער געגאנגען
מיט קלוגעו וואָרט, פון טרייסט און ראטה"....

מאַני לייב

שוין איבער דרייסיק יאר ווי פיטער מ. קאהן, וועמעס זעכציג־סטען געבורטסטאָג די אידישע געזעלשאפטליכקייט, פייערט דעם פופצענטען יאַנואַר, — איז אַ לאָם אַנדזשעלעסער. פאַר דער דאָזיגער צייט זיינען געמאכט געווארען יובילע־אומס פאַר פאַרשיידענע געזעלשאפטליכע טוער און ערשט איצט צום זעכציגסטען געבורטסטאָג האָט מען זיך דערמאָנט צו פייערן פיאָטר קאהנ׳ס יובילי. פילע וועלן געווים פרעגן די פראגע: — טאקע ווי קומט עס ?

פאַר פילע יאָרן נאָכאַנאַנד האָט פיטער קאהן אָפגעשפּאָט, חוזק גע־מאכט און ליצנות געטריבען געגן יעדערן פאַר וועמען מען מאכט באַנ־קעטן, מ׳גיט אַרוים שריפטן, און סארקאסטיש געפרעגט: — „ווארום מאכט מען פאַר מיר קיין באנקעט ניט" ? — געזאָגט האָט ער עס אין א טאָן וואָס האָט פאַרזיכערט אז ער, קאהן, וועט ניט ערלויבן מ׳זאָל פייערן זיין געבורטסטאָג דורך באַנקעטן...

האָבן א גרופּע אלטע פריינט און טוער דערוויסענדיג זיך אז דער גרויסער פיאָטר, איז געוואָרן זעכציג יאָר אלט באַשלאָסן: אויב עמיצענס א געבורטסטאָג דארף, געפייערט ווערן, דארף עס זיין דער געבורטסטאָג פון פיטער קאהן... דער באַשלוס איז אנגענומען געוואָרן ניט געקוקט וואָס פילע האבן פאַרזיכערט אז קאהן וועט דערצו קיינמאָל ניט דערלאָזן, ניט געקוקט אויף דעם וואָס קאהן אליין האָט וועלטן געקערט... האָט גע־סטראַשעט פון שטאָט אוועקצופאָרן... ער האָט זיינע פריינט געבעטען ניט צו דערלאָזען דערצו... אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפען. ווארום ?

פיטער קאהן איז א גרויסע אינסטיטוציע ביי אונז אין לאָס אַנדזשע־לעס. נאָך קיין איין מענטש איז ניט אזוי באליבט און רעספּעקטירט ווי ער. צו קיין אנדער איינצעלנעם מענטשען ווערען ניט געשיקט אזוי פיל ברכות פון פאַרשיידענע זייטען ווי צו אים, — פאַר די גרויסע טובות וואָס ער האלט אין טאָן יעדען טאָג פון יאָר.

א זון פון בארימטע רבנים פון רוסלאנד, א באַוואוסטער סאָציאַליסט רעוואָלוציאנער, געזעסן אין טורמע, געוועזן פארשיקט אויף קאטאָרגע פאַר זיינע אידעאלען. אנטלאָפן אין דער שווייץ פאַר די זעלבע אורזאכן. שפּע־

טער געקומען אין די פאראייניגטע שטאטן. געקומען קיין לאס אנדזשע־לעס. א אינטעליגענט, און זיך גענומען צו דער שווערער פראַדיום מלאכה, געוואָרן א פלאנטאטאָר און געזוכט צו טאָן שטענדיג קאָנסטרוקטיווע אר־בעט. סיי אין זיין באשעפטיגונג און סיי אין געזעלשאפטליכע טע־טיגקייט.

מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק איז לאָס אנדזשעלעס געווען א קליינע שטאָט אָבער א וואקסענדיגע און פאר פילע אָנגעקומענע עלענדע מענטשען איז פיטער קאהן געווען ווי אברהם אבינו, — דער גרויסער מכנים אורח. ווען ער האט געהאט, האָט ער געגעבן דאָס מאקסימום און ווען ער איז געווען געבראָכן האָט קאהן געטיילט זיין לעצטן ביסן מיט די וואָס האָבן נאָך ווייניגער געהאט.

אין געזעלשאפטליכן לעבן האָט קאהן פונקט ווי אין פריוואטן לעבן ניט פארלייקענט זיין סאָציאליסטישע איבערצייגונג, נאָר פארקערט ער האָט סאָציאליזם ארויסגעשטעלט ווי א ביישפיל אין אלץ וואָס ער האָט גע־טאָן און אונטערנומען. אין די „געשוואוירענע טשאריטים" האָט ער גע־פאָדערט הארץ און נשמה. אין די אינסטיטוציעס וואו ער איז א בעאמ־טער, א דירעקטאָר און האָט וואס צו זאגן שטרעבט ער אז די דאָזיגע אינ־סטיטוציעס זאָלן זיין פאָלקס אינסטיטוציעס און די וואָס נוצן די דאָזיגע אינסטיטוציעס זאָלן באהאנדלט ווערן ווי איינענע מענטשן, ווי ברידער.

עס איז ניט געווען קיינער וואס האָט זיך געווענדעט נאָך הילף אדער א טובה צו קאהנ'ען, זאָל אוועקגיין מיט ליידיגן. עס איז ניט געווען קיין אידישער שליח פון אייראפע אָדער פון פאלעסטינע וועמען קאהן זאָל ניט קומען צו הילף און מאכן די שליחות פאר א דערפאָלג.

אין פיטער קאהנ'ען האָבן מיר די קאָמבינאציע פון א העכסט אָרענטליכן געשעפטס־מאן, אויפריכטיגן געזעלשאפטליכן טוער און קעמפער פאר אלץ וואָס איז גערעכט און יושרדיג און דערצו דער מענטש מיט דער גאָלדע־נער הארץ און פילענדער נשמה. אָט צוליב די דאָזיגע אלע אורזאכען בין איך פערזענליך מער ווי גליקליך צו זיין איינער פון דעם קאָמיטעט וואָס האָט באשלאָסען אונטער אלע אומשטענדן זאָל דער זעכציגסטער יובילי פון פיטער קאהן ווערן א פאָלקס יובילי, ניט געקוקט דאָס ער אליין וויל עס ניט און איז געגן דעם.

לאָס אנדזשעלעס איז געבענשט צו האָבן אלס איר בירגער — פיטער מ. קאהן. מיר, די איינוואוינער, דארפן זיך שעצן גליקלאך וואָס מיר קענען פייערן זיין געבורטסטאָג.

זייט באגריסט פיט! לאנג לעבן זאָלט איר און זיין געזונט. די וועלט און מיר אלע, נויטיגט זיך אין אייך, אין אייער הומאר, אין אייער ביישפיל פון מענשליכקייט. זייט באגריסט!

י. פרידלאנד

א פּאָר כאַראַקטער־שטריכן

שרייבן א באַגריסונג אָדער א כאַראַקטעריסטיקע פון אונזער אַלעמען באַליבטן פּיטער מ. קאהן, איז ניט נאָר פאַר מיר א פאַרגעניגן, נאָר א גרויסע פּריווילעגיע. אלס אן עלטערער תושב דאָ אין שטאָט, וואוינענדיק דאָ קרוב צו א פערטל יאָרהונדערט, איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט קאהנ׳ן, אונזער בעל היובל, בא פאַרשיידענע געלעגנהייטן פון געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע ארבעטן. און וואו נאָך מערער קאָן מען דערלערנען דעם מהות מענטש, זיינע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, גוטע מידות און כאַראַקטער שטריכן, ווי ביים טיש פון געזעלשאַפטליכע ארבעטן?

פּיטער מ. קאהן, וועמען אונזער אידישע געזעלשאַפטליכקייט באַעהרט איצט און באַגריסט אים צו זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג, איז באמת א אייגנאַרטיקע און זעלבסטשטענדיקע פּערזענליכקייט, וואס ניט קיין סך אזעלכע געפינען מיר אין איצטיקער צייט פון פּאַרטיי דיסציפּלין און רעגימענטאַציע. קיין באַשטימטע פּאַרטיי אָדער ריכטונג אין אירישן לעבן קאָן מיט זיכערקייט זאָגן אז ער איז אירער: „פּיט" איז אונזער אלעמענס — ער איז דעם ארבעטער־רינגס, פּונקט ווי ער איז דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליסטישן עלעמענט. יעדע אידיש פּראָגרעסיווע ריכטונג באַטראַכט אים פאַר אן אייגענעם, און געפינט אין אים א פריינט. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער, וואָס יעדע געזעלשאַפטליכע גרופּע, באַטראַכט עס פאַר א כבוד, צו האבן אים אלס בעל יועץ און אספּיראַנט פאַר אירע ארבעטן און אקטיוויטעטן.

ווי די מערסטע פון אונזער רוסיש־אידישע אינטעליגענץ איז קאהן געקומען נאך אמעריקע אין די אנהויב יאָרן פון דעם 19טן יאָר הונדערט, געקומען איז ער אלס רוסישער רעוואָלוציאָנער, און כאָטש א סך פון זיינע חברים סאָציאַליסטן, ארויפקלעטערענדיק אויפן לייטער פון מאַטעריעלן דערפאָלג, האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן און איבערגעריסן יעדן פאָדעם פון זייער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט, איז אָבער אונזער קאהן ניט פאַרשיכורט געוואָרן פון זיין רייכטום און גלאַנץ, און איז ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן מיט און צווישן די אידישע פאָלקס־מאַסן, נאָהענט צו זייערע נויטן און קאַמפן. — באַזעלט און באַהויכט מיט די אידעען פון סאָציאַליסטישן דענקן, איז אים נאָהענט יעדער פּראָגרעסיוו סאָציאַליסטישער אויפטו און שטייט נאָך איצט אין נאָהענטן קאָנטאַקט, שריפטלאך, מיט אייניקע פון דעם עלטערן דור, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי, וויקטאָר טשערנאָוו און אנדערע. אין יענע רעוואָלוציאָנערע טעג פון פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע איז פּיטער מ. קאהן זייער אפט געווען א וויכטיקער שטיץ־פּונקט פאַר א סך, א סך רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען.

אין אונזער היגן אידיש געזעלשאפטליכן לעבן, איז פּיטער מ. קאהן געוואָרן דער פאַרבינדונגס־פּונקט צווישן דער יהודימשער אינסטיטוציע און אירע פירער, מיט דער פירערשאפט פון אונזערע פאָלקס־מאסן אָרגאני־זאציעס. ער איז געווען דער צונויפפירער, אזוי צו זאגן ,פון די עלעמענטן וואָס זענען ביז ניט לאנג צוריק, כמעט פרעמד געווען איינער צו די צווייטע פאר געמיינזאמע ארבעט. „פּיט" האָט ליב די פאָלקס־טימליכקייט פון די מאסן, זייער פּשטות, דעם אידעאליזם, און קאמף וואָס זיי פירן אָן פאר סאָ־ציאלן יושר און גערעכטיקייט, אבער אין דער פראקטישער פּינקטלאכער אויפירונג און אין זייערע אקטיוויטעטן וואלט ער וועלן זיי זאלן אויך עפּעס לערנען פון אונזערע יהודימשע פאַרבינדעטע.

כאראקטעריסטיש איז אויך דאָס פאר קאהנ'ן, ווען, טיילווייז א דאנק זיינע באמיאונגען, האָבן אויך אייניקע פון אונזערע אידיש וועלטליכע לערן־אָנשטאלטן, כ'מיין דאָ די קינדער שולן, אָנגעהויבן באקומען געוויסע סובסידיעס פון דעם בילדונגס פאָנד וואס די „אידישע פעדעראציע" צאָלט אויס, האָט אים קאהנען, דעם פּרינציפּן אויסגעהאלטענעם, שטארק פאר־דראָסן אויף אייניקע פון אונזערע פירער וואס ס'איז ביי זיי רעכט גע־ווען צו פארהדעקן זייערע גלויבנס פּרינציפּן, כדי צו באקומען די נויטיקע סובסידיע פאר זייערע שולן. קאהן איז אבער באשטאַנען אויף דעם רעכט און געפאָדערט אז א אידיש וועלטליכע שול, אָפּגעזען פון דעם וואָס רעליגיע ווערט דאָרט ניט געלערנט, איז פּונקט אזוי בארעכטיקט צו שטי־צע פון דעם בילדונגס פאָנד וואס ווערט פאר דעם צוועק געזאמלט.

אין דעם פּרט איז אונזער פּיטער מ. קאהן, געווען דער מאָראלישער געווינס, דער פארטיידיקער פון א פּרינציפּן אויסגעהאלטנקייט פון דער אידיש וועלטליכער שול.

מיט א פּאָר צענדליק יאָר צוריק, אויב איך בין זיך ניט טועה, האָט אָסקאר קארטאזשינסקי עליו השלום, באוואוסטער אידישער שריפטשטעט־לער (אונזער מאקס קארטערס א ברודער) אפּגעדרוקט אין דער פּ. א. ש. א סעריע פּארטרעטן פון פארשיידענע אינטערעסאנטע וועלט־פּערזענליכ־קייטן, און צווישן דער גאלעריע פון די בארימטע פּארטרעטן, וואס קאר־טאזשינסקי האָט אזוי שיין קינסטלעריש געמאָלן, האָט העל פאַרביס, אויך ארויסגעלויכטן דער פּארטרעט פון פּיטער מ. קאהן. געמאָלן האָט ער אים דאָן, אלס מענטש, אידעאליסט און הארציקער חבר. אין לויף פון דעם קארגן פערטל יארהונדערט, האָט אונזער יוביליאַר א סך, א סך איבערגעלעבט, די וואָס קאָנען אים נאהנט און אינטים האָבן צו דערציילן פון אים נאָר א סך גוטע מעלות, שיינע מענטשליכע האנדלונגען און איבערגעבענע חברשע באציאונג.

צום זעכציקסטן געבורטסטאָג, פון אונזער אלעמענס ליבן פריינט, פּי־טער מ. קאהן, שיק איך אויך מיין בוקעט פון הארציקע גרוסן און פריידיק גליקלאכע וואונשן.

ה. גאָלדאָווסקי

פידלער, שטום!

(נפתלי הערץ הכהן דעם בן ששים)

הער, פידלער, שטום, געגוג צו
צימבלען
פאַר ברייטער וועלט, פאַרשמידט
אין שטאָל —
די גרויע טענער דיינע שימלען,
ווי אלע הייזער דאָ אין טאָל.

ס'איז יעדעם הויז א זאנג א
רייפער,
אין ציטער וואָרט אַף סערפּן־קלונג,
ווען בייזער שטורעם מיט א פייפן
צעבלאָזן וועט דעם ערשטן פונק;

און יונג, און אלט, און ווייב, און
קינדער
מיט קול — היסטעריע פון
אונטערגאנג
זיך בעטן וועלן, אז די ווינטן
זיי ברענגען זאָלן גיפט־געטראנק.

פון שווארצע הימלען וועלן קומען
ווי בליצן שארפע מארד און פלאג
און טראָגן מענטש־בוקעטן־בלומען
צום פוסביינקל פון טויטן גאָט.

דער ריח פון דעם עולה קרבן
פארטרייבן וועט דעם סם פון לופט;
און אלץ, וואס איז שוין לאנג
געשטאָרבן,
דערהערן וועט — דאָס לעבן רופט.

טונק אויס דיין סמיק אין פייער־
גאמען,
דיין פידל טונק אין מארך און בלוט
און צינד אין הערצער אָן די
פלאמען
פון טאָג, וואָס הינטער שטורעם
רוט.

ה. עהרענרייך

ער איז פון גאָט מיט הארץ געשטראָפט

(איינדרוקן)

ווען דארף זיך זעען מיט פּיט קאהן"! „האָט איר זיך שוין געזעען מיט פּיט קאהן"? „איז שוין פּיט קאהן געקומען"? „איר מוזט זיך זעען מיט פּיט קאהן". אָט די באמערקונגען און פראגן האָב איך געהערט פון מיינע חברים, וואָס האָבן מיך געטראָפן אין די ערשטע פּאָר טעג פון מיין אנקומען אין לאָס אנדזשעלעס.

איך האָב געהערט ווי מיינע נאָענטערע חברים האָבן אָפט דערמאָנט נאָך אייניקע מענטשן, וועלכע — ווי זיי האָבן געהאָפט — וועלן זיך פּיליכט פאראינטערעסירן אין מיין שליחות. אָבער, אָפטער פון אלעמען האָט מען דערמאָנט „פּיט קאהן" !

„פּיט" און „כהן"! אן אינטערעסאנטע קאָמבינאציע. דער נאָמען אליין האָט אָנגעהויבן פאראינטריגירן. ווער איז דאָס דער „פּיט קאהן"?

קורץ, איך האָב באשלאָסן צו באווייזן מיין עם־הארצות און א פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווער איז דאָס אָט דער פּיט קאהן? א גביר? א למד וואוניק?" — „וואָס? איר ווייסט ניט," פרעגט מען מיך, ווער פּיט קאהן איז? ווער קען עס ניט פּיט קאהן — אָבער איך קען אים ניט, דערקלער איך. — וועל, דערקלערט מען מיר, ער איז ניט קיין גביר. ניין, איצט זיכער ניט. ווייט, ווייט פון דעם... קיין למד וואוניק אויך ניט. צו קלוג פאר דעם... אָבער א שיינער מענטש זייער א פיינער מענטש... האָט באציאונג צום אידישן לעבן, אן אויפריכטיקער כלל טוער און ציוניסט. קורץ, א פיינער, זייער א פיינער מענטש.

אָבער איך האָב זיך נאָך אלץ געפרעגט: מאי־קא־מ־שמע־לן — פּיט קאהן ?

הכלל, איך האָב געדארפט ווארטן אויף מיין פערזענלאכע באגעגעניש אָט מיט דעם דאָזיקן אידן. און, אין א שיינעם אָוונט (מיר דוכט, אז אין לאָס אנדזשעלעס זיינען אלע אָוונטן שיינע) האָבן מיר די חברים אנגעזאָגט, אז חבר קאהן איז געקומען און מאָרגן, גאנץ פרי, דארף איך זיין ביי אים אין געשעפט. הלמאי זאָל איך לייקענען? איך בין געגאנגען זעען אונזער פּיט קאהן זייער רעזערווירט. כדי אויסצומיידן אנטוישונגען האָב איך זיך שוין לאנג אויסגעלערנט ניט צו דערווארטן קיין סך פון מענטשן, וועלכע איך דארף באגעגענען אָדער באגעגן. איך נעם אראָפּ שטענדיק זייער ליבעראל א סך מעלות, וואָס מען דערציילט מיר פון דעם אָדער פון יענעם. און טאָקע וואָס איז שולדיק דער אָדער יענער, וואָס אימיצער פון זיינע גוטע פריינט האָט אים אָנגעטיילט מיט א סך מעלות, וועלכע ער האָט ניט און קען זיך גאָר ניט פארגינען צו האָבן.

אזוי בין איך רעזערווירט געפאָרן זיך באקענען מיט פּיט קאהן. די ערשטע באגעגעניש קען מען ניט זאָגן איז געווען זייער סענטימענטאל אָדער

פייערלאך. חבר קאהן האט מיך אזוי א מאסט געטאן פון „אויבן אראפ", געגעבן די האנט און א זאג געטאן: „א, ווענן אידישן קאלעדזש! און איר זייט, הייסט עס, אן אינטעליגענט? מיך פרייט זייער..." דער „אינטעליגענט" איז עפעס ארויסגעקומען ניט אזוי איי־איי־איי, און מאדנע — מיר איז גלייך געווארן פריילאך און איך האב זיך געמוזט צולאכן פון דעם „אינטעליגענט". איך האב זיך מיט דעם דאזיקן מענטשן דערפילט היימיש, אזוי ווי מיר וואלטן שוין לאנג געווען באקענט. איך האב אונטער דעם שפאסיקן סארקאזם דערפילט א מ ע נ ט ש ן. איך פריי זיך יעדן מאל ווען איך טראכט פון פיט קאהן, וואס מיין ערשטער איינדרוק פון אים האט זיך מיט דער צייט באשטעטיגט, מיך ניט אפגענארט.

איך האב געהאט דאס פארגעניגן צו טרעפן זיך א סך מאל מיט מיין

פריינט קאהן און האב זיך צו אים געקענט מער צוקוקן, אים מער לערנען און וואס מער איך האב דעם מענטשן געטראפן אלץ מער אכטונג האט ער אין מיר צו זיך ארויסגערופן, מער אכטונג און מער פריינטשאפט.

איך בין ניט קאמפעטענט צו שרייבן ווענן דער כלל־ארבעט פון פיט קאהן. דאס וועלן דאך זיכער טאן אנדערע. איך וויל בלויז אנווארפן אזוי זיך איינדרוקן, אויב איר ווילט, שטימונגען, וואס פיט קאהן האט אין מיר ארויסגערופן.

אונזער יובילאר זשענירט זיך ניט צו באנוצן א שטארקווארט, אפט באפארבט מיט לייכטן אדער ניט לייכטן ציניזם; פיט קאהן וועט זיך ניט אפשטעלן אריינצוזאגן עמעצן — אמיינסטן אייגענע, גוטע פריינט — אין זיבעטן ריפ אריין. אבער אונטער דעם פילט איר א ריינעם מענשן, א ווארימע, הייסע הארץ, א טיפ־מענטשלאך הארץ. חבר קאהן איז דאך א רוסישער אינטעליגענט און דארטן האט מען אלעמאל זיך געלערנט און געלערנט אנדערע, אז געפילן דארף מען באהאלטן, פארדעקן. דאס ווערט מיט יארן א פשוטע געוואוינהייט, און די דאזיקע געוואוינהייט האט חבר קאהן אין זיך איינגעזאפט אין פולן; ס'איז שוין בא אים געווארן א „צווייטע נאטור", אבער אונטער דעם סארקאזם שלאגן אמת'ע טיפע געפילן. ער איז א אידייען־מענטש, ער איז א א י ד י ש ע ר אידייען־מענטש און איז מיט'ן גאנצן הארצן פארבונדן און פארקניפט מיטן גרויסן אידישן כלל. דערביי אבער פארזעט ער ניט אויך דעם יחיד. אין אונזער כלל לעבן פארזעט מען זייער אפט דעם יחיד. בא אונז זעט מען ניט אפט די בוימער צוליב דעם וואלד. דערפאר פאלן אפט בוימער אין אונזער וואלד. קאהן באלאנגט צו דעם קליינעם קרייז כלל־טוער, וועלכע פארזען ניט דעם איינ־צעלנעם מענטשן און דער ווייטאג פון יחיד רירט זיי, טוט זיי אויך וויי. איך, פערזענלאך, גלויב ניט, אז מען קען באמת ליב האבן דעם כלל, אויב מען איז קאלט צו די יחידים, וואס שטעלן צוזאמען דעם כלל.

איך קען רעוואלוציאנערן וואס זיינען אמאל געווען אין סיביר און גייסטיק פארפראָרן געווארן: אלץ איז אין זיי פארגליווערט געווארן; גע־בליבן שטיין ווי מיט 40 יאר צוריק. פיט קאהן איז אויך געווען אין די רו־סישע אסטראגן, געווען דארטן אויף דער איינלאדונג פון דער צארישער

רעגירונג, אָבער ווי פאַרשידן ער איז פון יענע „רעוואָלוציאָנערן". זיין האַרץ שלאָגט נאָך אַזוי הייס מיט ליבע צו מענטשן, מיט אַקטיווע אינטערעס צו מענטשן, מיט ר ע אַ ל ן אינטערעס. ער איז ניט געבליבן שטיין אויף איין אָרט.

אויף אים קען מען אָנווענדן ביאַליק'ס טיפע ווערטער: ער איז „פון גאָט מיט האַרץ געשטראָפט". קאַהן איז פון „גאָט געשטראָפט מיט האַרץ", וואָס דריקט זיך צוזאַמען פון ווייטיק, וואָס פילט יענעמ'ס צער, וואָס קען פילן די דראַמע פון לעבן. ווען מען האָט אַ זאַ האַרץ, פילט מען אָבער אויך אַזעלכע פריידן, לעבט מען אויך דורך אַזעלכע מאָמענטן פון עקסטאַז, וואָס דעם זאַטן, רואיקן, צופרידענעם, זיינען זיי אומבאַקאַנט.

פיט קאַהן איז 60 יאָר? מסתמא. צו וואָס זאָל אַ מענטש זיך צוליגן יאָרן? נעם איך אָן, אַז אים איז 60 יאָר. אָבער אויב אַזוי איז דאָך 60 יאָר אין מיטן יוגנט. וואָרים ווען איר קענט קאַהנ'ען פילט איר אין דעם מענטשן אַזוי פיל יונגטלאַכקייט, אַזוי פיל יוגנט — חלומות, יונגע שטרעבונגען; ער איז פול מיט בענקשאַפט און אומרו. ניט יאָרן מאַכן אַלטקייט אָדער יונגקייט. אַנדערע ווערן אַלט צו 20 און אַנדערע גרינען צו 60. צו די לעצטע באַלאַנגט אונזער יובילאַר.

איך באַגריס מיין פריינט קאַהן צו זיין 60טן געבורטסטאָג. זאָל דער היינטיקער יום טוב זיין אַ תנאי, אַז צו זיין 75טן יובילײ זאָל קאַהן זיין דער זעלבער. גייסטיק דער זעלבער. די וועלט, אָבער, זאָל זיין אַן אַנדערע. די וועלט זאָל זיך יע ענדערן, זאָל ווערן שענער, ליכטיקער און מענטש־לאַכער. אין דער דאָזיקער שענערער און בעסערער וועלט זאָל אויך לעבן בעסער, פרייער אונזער פאָלק, וועלכער איז אַזוי טייער אונזער חתן היובל. אָט די צייט זאָל פיט קאַהן דערלעבן צו זיין 75טן געבורטסטאָג. דאָס איז אַ תנאי, חבר קאַהן, געדיינקט עס!

דר. עליאַס ס. עפּשטיין

צו מיין פריינט „פּיאָטר"

אין היינטיקע צייטען איז שווער צו באַגעגענען אַ מענשן פון דעם קאַליבער ווי פּיטער מ. קאַהן, אונזער יובילאַר. וואָס מען זאָל וועגן אים ניט זאָגן וועט ניט זיין גענוג. איך וויל בלויז זיך אַנשליסן אין די רייען פון זיינע פריינד און פאַרערער און ענדיקן מיט די עטלאַכע שורות:

א האַרץ פול מיט יושר,
נאָר אַ שאַרפע צונג.
דאָס איז פּיאַטער דער גרויסער —
דער טייערער יונג.

צדוק עניסמאַן

ניט פּיט נאָר נפתלי הערץ הכהן

זייענדיג א תושב אין לאָס אנדזשעלעס שוין קנאפע 23 יאָר, ווייס איך ניט צו ס'איז פאראן אפשר נאך א האלבער מנין אידן דא אין שטאָט וואס פארדינען מער אכטונג און ליבע פון דער גאנצער היגער אידישער געזעלשאפט ווי אונזער אלעמענס באליבטער פריינט חבר נ פ ת ל י פ ר ץ ה כ ה ן.

פּרץ איז כודם כל א בן הרב און אליין אויך א איד א תלמוד חכם וואס גלויבט בלויז אין „הלומד על מנת ללמד" „והלומד על מנת לעשות", נפתלי פּרץ באזיצט אָבער נאך א סך א גרעסערן אוצר ווי למדנות. אחוץ זיין יארענלאנגע איבערגעגעבענע אויפריכטיקע ארבעטן אויף אלע געביטן פון דעם היגן אידישן קולטורעלן לעבן פארמאגט ער א „לב טוב" וואס מיט קיין ווערטער קען מען בכלל ניט אפשאצן.

נפתלי פרץ איז פון זיינע יונגסטע יארן א סאציאליסט רעוואָלוציאָנער וועלכער שטערט אים אויך ניט צו ארבעטן צוזאמען מיט אלע ציוניסטישע פראקציעס פאר דער באפרייאונג פון אידישן פאלק און דוקא און נאָר אין ארץ ישראל. אז נפתלי פרץ שטייט אין דער שפּיצע פון אלע היגע אידישע אינסטיטוציעס איז שוין לאנג באוואוסט יעדן איינעם. וויפיל אבער זיינען באמת פאראן הגם פון די בעסטע היגע כלל טוער, וועלכע שעצן און ליבן אונזער חתן היובל ווייסן אז די אלע ארבעטן וואס נפתלי פרץ הכהן טוט אונערמידלאך פאר טובות הכלל איז דוקא ניט „על מנת לקבל פרת" אפילו אין דער פארמע פון שרייענדע באנקעטן און דאָס גלייכן.

איך באוואונדער די שטארקע כוחות פון דעם פרץ קאהן יובילייקאָמיטעט, וועלכע האבן געקענט באוועגן דעם חתן היובל וועלכער באַלאנגט גאָר צו עמך, און וואו ערגעץ אויף קולטורעלע אָווענטן אָדער לעקציעס וועט איר אים דארט געפינען שטיין א כסדר שמייכלענדיקן דוקא באַם טיר, און ניט אויבן אָן. דערציילענדיק א שיינעם און אָפּטמאָל שוין גאָר ניט קיין שיינעם וויץ. און בא אים פועלן אים אוועקצוזעצן גאנץ אויבן אָן צווישען די שענסטע אידן פון שטאָט און אים ציען די עצמות מיט לויב געזאנגען און סתם דרשות... אָבער פארפאלן, אונזער חתן היובל וואס זיין שטארקסטער אני מאמין איז טאקע ששכר מצוה מלוה וועט דאָך מוזן ארייַנכאפּן א א היבש ביסל כבוד. וואס איז אים ניט צום הארצן.

און אָט צו דעם שיינעם מענשן הארציגן און ליבן חבר און פריינט נפתלי פּרץ הכהן שיק איך צו זיין זעכציגסטן געבוירנטאג מיינע ווארימסטע וואונשן, און ברכות פון יהי רצון זאָל האָבן אריכת ימים און זאָל ער נאָך יאָרן און יאָרן זיין געזונט און אָנפירן זיין פרוכטבארע טעטיקייט פאר דער אידישער קלטור און פאר דעם אידישן קיום.

ב. באַטשעליס

פּיטער קאַהן

הערט איר, מיינע טייערע,
נישטאָ קיין ערגסטע זאַך,
— ווען איר טרעפֿט א מענשן אָן
וואָס גיט ניט קיין מאָל א לאַך.

און האַלט די נאָז אַראָפּגעלאָזט
ברוגז אויף דער וועלט,
— איר פֿילט א פרעסטל דורך
און דורך
וואָס בלאָזט אויף אייך א קעלט.

און ווידער טרעפֿט איר איינעם אָן
וואָס איז גאָר פּונקט פאַרקערט;
איר פֿילט אין אים א היימישקייט
באַלד נאָענט צו אייך ער ווערט.

און מעג ער זיין א פרעמדער אייך,
דאָך היימיש ווערט זיין שטוב,
— איר פֿילט **דער מענש איז**
אייערער
איר האָט אים תיכּף ליב.

אַזאַ מין מענש איז פּיטער דאָך
א איד וואָס האָט געפֿיל...
— זיין אייגן לעבן קלערט איר זיך,
איז בלויז „קאַטאָוועס" שפּיל...

ער זאָגט אַריין א ווערטל אָפּט
איז מעג דאָס זיין ניט ריין,
— ווען פּיטער קאהן וואַשט דאָס
דורך
פּאַסט דאָס צו גאַנץ שיין...

ווער קען ניט פּיטער קאהן ?
— א „יוד" א סטרוינער ווי „נון"..
א גרויסער „יוד" אין שטאָט ביי
אונז
אין די וואָלקענס שפּאַרט ער אָן...

איז פראוועט מען א שמחה איצט
אים ווערט ערשט זעכציק יאָר:
איר קענט ביי אים אין ליסענע
ניט מערקן איין גרויע האָר...

דער וואונש איז איצט ביי אַלעמען
אים יאָרן גאָר א סך,
מיט די ווערטלאַך, די סאַטירישע—
און אויך זיין גוטן לאַך.

ה. שער

„פּיט" קאַהן דער וויצלינג

איך וועל ניט שרייבן וועגן דעם פּראָגרעסיוון טיפּ כּלל־טוער, פּיטער קאַהן, כּלל־טוער האָבן מיר אָן עין־הרע אַ סך. זאָלן אַנדערע שרייבן וועגן דעם. איך האָב פֿיינט זיך אַריינרייסן אין יענעמ'ס „טעריטאָריע".

און וועגן פּיטער קאַהן דעם איבערגעבענעם און מאָדערנעם ייִד בין איך אַוודאי ניט בערופֿן צו שרייבן. אויף ייִדישקייט האָבן מיר איצט גענוג בעלנים, און נאָך מער מבֿינים. ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן רעדט היינט פֿון ייִדישקייט. אַפֿילו די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האַלט עס אין דער אָרענדע. מיר זיינען ווי יענער יתום וואָס אים איז גוט; אַלע נעמען זיך אָן פֿאַר אים.

אויך וועגן פּיטער קאַהן דעם סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער וועל איך ניט שרייבן. ווייל, ערשטנס, זיינען אויף דעם פֿאַראַן די קיעווער „דזשייל רעקאָרדס"; אַזוי זאָגט ער אַליין. און, צווייטנס, זיינען מסתּמא דאָ אויף דעם גרעסערע למדנים פֿון מיר. איך האַלט זיך ניט בכלל פֿאַר אַ „ספּעץ" אין אַזעלכע ענינים.

נו, וועגן פּיטער קאַהן דעם פֿאָלקס מענטש קען מען גאָר אַ סך ריידן, איז ווידער דאָס אייגענע: אויף דער טעמא האָבן מיר, אַ דאַנק גאָט, אַזוינע וואָס האַלטן ממש אַ „פּאַטענט" אין קעשענע; אַ מין געשוואָרענע חזקה אויף דעם. טאָ זאָל מיינס איבערגיין דעם מאָל. מחשבֿות'ן, איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן גענוי וואָס הייסט אַ פֿאָלקס מענטש. אין „ווערטער־בוך" קען מען עס ניט געפֿינען. איך וואָלט אויך אָבגעגעבן „אַ האַלבע קעניגרייך" צו דערגיין דעם סוד ווען און וואו מ'טיילט אויס אַזעלכע „דיפּלאָמען"; און ווער באַשטימט עס צו איינער איז יאָ אַ פֿאָלקס־מענטש, און אַ צווייטער — ניט

דערפֿאַר, זעט איר, קען מען ריידן פֿון „פּיט קאַהן דעם וויצלינג" און ניט מורא האָבן פֿאַר קיין זאַך. דעם „דיפּלאָם" אַלס וויצלינג וועט קיינער ביי אים ניט קענען צונעמען. אויף דעם געביט איז „פּיט" ביי אונז אָן אינסטיטוציע פֿאַר זיך אַליין; און טאַקע אַ וויכטיגע אינסטיטוציע אויך.

איצט, אין די פֿינסטערע צייטן פֿון גזירות און רדיפֿות וואָס ייִדן לעבן דורך אָט גראָד איצט איז עס נאָך פֿיל וויכטיגער צו האָבן אַ וויץ, אַ שפּאַס אָדער אַ געלעכטער. — אַז ניט — קען מען נאָך חלילה פֿון זינען אַראָב. אַ שמייכל, אַ פֿרייע מינע איז איצט ביי אונז ממש אַ לעבנס־נויט־ווענדיקייט. ווי זאָגט שלום עליכם: לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן.

און ווער, איך בעט אייך, קען זיך גאָר פֿאַרגלייכן מיט אונזער „פּיט'ן" אין וויצלען זיך? וואָס ביי אַן אַנדערן דאַרף נעמען אַ ים מיט ווערטער, גאַנצע לעקציעס מיט טעזיסן, און מ'ווייסט נאָך אַלץ ניט וואָס ער וויל — קומט עס אַרויס ביי „פּיט'ן" לייכט און פֿאַרשטענדליך, מיט אַ סאַטירישן

וויץ אדער מיט א גוט־ווערטל וואָס איז אריינגעזאָגט ריכטיג אין פונקט. און פיט מאַכט עס „איינס־און־צוויי", אָן טאַ־ראַ־ראַם און אָן צערעמאָניעס. ניט אומזיסט איז ער צוליב דעם געוואָרן מיט רעכט דער גרעסטער מענטש אין שטאָט ביי אונז.

על פי יושר האָט מען אויך געמעגט דערמאָנען פיט דעם „קיבעצער", וואָס דאָס איז א בעזונדער ענין. אָבער „קיבעצער" איז עפעס א „סלענג" וואָרט. און אונזער „פיט", ווי באוואוסט, איז א גרויסער מפונק אויף די זאכן. איז ער דאָך היינט א יובילאַר און מ׳דאַרף פירן „שטאָט", פאַר־שטייט איר מיך. וועלן מיר עס איבערלאָזן אויף אן אנדער געלעגנהייט.

דעריבער ווינש איך פון טיפן הארצן אונזער „פיט׳ן" ער זאָל זיך וויצלען נאָך א סך, א סך יאָרן אין נחת און גליק.

אַ באַגריסונגס וואָרט פון דער ליטונג פון געווערקשאַפטן קאַמפּיין

דערלויבט אונז איבערגעבן אונזער ווארימסטע באגריסונג צו אייער חשוב׳ן יובילאר אין נאָמען פון דער הויפט ליטונג פון געווערקשאפטן קאמ־פיין — אין נאָמען פון די טויזנטער חברים און פריינט וואס זיינען פאר־בונדן מיטן ארבעטענדן ארץ ישראל.

פון דער ווייטנס האָבן מיר געהערט וועגן דער גלענצענדער פערגאנ־גענהייט פון פריינט פיטער קאהן, וועגן זיין טיפן אינטערעס אין דעם אויפ־בוי פון ארץ ישראל, און זיין פילזייטיגער ארבעט אין אידישן געזעלשאפט־לאכן לעבן פון לאָס אנגעלעס. פארמאָגנדיג אָט די אלע קוואליטעטן, איז קיין חדוש ניט ווארום דער יובילאר איז איצט ארומגערינגלט פון אזוי פיל פריינט און פארהערער וועלכע טראָגן אים צו די הארציגסטע ברכות פאר אריכות ימים און פאר נאָך פילע יאָרן פון געזונט און נוצלאכער טעטיקייט.

און מעגן מיר אים באזונדערס ווינשן אין דער גאָר נאענטער צוקונפט צו זען אן אויפגעבויטע אידישע היים אין ארץ ישראל און די פארווירקלא־כונג פון יענע אידעאלן פאר וועלכע אונזער דור האָט אזוי פיל מקריב גע־ווען. פיטער קאהן צו זעכציג — פארמאָגט זיכער דעם אלטן אידישן בטחון, אז ווען עס איז וועט שלעכטס און בייזקייט פארשווינדן פון דער ערד און א נייע ליכט וועט אויפגיין פאר אונזער פאָלק און פאר דער ליידנ־דער מענשהייט. זאָל אט די ליכט זיך מער ניט פארשפעטיגן! זאָל זי אויפ־שיינען נאָך אין אונזער טעטיקייט, אין אונזערע יאָרן!

מיט פיל דרך ארץ,

אין נאָמען פון דער הויפט ליטונג פון געווערקשאפטן קאמפיין,
א. העמלין,
נאציאָנאַלער־סעקרעטאַר

ל. בלאַנק

פיט קאַהן דער שומר

אַיז, לויט דעם קלאַנג, דוכט זיך, קיין שום פאַרבינדונג ניטאָ צווישן דעם אידישן באַגריף „שומר" — מיט אַ מענטשן וועמען אַלע רופן: „פּיט". אָבער פּיט דער יובילאַר איז אַן אויסנאַם. פאַר די אַלע יאָרן וואָס איך קען אים, אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענאַ, האַנדלט ער פּונקט ווי ער וואָלט עס געהאַלטן אַלס זיין לעבנס־אויפגאַבע, צו היטן דעם אידישן נאָמען בײַ דער קריסטלעכער וועלט, און נאָך מער היטן דעם נאָמען און דעם כבוד פון דעם מזרח־אייראָפּעיישן אידן — בײַ דער „יהודימשער" וועלט.

דער בלוטיקער פּאַשיזם האָט לעצטנס אַביסל פאַרשמעלערט די גרעניץ צווישן „אונז" און „זיי". אָבער פריער, ווען דער „יהודי" איז געווען דער באַלעבאָס, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון דער אידי־שער געזעלשאַפטלעכקייט און גערעדט אין אונזער אַלעמענס נאָמען, איז פּיט געווען איינער פון די סאַמע ערשטע צו לערנען מיט יענע אידן אַ קאַפּיטל אידישקייט פון וועלכן זיי האָבן פריער ניט געהערט, און טאַקע ניט געוואָלט הערן. פּיט האָט זיי, אויף זיין קאָמפּסלוסטיקן און אויף זיין קלוגן אופן צו פאַרשטיין געגעבן, אַז: אמת, געלט האָבן זיי טאַקע, אָבער איינגעבאַרענע אינטעליגענץ און פון דורכגעלייטערטן אידעאַליזם, האָבן די מזרח אייראָפּעאישע אידן, פאַר וועמען די געלט־זעק מוזן האָבן דרך ארץ. און דער געווינער איז, ווי מיר זען, אַרויסגעקומען פּיט — דער שומר פון אידישע אינטערעסן און אידישע אידעאַלן.

אין דראַנג צו העלפן בויען דאָס אידישע לעבן אין אונזער שטאָט, האָט אים אויך זיין גורל פאַרבונדן ע ק אָ נ אָ מ י ש מיט דעם רייכערן עלעמענט פון דער אידישער געזעלשאַפט, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין אַמאָליקע אָנגעהעריקייט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועג־גונג. די אינטערעסן פון דעם אַרבעטער קלאַס זיינען ביי אים, ביז היינט צו טאָג, פּונקט אַזוי וויכטיק ווי בײַ דעם אַרבעטער זעלבסט. און ווען עס קומט נאָר צו אַ צוויסטיקייט צווישן באַלעבאַטים און זייערע אַר־בעטער, ווערט פּיט באַלד דער שומר פון אָרגאַניזירטער אַרבעט. אין זיין אייגענעם געשעפטס פאַך איז ער דער סאַמע ערשטער צו אונטערשרייבן אויף אַלע פאַרלאַנגען פון דער יוניאָן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט שוין אַ סך מאָל געהאַט גרויסע צרות פון זיינע געשעפטס־קאָלעגן.

אויף ווי וויט זיין אידעאָלאָגישע אָנגעהעריקייט צום אַרבעטער קלאַס גרייכט, איז צו זען פון דעם, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער יום־טוב, דער ערשטער מאַי, איז בײַ אים פּערזענליך דער סאַמע וויכטיקסטער יום־טוב פון יאָר. ס'איז אפילו בײַ אים אַן אַלטע טראַדיציע צו צאָלן אַלע זיינע אַרבעטער פאַר דעם ערשטן מאַי טאָג און ווען אַז זיי זאָלן נ י ש ט אַרבעטן.

ס׳איז דערפאר קיין וואונדער ניט וואָס דער אפים פון פיט קאהן מאכט גיכער דעם איינדרוק פון א געזעלשאפטליך באראטונגס־שטיבל אייד דער א פלאץ פון א פריוואטן סוחר. אידן פון אלערליי קלאסן, פארטרעטער פון אלערליי באוועגונגען אויף דער אידישער גאס קומען צו פיטן, ווי מען פלעגט קומען אמאָל צו א גוטן־איד. און פונקט ווי אן אמאָליגער גוטער־איד, אזוי האָט פיט פאר יעדן איינעם א גוט און דערמוטיגנד וואָרט. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס יענעם האָט מען געבראכט א קוויטל באַגלייט מיט א מטבע, און צו דעם קומט מען מיט א „קוויטל״ ג ע מ ע ן א מטבע...

פיט קאהן האָט א סך נאָענטע פריינט אין שטאָט, אין לאנד און אין איירָאפּא. איך האלט עס פאר א גאָר גרויסער פריווילעגיע זיך צו ציילן צווישן זיי. און צו זיין זעבציק יאָריקן געבוירן־טאָג איז בא אונז אלע א פרייד וואָס פיט איז א זעבציק יאָריקער י ו נ ג ע ר מ א ן! — לויט זיין גייסט, לויט זיין בליק אויף מענטשן, אויף זאכן און אויף געשעענישן.

מיין הארציקער וואונש צו אים: אנצוהאלטן דעם זעלבן יוגנטלעכן גייסט פאר א סך קומענדיקע יאָרן, שטענדיק בלייבן דער זעלבער שומר פון אלגעמיין־אידישע און ארבעטער אינטערעסן און צוזאמען מיט זיין פאמיליע דערלעבן דעם טאָג ווען דער נאצי־פאשיזם און אנטיסעמיטיזם זאָל אפּגעווישט ווערן פון דער ערד.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין

זעקס מאָל צען

דו האָסט מיט דעם טאָג זיך היינט געטראָפן
אויף א ראנדעוואו אין וואלד,
אין דעם בלויען באגינען, אויף א הויכן באַרג.
די זון איז מיט פרייד דיר דעם וועג פארלאָפן,
א ווינט האָט פונווייטנס געגריסט דיך קאָלט —
און אלע דיינע אברים האָבן ווילד אויפגעשריגן:
— דו ביסט בחור היינט געוואָרן
זעקס מאָל צען שוין אַלט!

דו האָסט זיך בא דער ריטשקע מיט דיין לעבן אנגעטראָפן
און דאָרט געזען אין שאָטן, פארשעמט —
דיין גלויבן און דיין האָפן — — —

דער טאָג האָט געשמייכלט און דו האָסט געשוויגן,
און הימל און ערד האָבן הויך צו דיר גערעדט:
— ס׳איז דיין לעבן ביז איצט ניט געווען קיין ליגן,
דיין עקשנות האָט געוואונען דיין געוועט
מיט דער רשעות פון דער וועלט,
מיט דער פרעמדקייט ארום דיר —
וואָס שמעלצט זיך בא דיין אויפשטייג
און צורינט בא דיין אָפענער טיר.

ל. מעלצער

דער האַלץ-העקער און דער וואַסער־טרעגער

מיין פארלוסט. איך האב ניט געהאט דעם פארגעניגן צו קענען פיט קאהנען פריער. איך קען אים ערשט צוויי און א האלב יאָר, זייט איך בין דאָ אין לאַס אנדזשעלעס. באַקאַנט האָב איך זיך מיט אים ביי א סאַנאַטאַריום אונטערנעמונג. פריינד ה. שער, א נאָענטער פריינד מיינער האָט מיר פאר אים פאַר־געשטעלט. „באַקאַנט זיך", זאָגט פריינד שער, „מיט איינעם פון די אינ־טערעסאַנטסטע געזעלשאַפטליכע טוער, מיט אַן אינטעליגענטן מענשן, דאָס איז פיטער קאהן, מיר רופן אים „פיט". ער איז אן אינסטיטוציע פאר זיך אליין".

„גלויבט אים ניט פריינד מעלצער", ענטפערט גלייך פיטער קאהן, „ניט איך בין אינטערעסאַנט, ניט איך בין אַן אינטעליגענט, שער מאַכט אויף מיר א בלבול. איך בין נאַר, א האַלצהעקער און א וואַסער טרעגער".

געזאָגט האָט ער דאָס אויף אַן אמת „פיט קאהנישן" שטייגער, אַז איך האָב גלייך דערזעען און דערפילט אַז פריינד שער האָט גארניט איבער־טריבן.

פאר די לעצטע פאָר יאָר האָב איך זיך ערשט איבערצייגט וואָס פאר א גוואַלדיקע אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט „פיט" איז. וואָס פאר א גוואַלדיקע הילף ער איז פאר דעם כלל און פאר דעם יחיד דאָ אין שטאָט. עטלאכע מאָל בין איך געווען ביי פיטן אין געשעפטס פלאַץ און אַלע מאָל האָב איך אים געטראָפן פאַרטאָן אין „זיינע געשעפטן". ווילט איר דאָך ווּיסן וואָס פאר א געשעפטן. אָט האָט איר זיי. מען האָט א רב ארויס־געוואָרפן פון זיין וואוינונג, איז ער געקומען צו פיט קאהן און פיט קאהן האָט גענומען קערן וועלטן, טעלעפאָנירט אהין און טעלעפאָנירט אהער. אלע האָבן זיך פאַרענטפערט. דער רב איז געהאָלפן געוואָרן. איינער איז געקו־מען בעטן א טובה פון סאַנאַטאַריום, פיט זאָל אים העלפן, איינער האָט געהאט א טענה אז דער גמילת חסדים האָט אביסל אים געקריוודעט, וויל ניט זיינע גוטזאָגער. איינער איז געקומען ער זאָל עפעס טאָן פאר דער „צו־קונפט" מען דאַרף אבאַנענטן. דאָ דאַרף מען טאָן פאר דעם זילבערנעם יובילי בוך פארן סאַנאַטאַריום, א קאָמיטע פון די שולן, פון יענע שולן, און זעלטן ווען מען הערט אז מען זאָל אים רופן מר. קאהן, אדער אפילו פיטער קאהן, די מערסטע רופן אים „פיט", עס איז זייער „פיט", זייער פריינד, זייער חבר, ער דאַרף טאָן ער מוז טאָן פאר זיי.

האָט איר אין לאָס אנדזשעלעס געהערט עפעס פון אן אונטערנע־מונג פון אן אינסטיטוציע, פון א פארנעם, וואו פיט זאָל ניט זיין פאַר־מישט? זאָל דאָס זיין וועגן א נייעם האָספּיטאַל, וועגן א פאָלקס הויז, א געווערקשאַפטן קאַמפּיין, וויסענשאַפטליכן אינסטיטוט, דערציאונג, פיט איז אומעטום פול, פיט טוט מער ווי ער קען. זיין נעמען זיך דעם טיטל: האָלצ־העקער און וואַסער טרעגער, ווייזט וואָס פאר א פיינע נשמה פיט פאַר־מאָגט, וואָס פאר אַן אמתער טיפ פאָלקס מענש מיר פארמאָגן אין אים.

און צום שלום א קליינע כינעזישע מעשהלע:

ביי א גרויסן כינעזישן קעניג איז געווען א מיניסטאָרן קאבינעט. עס איז געווען פרעמיער, א מיניסטער פון פינאנץ, א מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגנהייטן און א מיניסטער וועלכער האָט געדאַרפט וואַשן קינדערשע קעפּלאך.

ווען א גאסט האָט געפרעגט דעם קעניג צו וואס ער דאַרף דעם לעצטן מיניסטער און ווי פּאסט זיך דאָס אריין, האָט דער קעניג געענטפערט: דאָס איז מיין וויכטיקסטער מיניסטער. ער האָט מיר מיין לעבן געראַטעוועט. שונאים האָבן מיר געוואָלט טויטן. ער האָט זיין לעבן איינגעשטעלט און די שונאים פארטריבן. איך האָב אים געוואָלט מאכן פארן פרעמיער, פארן פינאנץ מיניסטער, פארן אינערן מיניסטער, ער האָט זיך פון אלץ אנטזאגט. ווען איך האָב גענומען בעטן אים, טענהן צו אים: דו מוזט ווערן מיין רעכטע האנט, מוזט ווערן א מיניסטער, האָט ער מיר געזאָגט:

„גרויסער האָן לינג, אין דיין לאנד זיינען דאָ טויזענטער קינדער וואָס האָבן זייערע קעפּלאך ניט געוואשן פאר יאָרן, עס איז ניטא ווער עס זאָל דאָס טאָן פאר זיי ווייל זיי זיינען יתומים און פארלאָזענע, לאָז מיר וואשן זייערע קעפּלאך, מאך מיר פאר אַ מיניסטער פון דעם".

פּיט קאהן איז דער מיניסטער ביי אונז פון האלצהעקער און וואסער טרעגער. זאָלן געבענטשט ווערן זיינע הענט וואָס האקן האָלץ און טראָגן וואסער פאר די נויטליידענדע, פאר די וועלכע דארפן, פאר די קולטור אינסטיטוציעס, פאר אלץ וואָס נויטיקט זיך אין זיין הילף.

י. ראָבערטס
אַ קאַלטער איד מיט אַ וואַרעמע האַרץ

איך באטראכט דאָס שרייבן עטליכע ווערטער צום זעכציגסטן געבורט־טאָג פון מיין פריינד, פּיטער קאהן, אלס א גרויסן כבוד. איך האָב ליב אידן וואָס ערלויבן אייך ווערן פריינד אין א קורצע צייט פון באקאנט־שאפט. נאָכמער געפעלן מיר מענשן, וואָס ווערן חוצפה'דיגע פריינד און זאָגן אייך דעם אמת אין פנים.

איך האָב געהאט די פּריווילעגיע צו ארבעטן מיט פּיטער קאהן אין עטליכע סאָציאַלע אונטערנעמונגען, וואו עס האָט זיך געפאָדערט קוראַזש און מוט. און דאָס פארמאָגט ער אין א פולער מאָס. דאָס פאסיגע וואָרט אין דער פאסיגער צייט איז א מעלה וואָס ווייניג מענשן פארמאָגן.

איך בין זיכער אז פּיטער קאהן האָט כשר פארדינט דעם יובילעאום. פאר דער קורצער צייט וואָס איך האָב פארבראַכט אין לאָס אנדזשעלעס איז מיר צווישן אנדערע פריינד פארבליבן אינם זכרון בא פילע געלע־גענהייטן די באַוואוּסטע שטימע, און פּשוטער לאָגישער שכל, פונם הויכן אידן וואָס האָט נישט געשפּאָרט צייט און ענערגיע צו העלפן אלעם וואָס איז אין די אינטערעסן פון יושר און אידעאַל.

צוזאַמען מיט זיינע אונצייליבאַרע פריינד און מיטאַרבעטער פאר אלעם וואָס איז שענער און ערליך. ווינש איך אים נאך לאַנגע יאָרן פון לעבן און אַקטיוויטעט.

פ. דובינסקי

פיטער קאהן — אַ זייטיקער בליק

וען נאָר איך פאַראינטערעסיר זיך מיט אַ געוויסער פּערזענליכ־קייט, זוך איך די אייגנשאַפטן פון זיין כאַראַקטער הויפּט־זעכליך אין אומבאַוואוסטע קוואַלן, פון מענטשן און שריפטן וועמענס קאָנטאַקט מיט דער פּערזענליכקייט, האָט געהאַט אַ ווייטערע פּערספּעקטיווע.

ליגן פאַר מיר אַ צאָל יובילעאום ביכער. די שרייבער וואַרימען זיך אין דער גלאָריע פון יובילאַר. אַלע קאָנען אים פון זיין סאַמע יוגנט. „קעמ־פער", „האַרציקער מענטש", „פּאָלקס מענטש" באַצירן די בלעטלאַך. זיכערקייט און קלאָרע קלאַסיפיקאַציע. „קעמפער, פּאָלקס מענטש". באַ־צאָלט אַ חוב!

אָן אָפּגרונט צווישן יובילאַר און ברייטן עולם אין וועמענס נאָמען דער יובל ווערט געפּייערט.

אין פּיטער קאהנ׳ס יובילייַ באַטייליקט זיך אויך דער זייטיקער מענטש — אויך דער וואָס „באַלאַנגט ניט", ווייל צווישן אים און יעדן וואָס קען אים אפילו ווייניק וועבט זיך תמיד דער פּאָדים וועלכער פאַרבינדט דעם יוצא מן הכלל מיטן כלל.

פּיטער קאהן האָט זיך מיט מיר קיינמאָל ניט געטיילט מיט זיינע ער־אינערונגען פון די צאַרישע תפיסה׳ס אין די יוגנד יאָרן: איך ווייס ניט דעם מהות פון זיין תלמודישער און פילאָסאָפישער בקיאות פון וועלכע איך האָב אַזוי פיל געהערט; איך בין ביי אים ניט קיין בן בית, און אונזער באַקאַנטשאַפט איז אַ ווייטע און אויף וויפיל עס איז מעגליך מיט פּיטער קאהן — אָן אָפּיציעלע. אבער פון דעם ערשטן מאָל, מיט אַ פיר יאָר צוריק, ווען איך האָב דערזען ביי אַ גרויסן באַנקעט, שטייענדיק אָנגעשפּאַרט ביי אַ זייטיקער טיר, אָנגעטאָן אין מאַנטל, — דעם מענטשן מיטן געבוי פון אַ פּאָרט־אַרבעטער, און אויגן און שטערן פון אַ פילאָסאָף — האָט מיך זיין פּערזענליכקייט פאַראינטריגירט. פון דאַמאָלט אָן האָב איך זיך אָנגעהערט אָנעקדאָטן און ביי צוזאַמענקונפטן זיינע אייגענע באַמערקונגען, און עס האָט זיך ביי מיר געשאַפן אַ בילד אין בונטע, געגנגעזעצטע פאַרבן.

אָט שטייט ער ביים טיר אָנגעטאָן אין מאַנטל (אָן אָפּטע פּאָזע) און איך דערהערט זיין נאָמען. דאָס רופט מען אים צום וואָרט. ער הויבט די האַנט און מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל גיט ער אַ פּאָכע צום עולם. דאָס איז אָפּט זיין רעדע. זאָגט מיין באַגלייטערין: „דער מאַן ביים טיר זעט אויס האָט גרויס הנאה פון באַטראַכטן דעם עולם". זי קען ניט פּי־טער קאהן. און מיר באַשליסן אַז עס וואָלט געווען זייער טשיקאַווע צו לייענען זיינע געדאַנקען בעת ער באַטראַכט דעם זאַטן, זעלבסט־צופרי־דענעם עולם.

אַט זעט איר אים ביי א מיטינג פון א קליינער גרופּע מענטשן. עס האַנדלט זיך וועגן שאַפן געלט פאַר ארץ ישראל פּאַרטיידיקונג. ער זיצט אין א ווינקל און דערציילט דאַכט זיך א וויץ זיין שכן. פּלוצים שפּרינגט ער אויף און אויפגערעגטער. צווישן די פּראָספּעקטן וועלכע מ'וויל באַזוכן פאַר אַ ביישטייערונג איז דאָ איינער וועמענס פּראַפּעסיע ער באַטראַכט ניט פאַר קיין עטישער. ער דונערט און שרייט: „דער היילינקסטער צוועק כשר'ט ניט די מיטלען". דער עולם שווייגט און נעמט דעם נאָמען אַראָפּ פון צעטל. דער מענטש וואָס לאַכט ווערט טויט ערנסט ווען זיינער אַן עטישער פּרינציפּ איז אנגערירט.

א למדן אליין — האָט ער פיינט דעם פּסעוודאָ אינטעליגענט, און האַנדלט עס זיך וועגן אימיצן וואָס שטופּט זיך אין דער עפנטליכקייט (מערסטנס מיט זייער קליינליכקייט) זאָגט פּ. ק. מיט זיין שמייכל: „איך קען אים פּערזענליך". און איר קריגט גלייך א באַגריף פון א מענטשן וועמען צו קענען „פּערזענליך" איז ניט פון די גרעסטע ברכות...

א כאַראַקטעריסטישער אנעקדאָט: מיט א באַקאַנטן ניו יאָרקער כלל טוער זיצט פּ. ק. ביי א גלאָז ביר. פּלוצים פרעגט ער די אייריש באַדי-נערין: „זאָגט מיר נאָר, קענט איר מר. א. ?" „איך גלויב אז ניין" ענט-פערט די באַדינערין העפליך. „נו, זאָגט ער צום ניו יאָרקער גאַסט, „לוינט זיך אוועקגעבן אַ לעבן פאַר אַן אידעאַל"? מר. א. איז א מענטש וואָס דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט „מיר האָבן געקעמפט," א. א. וו.

און אַט זעט איר אים אין א רעגנדיקן טאָג, א קאַליפאָרניער פאַר-פליצונג. פאָרט צו א קליינער אויטאָמאָביל צו א אידישער שולע. איינ-געהילט אין א מאַנטל גייט א הויך געשטאַלט אריין אין דער שול געביידע. דאָס איז פּ. ק. אין א שלאַקס רעגן געקומען זען ווי די ארבעט אין די קלאַסן גייט אָן. און ווידער אין א רעגן, אַטעמענדיק שווער קומט ער צו א קינ-דער חנוכה פייערונג...

ער לאַכט פון קליינע מענטשן וואָס דענקען אז זיי ראַטעווען די וועלט, אָבער ער ווייסט אז צוזאַמענגענומען זיינען זיי די וועלט. דערפאַר איז ביי אים אלעס וויכטיק: א מושב זקנים, א גמילת חסדים, א תלמוד תורה און א ראַדיקאַלע שולע.

א קאָסמאָפּאָליט — איז ער דאָך א בורר איבער כשרות ווייל אלע ערשיינונגען אין א פאָלקס לעבן זיינען דאָס פאָלק. א שעצער פון גרויס-קייט — איז זיין באַציאונג די זעלבע צו גרויס און קליין — ווייל ער ווייסט אז איינער דערגענצט דעם אנדערן. א סקעפּטיקער — איז ער כמעט אליין א קינד ווען ארומגערינגלט פון קינדער.

דערוואַקסענער און קינד. געלעכטער און טרויער. אינדיווידואַליסט און כלל טוער. סקעפּטיקער און גלויביקער. געגנגעזעצטע שטריכן וועלכע וואָלטן געווען א ווידערשפּרוך ביי אַן אנדערן ווערן פאַרוואַנדלט אין א האַר-מאָנישן סינטעז וועלכער איז — פּיטער קאַהן. אזוי זעט אים דער זייטיקער מענטש. א קאָלעקטיווער אַפּאָטעאָז פון פאָלקס שטימונגען — דעריבער איז זיין יובילעי א פאָלקס פייערונג.

לואיס שטיינבערג

דריי קוריאָזע עפּיזאָדן

טראכטענדיק וועגן דער פייערונג פון דעם זעכציגסטן געבוירנטאָג פון אונזער אַלעמענס געאַכטעטן יובילאַר, פּרץ בן מנחם מן הכהן, האָבן בא מיר אין זכרון אויפגעלעבט אייניקע קוריאָזע עפּיזאָדן פון זיין לעבן אין דער אַלטער היים, ווען ער איז געווען זעהר טעטיק אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין פרילינג פון 1903. איך בין דאַן געווען א לערער אין א קליין שטעטעל, נאָווא־וואָראָנצאָווקע, כערסאָנער גובערניע. אין א שיינעם פאַרנאַכט, גייענדיק שפּאַצירן נאָך א שווערן טאָג ארבעט, דערזע איך ווי עס קומען מיר אַנטקעגן צוויי הויכע שלאַנקע פיגורן: איינער מיט א שטייפן קראַגן און א ווייכער הוט, — דאָס איז דער קאַזיאָנער רב פון שטעטעל, הער פידעלאָוו; דער צווייטער אין א פאַרוואָרלאָזטן אוניווערסיטעטסקן אנצוג, — דאָס איז ניט קיין אַנדערער ווי אונזער חשוב׳ער בעל יובל, פּיט קאהן.

מיט גרויס פרייד האָט מיך דער ראבינער פאָרגעשטעלט אַלס לערער פון שטעטעל און זיך אויף שנעל אָפּגעטראָגען אפילו אָהן א זייגעזונט. איך האָב בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין די משונה׳דיקע האַנדלונג פון ראבינער פידעלאָוו, וועלכער איז בטבע געווען א זעהר העפליכער מענש. ערשט שפּעטער האָט מיר הער פידעלאָוו קלאָר געמאַכט דעם ענין. גלייכצייטיק האָט מיר פּיט אויך ערקלערט די זאַך בזה הלשון:

„איר פאַרשטייט, האָט ער געזאָגט, איך בין אַהער געקומען דורכפירן א רעוואָלוציאָנערע מיסיע, אַגיטירן און פאַרשפּרייטן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק צווישן די רוסישע פּויערים און ארבעטער אין כערסאָנער און פּאָלטאַווער גובערניעס. איך האָב געהאַט א „פּאַראָל" וואָרט צו פידעלאָוו׳ען פון זיין שוואָגער, וולאַדימיר העסין, דער באַרימטער זשורנאַליסט. נו, פאַרשטייט זיך בין איך צו אים פאָרפאָרן. אויסגעפונען וועגן מיין אויפגאַבע, האָט ער מיר אָפענהערציק ערקלערט: אַזוי ווי איך בין א קאַזיאָנער ראבינער, א טשאַכאָטשניק און האָב א ווייב און קינדער, טאָ איז דאָך... נו, האָט ער מיך איבערגעגעבן צו אייך אין די הענט און אַליין פאַרשוואונדען".

שמועסענדיק זיינען מיר פאַרביי דעם שול־הויף. ערשט קאהן וויל איך זאָל מיט אים אריינגיין אין שול. ער וויל זאָגען קדיש און דורכדעם אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון פּראָסטען עולם.

כ׳האָב אים פאַרבעטן צו זיך אויף וועטשערע. קיין אַפּעטיט האָט אים, קיין עין הרע, ניט געפעלט, איבערהויפּט ווען עס איז געקומען צו די קנישעס מיט באָרשטש. ווען אָבער איך לאַד אים איין אויף נאַכטלעגער זאָגט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּ, ערקלערענדיק. אַז ער וויל קיינעם ניט שטעלען אין סכנה. ער איז דאָ אויף קאָנספּיראַטיווער ארבעט און אן אומשולדיקער קען נאָך צוליב אים אריינפאַלען אין טורמע. און תיכף טוט

ער מיר א פרעג וואו עס געפינט זיך דער בית־עולם. „איך, זאָגט ער, וויל שלאָפען אין קברות שטיבעל, ווייל דאָרט קומט קיינער ניט באַנאַכט".

און ער איז טאקע געשלאָפען אויפן בית עולם, אָבער ניט אליין. נאָך א רעוואָלוציאָנער, אנטאָנאָוו, וואָס איז אנטלאָפען פון קאטאָרגע, האָט דאָרט אויך געפונען א פאסיקען נאכטלעגער.

זומער פון 1905 האָט זיך אונזער יובילאַר אפגעגעבען מיט פאנאנ־דערפירען רעוואָלוציאנערע ליטעראטור. נאָווא־וואָראָנצאָווקע איז געווען דער הויפט צענטער. איינמאָל פאָרט זיך אזוי אונזער קאהן אויף א פאראָכאָד קיין כערסאן און פירט, נאטירלאך, זיינע כשרע סחורה, פארפאקט אין צוויי טשעמאָדאנטשיקלאך. ווי ער שטייט אזוי קומען צו גנבים און פאר אים אין די אויגן נעמען זיי צו די צוויי טשעמאָדאנעס. ניט וועלענדיק מאַכען קיין טומעל האָט אונזער פּרץ געמאכט א שוויַיג און זיך אומגע־קערט ערום וחוסר כל, אבער צופרידען אבי ניט פארשאטן צו ווערען.

א צווייטען מאָל האָב איך באגעגענט אונזער יובילאַר אין סעינט לואיס. איך האָב זיך גלייך ערקונדיקט אז ערשט דאָ, אויף דער פריי, האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט קולטורעלער און געזעלשאפטליכער ארבעט מיט מער ברען און מער ענערגיע ווי אין דעם פינצטערען אלטען צארישען רוסלאנד. דאָ האָט ער מיט דער הילף פון זיין קרוזשאָק געגרינדעט א אידישע ביבליאָטעק און א לייען קרייז.

קאהן האָט דאָן געארבעט אלס צושניידער פון קראוואטען און פאר־דינט א וואָסערע פערצען טאָלער א וואָך. דאַרף זיך מאכען, אז זיין באָס האָט ניט אזוי העפליך באהאנדעלט זיינע ארבעטער און אין א שיינעם פריי־מארגען אראפגעשיקט אן ארבעטער פאר יוניאָן אגיטאציע. אזא האנד־לונג, פארשטייט זיך, האָט קאהן ניט געקענט דולדען. עס האָט זיך אין אים צעשפּילט דער קעמפער. האָט ער געפייערט דעם באָס און איינוועגס אים מזכה געווען מיט עטלאכע פייערדיקע פעטש. נו, איז דאָך איבריק צוצולייגן, אז נאָך אזוינע מינים פייערונגען האָט קאהן קיין שטעלע ניט געקענט קריגען אין גאנץ סט. לואיס.

א דריטען מאָל האָב איך אונזער יובילאַר געטראָפען דאָ אין שטאָט אלס פאָרנעמער און פארנומענער געשעפטסמאן. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט אָנצוגיין מיט זיינע קולטורעלע און געזעלשאפטלאכע טע־טיקייטען. באזונדערס טעטיק איז ער געווען אין אמאָליקן נאציאנאל ראַ־דיקאלען קלוב און אויף זיין חשבון דאַרף צוגעשריבען ווערען די גרינדונג פון דער ערשטער וועלטלאכער שולע פון וואָס ס'איז ארויסגעוואַקסן אונזער גרויסע שול באַוועגונג דאָ אין שטאָדט.

מען וואָלט געקענט און געדאַרפט שרייבען וועגען דעם יובילאַר גאָר א סך. אָבער אנדערע האָבען אויך וואָס צו זאָגען וועגען אים. וואָס איך וויל בלויז צולייגען איז אָטוואָס: איך און מיין פרוי באגריסען הארציק אונזער פריינד און חבר פרצ'ן מיט זיין ווירדיקער פרוי, נאדיא. זאָלען זיי נאָך האָבען א סך יארן פון געזעלשאפטלאכער טעטיקייט. פאראן גאנץ ווייניק פון דעם זאָרט מענשען. די וועלט וואָלט געווען א סך שענערע ווען מען וואָלט זיי גענומען אלס מוסטער. לאנג לעבען זאָלען זיי!

סידאָר בעלאַרסקי

פון אַ פריינט צו אַ פריינט

די נייעס אַז מען פייערט דעם זעכציגסטן געבורטסטאָג פון אונזער פריינד, פּיטער מ. קאָהן, האָט מיך זייער געפרייט און עס איז מיין גרויסער פאַרגעניגן צו שיקן מיין האַרציגע באַגריסונג דעם בעל היובל.

נאָך אין מיינע „גרינע יאָרן" (מיט 8 יאָר צוריק) דורכפירענדיג דורך סענט לואיס אויף מיין וועג קיין לאָס אַנדזשעלעס, האָט מיר דאָרט אימיצער געזאָגט אַז כדי זיך צו באַקענען מיט לאָס אַנדזשעלעס דאַרף איך זיך קודם כל באַקענען מיט פּיט קאָהן.

דעם אמת געזאָגט האָט אין יענער צייט אין מיינע רוסיש־אידישע אויערן געקלונגען אַ ביסל פרעמד אַזאַ נאָמען ווי „פּיט", ווען דערצו נאָך האָט עס געדאַרפט הייסן אַז דאָ רעדט מען פון עפּעס אַ גאַנץ וויכטיגן פּערזאָן...

עס האָט זיך גראָדע אַזוי געמאַכט, אַז ביי מיין ערשטן וויזיט צו איינעם פון מיינע לאָס אַנדזשעלעסער פריינט האָט מען מיך דאָרטן באַקאַנט מיט אַ גרויסן מאַן — על כל פנים אַזוי האָט ער אויסגעקוקט אין דער וואוקס — און ווען איך האָב געוואָלט ווייזן מיין „אַמעריקאַנישע" איידעלקייט, אַרויסזאָגנדיג דעם קאַזיאָנע „עס פרייט מיך אייך צו קענען" האָט דער מאַן מיך באַלד געפרעגט — מיט וואָס איך פריי זיך אַזוי...

— עס פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען פּיט קאָהן! עס האָט גענומען זייער ווייניג צייט און מיר זענען געוואָרן פריינט און, ווען מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָב איך געטראַכט וועגן באַזעצן זיך אין לאָס אַנדזשעלעס איז מיין פריינטשאַפט מיט פּיט'ן געווען איינע פון די וויכטיגסטע אורזאַכן וועלכע האָבן מיך געפירט צו דעם באַשלוס.

באַלד אָבער ווי איך בין געוואָרן אַ לאָס אַנדזשעלעסער איינוואוינער האָב איך באַמערקט אַז פּיט איז מיט מיר ניט צופרידן און, ווען איך האָב אים געפרעגט מיט וואָס איך האָב געזינדיקט האָט ער באַלד געענטפערט אַז, וואָס הייסט איך, נאָך גאָר אַ פרעמדער אין לאָס אַנדזשעלעס — בין איינגעלאַדן צו זינגען צו אַלע קאָנצערטן און ער — פּיט — וואוינט שוין אין לאָס אַנדזשעלעס אַזוי פיל יאָרן און קיינער האָט אים נאָך אפילו איין מאָל ניט איינגעלאַדן צו זינגען.

כדי ניט צו דערלאָזן, אַז אונזער פריינטשאַפט זאָל ח"ו צושטערט ווערן, ניט קוקנדיג דערויף וואָס עס איז מיר באמת געווען זייער ניט לייכט זיך געזעגענען מיט אַ סך פון מיינע פריינט האָב איך באַשטימט איבערלאָזן לאָס אַנדזשעלעס פאַר מיין קאָנקורענט פּיט'ן און אַליין בין איך אַוועק געפאָרן זוכן גליק אין דער גרויסער וועלט.

איך וואָלט געקענט אַרויסזאָגן זייער פיל באַגייסטערונג פאַר מיין טייערן פריינט און ליעבן חבר — דעם יוביליאַר — אָבער דער אמת איז, אַז מיין שרייבערישע קונסט איז ניט גרויס גענוג אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס איך וואָלט גראָדע יעצט ביי אַזאַ געלעגנהייט געוואָלט טאָן מיט אַ ליד

און, ווייל עס פאהדריסט מיך און, ווייל עס פארדריסט מיך זייער און טוט מיר זייער לייד, וואס איך קען אליין ניט זיין און זיך באטייליגן אין דעם גרויסן יום טוב וויל איך צוזאמען מיט מיין באגריסונג ארויסשיקן איינינע פון מיינע לידער, וועלכע זענען נאר וואס אפגעדרוקט געווארן אויף רע־קארדס.

פיליכט וועלן די לידער קענען אין א געוויסן זין זיין מיינע גייסטיגע פארטרעטער.

מיין פרוי, טאכטער און איך ווינשן אונזער ליבן יובילאר און זיין פאמיליע פיל, פיל געזונטע און גליקליכע יארן!

אונזער חשובער ערן מיטגליד פיט קאהן

כאטש דער יובילאר איז אפיציעל ניט קיין מיטגליד פון אונזער אר־גאניזאציע, איז ער אבער מיט אזוי פיל פעדים צונויפגעבונדן מיט די אנדערע טיילן פון אונזער באוועגונג, און מיט אונזערע אלע וויכטיגע קולטורעלע און ארץ ישראלדיקע טעטיקייטן אז ער האט ביי אונז פאר־דינט ניט קיין געוויינליכע מיטגלידס קארד, נאר ער ווערט ביי אונז בא־טראכט ווי אן ערן מיטגליד, און וועלכן מיר טוען ניט קיין וויכטיקן שריט, אן זיין ראט, און אן זיין הילף.

זאל ער נאך לאנג, לאנג, לעבן און אנגיין מיט זיין געזעלשאפטליכער טעטיקייט אינם זעלבן גייסט ווי ביז איצט.

ל. א. קאנסיל פון אידיש נאצ. ארב. פארבאנד

א. באביטש, פארזיצער

משה ברוידי, סעקרעטאר

אריכת ימים ושנים

חשובע רעדאקציע.

עס איז פאר מיר אביסל צו שפעט אנצושרייבן א לייננערע אבשאצונג וועגן דעם געערטן יובילאר פרץ ברבֿ מנחם מן הכהן. געוויס האבן עס געטאן פילע אנדערע וועלכע קאנען אים אזוי גוט ווי איך, און אפשר נאך בעסער, וויל איך בלויז זאגן אז איך שליס זיך אן די הונדערטער און אפשר טויזענטער פריינט וועלכע זיינען זיך משמח מיט דעם וואס דער געערטער יובילאר האט דערלעבט צו פייערן זיין זעכציגסטן געבורטסטאג. די פייערונג פון אזא שמחה פון אזא געזעלשאפטליכן טוער ווי אונזער יובילאר, איז ניט קיין פערזענליכער ענין נאר א יום טוב פאר דעם גאנצן היגן אידישן ישוב, ווייל ווי באקאנט האט דער יובילאר זיך באטייליגט אין אלע וויכטיגע היגע אינסטיטוציעס וועלכע באדינען אונזער היגע אידישע באפעלקערונג און דערפאר איז עס א פאלקס יום טוב. ווינש איך אים דערפאר אריכת ימים ושנים.

יצחק ווערנע

פיט קאהן — א מענש מיט פעסטגעשטעלטע פרינציפן

עס פארשאפט אונז א סך פארגעניגן וואס די לאס אנדזשעלעסער אי־דישע געזעלשאפטליכקייט גייט געבן אויסדרוק פון אנערקענונג צו איר גאר „גרויסן זייל" פון אידישן פאלקס לעבן און ענטוויקלונג. דער יובי־לאר פיטער קאהן איז ווירקליך איינער פון די גרעסטע גדולים אין לאס אנדזשעלעס. ער איז שטענדיק געווען צווישן די ערשטע וואס האבן זיך אפגערופן אין אן עת צרה, אין די מערסטע פאלן איז ער געווען צווישן די רופער.

פיטער קאהן אונטערשיידט זיך זייער פיל פון די מערסטע אקטיווע טוערס. ער איז ניט געוואקסן מיט די פארשיידענע טעטיגקייטן, ער איז צו זיי געקומען א פארטיקער, אינגאנצן א אויסגעוואקסענער און האט אין כמעט אלע פאלן ארויסגעלייגט זיין באזונדערן כאראקטעריסטישן שטעמפל אויף דער אונטערנעמונג.

פיטער קאהנ׳ס פעלד פון טעטיקייט איז זייער א אויסגעברייטערטע. עס פאנגט זיך אן אין די אידעאלע גרעניצן פון ראדיקאליזם און פאר־פארט גאנץ ווייט אין נאציאנאליזם. פאר זיינע פריינט זיינען די ליניען ניט אלעמאל גאנץ קלאר — אבער ער האט גאנץ באשטימטע און פעסטגע־זעצטע פרינציפן. גאנץ באזונדער באזיצט ער א זייער ראפינירטן חוש פאר יענעמ׳ס ליידן.

פיטער קאהן איז ניט אלע מאל געווען א גרויסער בריה צו שרייבן טשעקס. ויהי היום, — און וואו א ויהי איז דאך א צרה, — איז אונזער פיטער געלעגן אין דעם אמאליגן קאספער קאהן האספיטאל. ניט אין וואָרד אבער אויך ניט אין איינעם פון די אריסטאקראטישע צימערן, דערשמעקט אונזער פיטער, אז די פאציענטן אין די אנדערע צימערן האבן זייערע פרויען אלס באזוכער צו אלע שטונדן וועו נאר זייערע קראנקע הערצער פארגעלוסט זיך, און ער, נעבאך, מוזווארטן אויף די אפיציעל באשטימטע באזוך־שטונדן. פרעגט ער דער נוירס, סטייטש? האט זי אים דערקלערט אז דארטן זיינען די פריוואטע רומס און אז זיי קאסטן טייערער. אונזער שטאלצער פיטער קאהן האט איר געבעטן דערלאנגען זיין טשעק ביכל, און אויסגע־מאכט א טשעק פאר דעם אונטערשיד פון די אלע טעג וואס ער איז גע־וועזן אין דעם האספיטאל. און ווי טייער און שווער עס זיינען בא אים דאן געווען די דאלארן!

טייערער פריינט קאהן! צום שלום נעמט צו די הארציגסטע וואונטשן פון מיר און מיין פרוי, פאר א לאנגן און געזונטן עלטער. אפשר וואלט איר גאר פארגעסן אז איר שטייט אויף דעם שוועל פון זקנים און זעצט ווייטער פאר אייער ארט לעבן פון טעטיקייט און גייסטיקן גענוס. ווען מיר האבן געפייערט דעם 70 יאריגן געבורט־טאג פון אונזער אונפארגעסליכן דעבס האט ער געזאגט אז ער איז בלויז צוויי מאל פינף און דרייסיג. און איר זיינט דאך גאר א טשוטשיק פון בלויז צוויי מאל דרייסיג.

מר. און מרס. ב. קאהען, סט. לואיס

מ. שווארצמאַן

פּיט — ווי איך זע אים

סוף זומער פרימאָרגן מיט א פופצן יאָר צוריק. איך בין נאָרוואָס אָנגעקומען קיין קאַליפאָרניע פון די ווייטע מקומות, געשיקט געוואָרן אין מרחקים אלס פאָרטרעטער פון דער „הסתדרות עברית” און דער צענטראַלער צייטשריפט „השלח”, וועלכע האָט דעמאָלט געמאכט פאַרצווייפלטע פאַר־זוכן אָנצוהאַלטן איר עקזיסטענץ.

איך פיל זיך דאָ פרעמד, כמעט הילפלאָז און פאַרשטויסן (ניט די היינטיקע לאָס אנגעלעס) ביז איך האב זיך צוזאמענגעטראָפן מיט ישראל אָסמאַן, וועלכער איז געבענטשט מיט דער שיינער מידה פון הכנסת אורחים. ער האָט גלייך געשאפן ארום מיר, דעם עלנטן, א היימישע אטמאָספערע. זייענדיק פאַרליבט אין זיין לאָס־אנגעלעס, האָט ער צווישן אנדערע מערק־ווירדיקייטן פון זיין באַליבטן מקום, מיך אויך מיטגענומען צו פּיט קאהן — אונזער בעל היובל; — ובפרט אז פּיט קאהן איז נאָך געווען אין מיין רשימה אלס אבאָנירטער אויפן „השלח”.

עס דערמאָנט זיך מיר דער פרימאָרגן אין צענטראַלן מארק וואו שלייכנדיק צווישן וועגענער לאסט — אטאמאָבלין אנגעלאָדן מיט ברכה פון דער שפעדיקער, זוניקער קאַליפאָרניע. טרויבן, פלוימען, עפּל און בארנעם באַהויכט מיט נאַכטיקער טוי. און ענדלאָך פון דעם בלענדנדיקן אינדרויסן אין דער טונקעלער קראָם פון פּיט קאהן, וועלכע איז אָנגעזאָפּט מיט ריחות פון פרוכט און גרינסן. צווישן אָנגעשטעלטע זעק און קוישן שפּאַצירט אַרום אַ הויכער, שמייכלנדיקער איד. ער באַגעגנט אונז מיט זיין גוטמוטיקן, אָפּלאַכנדן טאָן און, ווי זיין שטייגער, נעמט ער מיר, (דעם פרעמדן) דעם קונדס, אויפן צימבל, אָבער תוך כדי רגע פאַרשטיי איך שוין דעם אידן. איך ווייס שוין אפילו א גרויסע שטיק פון זיין ביאָגראַפיע, זיין אנגעהעריקייט צו אידישע קולטור פּראָבלעמען און ווערטן. איז דאָך אזא אפּגהארציקייט, ניט בנמצא אין דער הארטער טרוקענער אמעריקע.

טאַקי אין דער פּראָזאאישער מארק אטמאָספערע, אין פּיט קאהנ׳ס געשעפט, טראָגן זיך שוין נעמען: אחד העם, מענדעלע, טאָלסטאָי, גאָרקי, ציוניזם, סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן א. א. וו. ער פוילט זיך ניט גלייך צו ווייזן א בריף פון א גדול פון קראָפּאָטקין, צו פון דער באַבושקא, און אַנדערע.

אוועקגייענדיק פיל איך אז דעם אידן פארגעסן איז אונמעגליך. דער ערשטער איינדרוק, זאָגט מען, איז דער בעסטער.

פון יענעם פרימאָרגן אָן, זע איך אין פּיטן דעם הארציקן און ליבן מענטשן וואָס ניט קוקנדיק אויף זיין לייכטן טאָן אויף זיין אָריגינעלער ליצנות און „שטוקעס” — (זיין סטיל) איז ניטאָ קיין איין גרויסע, וויכטיקע

זאך, צו וועלכער מ׳קען אים ניט משתּף זיין. וועלכע קריגט ניט א טיפן אָפּקלאנג אין זיין הארץ.

פּיט קאהן — דער געזעלשאַפטלאכער עסקן, וועלכער באטייליקט זיך אזוי גרויסמוטיק אין יעדער קאנסטרוקטיווער אקציע; פארמאָגט אויך א ווארים מענטשלאך הארץ פאר די נויטן פון דעם יחיד און דעם רבים.

אין דער איצטיקער טרויעריקער אטמאָספּערע טראָגט פּיט קאהן אלע־מאָל אריין לייכטקייט און פריידיקייט. דערפאר איז עס אן אמת׳ע פרייד זיך אנצושליסן אין די רייען פון זיינע צאלרייכע פריינט און ווינטשן אים פון גאנצן הארצן, א סך יאָרן פון שטייגונג, נוצלאכקייט און גליק.

אהרן מ. טאַניס

„פּיט" — אַ קאָלירפולע פּערזענליכקייט

ווען גאָט האָט באשאפן פּיטער קאהנ׳ן איז ער געווען זייער גרויס־מוטיק; ער האָט גענומען פון אלעם דאס בעסטע און גענוצט פון זיי מיט א פולער האנט: ער האָט פארמירט א ריזיגן קערפּער און דאן אים באשאָנקען מיט א גרוים ווארם הארץ; ער האָט אים געגעבן א גרויסע אידישע נשמה וועלכע איז באהערשט און קאָנטראָלירט פון א גרויסער קאָפּ און אלס צוגאב א „גרוים מויל";

אָבער געבענשט זאל זיין אָט דאָס „גרוים מויל" וועלכעס ווערט באנוצט פאר פאָדערן גערעכטיגקייט פאר אונטערדריקטע; וועלכעס פארשאפט מערסטענס פארגעניגן און ברענגט אָפט אריין פרייד אינם גראען, אלטעג־לאכן לעבן פון די וואָס קומען מיט אים אין באריר ונג.

אויב איר ווילט אפשאצן פּיטער קאהנען מוזט איר אים קענען פאר יאָרן לאנג און ערשט דאן וועט איר אים ניט אין גאנצן פארשטיין, ווייל ער איז זייער א קאמפּליצירטע און קאלירפולע פּערזענלאכקייט. ער איז דורך און דורך אידיש און דאָך אזוי אלמענשלאך, אז אפטמאָל ווייסט איר ניט וואו עס ענדיקט זיך דאָס אידישע און וואו עס הויבט זיך אָן דאָס אלמענשלאכע; ער איז אן איבערצייגטער סאָציאליסט און דאָך אזוי ווייט פון פעדאנטיש דאגמאטיזם און פאסט זיך לייכט אריין אין פשוטער בעל־הבתישער געזעלשאפט; א שטארקער אנהייגער פון פאלקסטימלאכקייט און אן אריסטאקראט אין זיין אינערלכן לעבן; א ציניקער אויסערלאך און א טיפער אידעאליסט אינערלאך.

אָט צו דעם אויסערגעוויינלאכן קלאס מענשן באלאנגט דער ליבער יוביליאר, אונזער אלעמענס פריינט פּיטער קאהן, אָדער ווי איך רוף אים, דער כהן גדול.

אמת'ער פאָלק'ס רעוואָלוציאָנער

מיט גרויס צופרידנהייט האָבן מיר אויפגענומען די ידיעה וועגן די פאַרבערייטונגען צו פייערן אויף א פּאַסנדן אופן דעם 60־יעריקן יובי־לייאום פון ה' פּיטער מ. קאהן.

אין דעם האלבן לעבנס וועג פון 60־יאר (מיר האלטן זיך ביי דער איד־דישער טראדיציע און לאָזן ניט נאָך פון די טראדיציאָנעלע 120 יאָר) האָט ה' קאהן באוויזן דעם וואונדער פון אזא שעפערישער פילפארביקער געזעלשאַפטלאכער טעטיקייט. דאָס איז באמת פון די גאָר, גאָר זעלטענע אויסנאמען. אויף דעם פונדאמענט פון זיין באמת הערואישער טעטיקייט אין דער רעוואָלוציאנערער באוועגונג אין רוסלאנד האָט ער אויפגעשטעלט א בנין פון עטלאכע צענדליק יאָר פון פּרוקטבארער טעטיקייט אין דער ציוניס־טיש־סאָציאליסטישער באוועגונג. ער זוכט ניצוצות פון רעוואָלוציאָנע־דער שעפערישקייט, דוכט זיך, ווי א זייטיקער, אָבער ווען נאָר ער דער־טאַפּט אזעלכע ניצוצות, צעפלאַקערט זיך אין אים דער פלאַם פון אמת'ן פאָלקס רעוואָלוציאָנער.

מיר ווינשן אונזער ליבן חבר פּיטער מ. קאהן נאך לאנגע יאָרן פון טעטיקן לעבן. זאלן די דאָזיקע ווייטערע יאָרן פון זיין טעטיקייט ברייננגען פאר אים און פאר אונז די פולע רעאליזירונג פון אונזערע אידעאלן פון א פריי אידיש פאָלק אין פרייעם אידישן ארץ ישראל וואָס זאָל זיין א חשובר טייל אין א נייער שענערער און גערעכטערער וועלט.

צענטראל קאָמיטעט פועלי ציון־צעירי ציון

דוד ווערטהיים,

סעקרעטאר

מוסטער פון געזעלשאַטליכער ערהאבענקייט

צו שרייבן וועגן פּיטער מ. קאהן בקיצור איז אונמעגליך. זיינע פאר־צווייגטע טעטיגקייטן אין אלגעמיינעם אידישן לעבן, זיין קאלירדייכע פּער־זענליכקייט פאָדערט א ברייטערערע אפּהאנדלונג ווי א באגריסונגס פּלאַץ ערלויבט.

איך וויל דעריבער בלויז זאגן אז ניט נאָר איז דאָס פאר מיר א גרוי־סער פארגעניגן און כבוד צו באגריסן אים ווען איך האָב פון ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען אין לאַנד זשעלעס באטראכט פאר א מוסטער פון געזעלשאפטליכער ערהאבענקייט, נאָר עס איז פאר מיר א דאָפּעלטע עהרע צו באגריסן אים אין נאָמען פון די איבער 100 ארגאניזאציעס פון סענטראל דזשוּאיש קאָמיטע וועלכע ערן און אכטן אים און הערן זיך אימער צו צו זיינס א וואָרט.

לאנגע יאָר פון גליק און טעטיקייט אונזער טייערן יובילאר !

וויליאם אייזענבערג,

פּרעזידענט, סענטראל דזשואיש קאָמיטע

דר. נתן זאלצמאן

אן אָפענע טיר

איך דאנק אייך פאר דער איינלאדונג זיך צו באטייליגן אין פּיטער קאהנ'ס יובל בוך.

ס'שרייבט זיך אָבער ניט אזוי גרינג ווי ס'רעט זיך און פאר מיר איז אין דעם פאל זייער שווער, איבערצוגעבן אפילו א טייל פון דעם וואָס איך פיל, ווייס, און דענק וועגן אזא נאענטן פריינט און חבר מיינעם ווי דער חתן היובל איז.

גיי און באשרייב בקיצור א מענשן וואָס וואו א צרה איז ער דא מיט זיין אויסגעשטרעקטער האנט; זאָל דאָס זיין יסורים פון א יחיד, א שטאָט־זאך א קריוודע פון אן ארבעטער, אדער אידישע נויט בכלל און ארץ ישראל מיט אירע בויער בפרט. גיי און צייכן אויף אז יעדע שעה אין טאָג, יעדן טאָג אין יאר און אזוי א גאנץ לעבן, קלאפּט ווער אין זיין טיר מעג דער זיין א פרעמדער מיט א פעקל נויט איבערן איינגעבויגענעם רוקן אדער א היימישער, געדריקט אונטערן יאָך פון לעבנס פּלאָנטער, קלאפּט נאָר ווער, עפנט זיך באלד ברייט די טיר, און עס באווייזט זיך די הויכע געבויגענע פיגור און זאָגט מיט פּשוטע ווערטער אויף אן אויפריכטיג מענשליך לשון: „קום אריין ברודער, קום אריין ווער דו זאָלסט ניט זיין"... קען איך דאָס אלעס איבערגעבן אזוי געטריי צום אמת, ווי געטריי און אמת זיינע מעשים זיינען? מוז איך זיך צו דעם יום טוב באנוגענען בלויז מיט א גליקוואונש צו פּיטן און צו זיין גוטער אויפריכטיגער נאדיען, און אויף אן אלט אידישן שטייגער זיי בענטשן מיט אריכות ימים, נחת פון קינדער, און ישיעות אויף דער גאנצער אונטערדריקטער וועלט.

טיפער אינטערעס פאר ארבעטער מאַסן

מיך פארדריסט זייער, וואס איך וועל זיך דארפן באטייליגן אין דעם יובילעאום פון פריינט פּיטער מ. קאהן נאָר דורך א באגריסונג און איך וועל ניט קענען זיין ביי דער אמת'ער שמחה. איך ווייס, אז ניט נאָר איך נאָר זייער א סך ניו־יארקער וועלכע קענען פּיטער קאהנ'ען וועלן האבן א פארדרוס, וואס זיי וועלן ביי דעם יום־טוב ניט קענען זיין.

פּיטער קאהן איז מיט הונדערטער פעדים פארבונדן מיט דעם אי־דישן ארבעטער און קולטורעלן לעבן און אלע די, וועלכע האָבן א שייכות מיט דער אידישער ארבעטער און קולטורעלער באוועגונג, וואָלטן זיך גע־דארפט באטייליגן אין דער שמחה. נאָר וואָס טוט מען, וואָס לאָס אנדזשע־לעס איז אזוי ווייט ?

איך ווינש דעם יובילאר נאך לאנגע יארן פון פרוכטבארער טע־טיקייט און אז ער זאָל האָבן אויך אין דער צוקונפט דעם טיפן אינטערעס צו אלץ וואָס איז קאָנסטרוקטיוו, אלץ וואָס איז מענטשליך און אלץ וואָס איז שיין אין דעם אידישן און אלגעמיינעם לעבן.

זייט געגריסט צו אייער 60־יאריגן יובילעאום !

נ. כאנין, בילדונגס דירעקטאר, א. ר.

הרב יעקב משה פעלדמאן

נפתלי פרץ — אַן עטישע פערזענליכקייט

באציהענדיג זיך אויף א געוויסן פסוק אין משלי, לערנען אונז די חכמי התלמוד זיך צו היטן פון מפרסם זיין עמיצענ׳ס גוטהערציגקייט כדי ניט ארויסצורופן א צו ווארימן אינטערעס ביי די וועלכע „נויטיגן זיך"... (ערכין ט"ז) דערהערט מען אז יענער איז א „צוגעלאָזענער", אז ער פאַר־אינטערעסירט זיך מיט די געדריקטע און פארצווייפעלטע — ארויסציי־גענדיג דאביי באזונדערע איידעלקייט און איינזעהעניש — פעלן דאן ניט אזעלכע, וועלכע זיינען בארייט „אבצושלאָגן די טיר" מיט זייערע בקשות.

איז עס זעלבסטפארשטענדליך, אז אזא אויסרעכענונג איז א ריכטיגע, נאָר אויך א גאנץ זעלטענע, פשוט דערפאר ווייל פון די אלע וועלכע קלינגען אלס פילאנטראָפּן און וואָהלטעטיגע פארזאָרגער, געפינען זיך בלויז א מיעוטא דמיעוטא, א גאנץ קליינער צאָל וועלכע לאָזן זיך צופיל באלעסטיגן....

פרייט עס מיר צו קענען אפענהערציק זאָגן אז פיטער מ. קאהן איז איינער פון אָט די אנגעוויזענע יחידי סגולה און אריסטאָקראטישע פאלקס מענשן, און ער וועט זיכער אויפנעמען דעם ספעציעלן פרסום וועגן זיינע נאָבעלע פארדינסטן, מיט זיין געוויינליכער גוטמוטיגקייט.

אלס פריוויליגער און איבערגעבענער כלל טוער אויף פארשידענע געביטן, ציט זיך אן אונבויגזאמע ריכט־שנור פון וויברירענדעס האר־ציגקייט, אויפריכטיגקייט און איבערגעבענהייט. א מאסקע איז ביי אים אונבאדינגט א העסליכע עבודה־זרה וועלכע מען דארף פאכמעניש באַ־קעמפן. און מיטן צויבער פון זיין דורכדרינגענדער סאטירע, עפענען זיך פאר אים די „הויכע פענסטער" מיט די שווערע לאָדענס פון מאנכע מאכט־האָבער, אזוי ווי די מויערן פון יריחו... און שטענדיק קומט ער ארויס דער מאָראלישער זיגער און איינגעמער כצאת השמש בגבורתו.

אידיש־קולטורעל, פיין אויסגעפורעמט און אויסגעשלייפט און גע־זעלשאפטליך א באדייטענדע קראפט, שיינט צו גלייכער צייט ארויס זיין עטישע פיגור משכמו ומעלה.

מיר פרייט איבערהויפט דאָס אויף אים איז מקוים געוואָרן די ברכה „עולמך תראה בחייך" (ברכות י"ז א׳), זעהענדיג ווי אלע שיכטן פון דער קהילה האָבן זיך פאראייניגט אים צו ברייננען א געמיינזאמען קרבן מנחה פון אנערקענונג און דאנקבארקייט, אזא וועלכע זאָל געהעריג סימבאָ־ליזירן זיינע קהל׳שע לייסטונגען.

זיין מערכה איז א הערליכערע ווי די פון רב יוסף וועלכער האָט אליין געפייערט זיין זעכציגסטן געבורטסטאָג מיט א יומא טבא לרבנן (מועד קטן כ"ח)

ווינש איך אים פון טיפסטן הארצן, ארך ימים בימינו בשמאלו עשר וכבוד.

מרס. מאַרק קאַרטער

דריי קאַטעגאָריעס מענטשן

לויט מיין באשיידענע מיינונג קענען פריינט צוטיילט ווערען אין דריי קאַטעגאָריעס. אין דער ערשטער קאַטעגאָריע גייען אריין אזוינע פריינט וואָס קומען דיך טרייסטען אין אן עת צרה, מאכען כלומרשט דעם אָנ־שטעל אז דיין צער איז זייער צער, און דערנאָך פארשווינדען זיי, אזוי ווי זיי וואָלטען אייך פריער גאָר ניט געקענט.

די צווייטע קאַטעגאָריע באשטייט פון אזוינע וואָס קומען זיך פרייען מיט דיר אויף א שמחה. זיי ווינשען דיר צו אלעס גוטעס פון דער וועלט. אָבער זייער פרייד איז א פארביילויפענדע, אפּ׳געפּטרט די שמחה פילען זיי זיך ווי באפרייט פון א לאסט, א מין צוואנג טאַט.

פאראן אבער א דריטע קאַטעגאָריע פון מענשען וועמעס פרייד עס איז דיין פרייד און וועמעס צער עס איז דיין צער. זיי ווערן צו דיר צוגעצויגען דורך א מין נשמה פארוואנדשאפט און פארבלייבען דיין פריינד אויפן גאנצען לעבען. צו דער קאַטעגאָריע געהערט אונזער יובילאר, דער די־נאמישער פאָלקס מענש, דער סימבאָל פון גאסטפריינדליכקייט, פּיטער מ. קאהן.

יאָ, גאסטפריינדלאכקייט און ווארעמקייט פאר יעדען איינעם איז א וועזענטלאכער טייל פון דער קאהן היים. און אין דעם פארשטייט זיך, האָט א גאָר גרויסען חלק, די אשת חיל, נאדיא קאהן. איך קען זיך גארניט פאָרשטעלען פּיט׳ען אָהן נאדיען. איר געדולד, סימפאטישע באציאונג צו איר מאנ׳ס טעטיקייט, אפפערוויליקייט און גרייטקייט נאכצוגעבען א סך פון זיינע קאפּריזען, איז ווירקלאך צו באוואונדערען. דעריבער איז זיין יובילֵיי אויך איר יובילֵיי. אלס אזעלכע באגרים איך זיי פון טיפסטען הארצען און האָף אז זיי וועלען נאך לאנג לעבען און העלפען אונז קעמ־פען פאר א שענערען לעבען פאר אלעמען אָהן אויסנאַם.

א. האָרוויטש

זעקס צענדליק יאָר

דריי צענדליק יאָר ווי איך קען דעם בעל היובל און איך גלויב באמונה שלמה, אז דאס אמעריקאנער גלייכווערטעל: „אים קענען מיינט אים ליב האבען" איז פאר אים ווי אנגעמאָסטען. אויף מיר האָט ער אלעמאָל גע־מאכט דעם איינדרוק פון א מענשען, וואָס איילט זיך כסדר טאָן עפּעס פאר עמיצען אוים מורא אז ס׳וועט אים ניט סטייען קיין צייט. א מענשליכער דינאמאָ מיט א ווארעם אידיש הארץ פאר אלעמען אָהן אונטערשייד. עס איז גוט צו קענען און זיך חבר׳ען מיט אזוינע מענשען, ווארים זיי אינס־פּירירען און ערמוטיקען דיר צו טאָן ארבעט.

צו זיין זעכציגסטען געבורטסטאג באגרים איך דעם גוטען פּיט און זיין ווירדיקע פרוי נאדיא. זאָלן זיי נאָך לעבען א סך יאָרען און ווידמענען זייע־רע כוחות לטובת הכלל ווי זיי האָבען עס געטאָן ביז איצט.

טוב שם משמן טוב

פופצן יאָר אז איך קען שוין מיין הארציקן חבר און גרויסן מענשן פריינד, דעם בעל היובל, פיטער מ. קאהן. דורך דער צייט האָב איך געהאַט דעם כבוד צו ארבעטן צוזאמען מיט אים לטובת די פארשידענע געזעל־שאפטלאכע אינסטיטוציעס און כאָטש צייטנווייז בין איך ניט איינשטימיג מיט זיינע מיינונגען און גערדאנקען באוואונדער איך אים דאָך פאר זיין טיפער ערנסט און איבערגעבעהייט צו דער געזעלשאפטליכער ארבעט.

נאָכמער, איך האָב אלע מאל געקוקט אויף אים ווי אויף א לערער און וועג־ווייזער ניט בלויז ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגן אינסטיטוציאָנעלע ארבעט נאָר אויך אין דעם זין ווי א מענש דארף זיך אויפירן אלס א יחיד, אינדיווידועל און אויך אין געזעלשאפטליכן פארקער. מיט זיין לאָגישער קריטיק, שארפזיניקער שפראך, שלאָגענדע ארגומענטן און דער עיקר, — די גוטע ארבעט אין די אָרגאניזאציעס און אין די אינ־סטיטוציעס האָט ער זיך דערוואָרבן א סך ליבשאפט און א גוטן נאָמען. אויף אים פאסן זיך אויסגעצייכנט די ווערטער פון מדרש קהלת :

טוב שם משמן טוב
שמן טוב יורד; ושם טוב עולה
שמן טוב לשעתו, — ושם טום לעולם
שמן טוב כלה, — ושם טוב אינו כלה
שמן טוב בדמים, — ושם טוב בחנם
שמן טוב נוהג בחיים, — ושם טוב בחיים ובמתים
שמן טוב בעשירים, ושם טוב בענים ובעשירים
שמן טוב מהלך מקיטון לטרקלין, — ושם טוב הולך מסוף העולם ועד סופו.

אין מיין נאָמען און אין דעם נאָמען פון דער ארטאָדאָקס רעליף קאָמיטע פון דעם סאנאטאריום און עקס פּיישענטס רעליף אסאָסיאיישאן ווינשן מיר דעם חתן היובל, זיין ווירדיקע פרוי און פאמיליע א קייט פון לאנגע, געזונטע, פריילאכע און גליקלאכע יאָר, כדי ער זאָל ווייטער אנגיין מיט דער גוטער ארבעט לטובת אונזער געפּלאָגטען פאָלק בפרט און דער גאנצער מענשהייט בכלל.

דוד פאמיליאן,

פרעזידענט, ארטאָדאָקס רעליף קאָמיטע.

רבי בערנאַרד קאַהען

אַ זעלטענער טיפּ

מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן באַנוץ איך מיך מיט דער געלעגנהייט צו באַגריסן פריינד פּיטער מ. קאַהן צו זיין זעכציגסטן געבורטסטאָג.

פּיטער קאַהן איז פון אונזערע זעלטענע טיפּן וואָס ווערן, לײדער, אַלץ ווייניגער און זעלטענער. אָנפּאַנגענדיג זיין געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, ווי פילע פון די בעסטע אידן פון אונזער דור, אויפן ברייטן שליאַך פון אַלגעמיינער מענטשליכער פרייהייטס־באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד, איז ער שפּעטער, טאַקע ווי די רוסישע „נאַראָדניקעס" פון אַמאָל אַוועקגעגאַנגען אין פאָלק, און מיט ליב און נשמה זיך פאַרבונדן מיט דער מאָדערנער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס באַוועגונג. אויך איז ער טעטיק אויף פאַרשידענע געביטן פון אונזער פאָלקס־לעבן.

לויט זיין רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, אין זיין אידישער וועלט אנשויאונג דערמאָנט פּיטער קאַהן שטאַרק אָן יענער שענער גרופּע אי־דישע דענקער און קעמפּער פון מ. מ. ראָזענבאום, ש. אַנסקי, דר. נחמן סירקין, א. ליעסין און אַנדערע פון זייער גליכן. גלייכצייטיק רעדט ער מיט גרויס באַגייסטערונג און פאַרערונג וועגן לאַווראָוו, מיכאַלאָווסקין און אחד העם, קאַרל מאַרקס און דר. הערצל, גריגאָרי גערשוני און יוסף טרומ־פּעלדאָר. אויף זיין „ביזנעס דעסק" קען מען זען די לעצטע רוסישע סאָ־ציאַליסטישע אויסגאַבן צוזאַמען מיט אַלטע נומערן „השלח", „התקופה" און די לעצטע ארץ־ישראל העברעאישע אויסגאַבן.

זייענדיג אַ אידישער סאָציאַליסט, אין שענסטען זין פון וואָרט, שאַצט ער אָפּ די גייסטיגע ווערטן פון אידישן טראַדיציאָנעלן לעבן און באַציט זיך מיט טיפן דרך ארץ צו „חכמת ישראל" אָדער „אידישע וויסנשאַפט".

אַן ערפאָלגרייכער פּראַקטישער געשעפטסמאַן איז ער גלייכצייטיק אַ אידעאַליסט און אַרבייטער אין גרויסע פּראָגרעסיווער פרייהייטס־באַוועגונגען. און צו דעם אַלעם איז ער אַן אַנגענעמע, פריינדליכע פּערזענליכ־קייט. עס פעלט אים אינגאַנצן די ביטערע ערנסטקייט וואָס הערט זיך אָפט ביי מענטשן מיט רעוואָלוציאָנערע ערפאַרונגען ווי ער, יענער געררייצ־טער פּאָלעמישער טאָן און נעגאַטיווע באַציהונג צום געגנער וואָס מען בא־געגנט ביי פילע פּאַרטיי פירער.

שוין ביי מיין ערשטער באַגעגעניש מיט אים, אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער „ביוראָ פאַר אידישער דערציאונג" האָט ער אויף מיר געמאַכט אַן אַנ־גענעמען איינדרוק, סיי מיט זיין גוטמוטיקן הומאָר, פּשוטע פאָלקסטימ־ליכקייט, און באַזונדערס מיט זיין טאָלעראַנטער באַציאונג צו מענטשן און ריכטונגען מיט וועמעס אנשויאונג און לעבנס־אויפפאַסונגען ער גייט זיך פאַנאַנדער. און דעריבער איז טאַקע אונזער יובילאַר, פּיטער קאַהן, צו באַ־נוצן אַ ביבלישן אויסדרוק, „משכמו ומעלה גבוה מכל עם", און דער יום־טוב וואָס די אידישע לאַס אנדזשעלעס פּראַוועט לכבוד פּיטער קאַהן זעכציק יאָריגן יובילי אַן אמת פאַרדינטער.

הרב א. זילבערשטיין

אַ קינד פון דער רעוואָלוציע

אין איצטיקער צייט פון מאַטעריאַליזם, „ביזנעס" און „מעטער־אָוור־פּעקט", קוקט עס אויס, אַז יעדער קאַפּיטאַליסט ווערט געבאָרן אַ פּאַשיסט און יעדער אַרבעטער וועט געבאָרן אַ סאָציאַליסט.

אין יענע לענדער, אָבער, און אין יענע צייטן פון פירשט קראָפּאָטקין און גראַף טאָלסטאָאי אַלס גרעסטע רעוואָלוציאָנערן, איז דאָס געווען גראַד אומגעקערט. — די קינדער פון אַרבעטער און אָרעמע פּויערים האָבן זיך געקניעט און געבוקט פאַר דער איקאָנא פון „צאַר באַטיושקאַ" און די לעבע־קינדער פון מאַגנאַטן און גלחים האָבן זיך געריסן, אונטער געפאַר פון טויט שטראָף, „פּעטראַ פּאַוולאָווסקע קרעפּאָסט" און „סאָלאָוועטסקע אינזעל" אויפשטורמען די וואַנט פון צאַריזם. זיי האָבן זיך ניט אָנגענומען פאַר זיך. — זיי האָבן ניט געקאָנט צוזען די עוולה פון דער וועלט. — די גאַנצע אינטעליגענץ איז דאַן מיטגעריסן געוואָרן מיט יענעם שטראָם פון רעוואָלוציאָנערן גייסט און ס'האָט אויך אַרויסגעריסן פּיטער קאַהן'ען פון זיין שטוב פון רבנ'ישע עלטערן און ס'האָט אים אויסגעשלעפּט איבער אַלע טורמעס און ס'האָט אים פאַרשלעפּט קיין אַמעריקאַ וואו ס'האָט אים מיט אַ סך חברים פון זיין גלייכן, אַריינגעוואָרפן אין אַן אַנדער שטראָם, — פון מאַכן געלט. אַ סך פון זיין גלייכן מאַכן אַוועק פון יענער פאַרגאַנגענהייט, און קוקן אויף דעם ווי אויף קינדערשע שטיפעריי.

פּיטער קאַהן, אָבער, צערייסט ניט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און קוקט מיט גרויס שטאָלץ און רעספּעקט אויף „פּיטער קאַהן" דעם אינגל, דעם שייגעץ, דעם רעוואָלוציאָנער, און וויל אויף אייביק פאַרבלייבן אַן אַלט אינגל. און כאָטש דאָ אין אַמעריקאַ ברעכט ער שוין ניט קיין ווענט און שטורעמט ניט קיין אַלטע פעסטונגען, איז אים אָבער פאַרבליבן דער עזות פון זיך געגענשטעלן געגן עוולות און דאָס „רעדן אויפן קייסער". און ווען ער דערהפילט אַן עוולה דערמאָנט ער זיך אין דער צאַריסטישער רוסלאַנד. און ווען דער בר־עוולה איז אַ גביר אָדער אַ רב, דערמאָנט ער זיך אין קייסער און שפּרינגט אַרויס מיט זיין גאַנצן רוסישן רעוואָלוציאָנער באַגאַזש. איר דאַרפט אויף אים ניט ווערן ברוגז. ער איז אויך ניט ברוגז. ער איז דער זעלבער גוטער ברודער. דאָס איז נאָר באַ אים אַזאַ „עבודה" דאָס דינט ער זיין רעוואָלוציאָנערישן גאָט, וועלכן ער איז געבליבן טריי אין ליידן און אין פריידן.

— פּיטער קאַהן איז איצט דער זעלבער רוסישער אינגל פון גימנאַזיע און טורמע ווי אַמאָל. נישט מער — ער איז שוין זעכציק יאָר. אָבער עס מאַכט נישט. ער וועט זיין דערזעלבער רוסישער אינגל פון גימנאַזיע און טורמע אויך שפּעטער מיט צוואַנציק, ווען ער וועט זיין אַכציק.

איך באַגריס דעם אַלט־יונגן יובילאַר, מיין פריינט פּיטער קאַהן, אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון דער „ישיבה המערב" אַלס איינער פון אירע ערשטע גרינדער.

באַגריסונגען

אן איבערגעבענער טוער

דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטי־שער שטאָט קאָמיטעט, וואָס באַ־שטייט פון די פּועלי ציון־צעירי ציון, אידיש נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד, פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, פּאָאַלק שוקן, יוגנט און אַ ריי אַנדערע גרופּן שליסט זיך אָן מיט טויזנטער, וואָס פייע־רען דעם זעכציק יאָריקן יובילײַ פון פּיט קאַהן.

פאַר אונזער באַוועגונג איז פּיט קאַהן איינער פון אירע אָנגעזע־הענסטע מיטהעלפער, און צו יע־דער צייט, ווען עס איז נויט אָדער פרייד, איז ער שטענדיג מיט אונז און העלפט אַרוים מיט זיין האַר־ציקייט און פריינטליכקייט.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַר־געסן ווי אין דעם לעצטן ארץ ישראל קריזיס, האָט ער זיך איינ־געשפּאַנט אין דער אַרבעט און די גאַנצע צייט ניט גערוט ביז אַלע נויטיקע אַקציעס זיינען דורכגע־פירט געוואָרן.

דאָס אַרבעטענדע ארץ ישראל איז זיין ליב־קינד און ער זעט אין דעם אַ פאַרווירקליכונג פון זיינע אַמאָ־ליקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערישע חלומות.

מיר ווינשן אונזער ליבן פריינט און חבר לאַנגע יאָרן פון פּרוכט־באַרער אַרבעט אויף אַלע געביטן און מיר האָפן אים צו זען אין אונזערע רייען פאַר נאָך גאָר אַ לאַנגער צייט.

מיט ארץ ישראל גרוס,

ציוניסטיש - סאָציאַליסטישער שטאָט קאָמיטעט

מ. ראַטנשטיין, פּרעזידענט,
דר. נ. זאַלצמאַן, פּרעז. פון דער עקזעקוטיווע
פּ. דובינסקי, סעקרעטאַר,

פּיט, — דער אייביק טעטיקער

פאַר די נאָענט צו די דריי צענ־דליק יאָר וואָס מיר זיינען אין לאָס אַנדזשעלעס און באַפריינדעט מיט דעם חשוב'ען יובילאַר, „פּיט" קאַהן, ווייסן מיר ניט פון קיין איינצעלנע אידישע אָדער ראַדיקאַ־לע אָרגאַניזאַציע אין וועלכער ער זאָל זיך ניט האָבן אַקטיוו באַטייליגט. אפילו דאַן, ווען מיר סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען האָבן געקוקט אויף פילאַנטראָפּי־שע טעטיקייט מיט „ביטול", איז ער געווען פון די ווייניקע וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין זיי, און אַ דאַנק דעם זיינען אַ סך פון זיי געוואָרן פאָלק'ס אינסטיטו־ציעס, אַנשטאָט „צדקה אַנשטאַל־טען".

עס איז פאַר אונז אַ גרויסער כבוד צו זיין צווישן די טויזנ־טער פון זיינע פריינד. מיר באַ־גריסן אונזער פּיט קאַהן צו זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג און ווינשן אים און זיין ליבער פרוי, נאַדיאַ, לאַנגען אַקטיוון און גליקלאַכן לעבן.

דזש. און דאָראַ מאַקאָווסקי

אַ חבר'שער בריוועל

ליבער חבר פּרץ:

וואָס אייגענטלאך זאָל איך דיר ווינשן? איך ווייס דאָך אַז קיין ווינשעוואַניעס וועט ניט אויספּעלן. וויל איך בלויז צוגעבן מיין באַשיי־דענע ברכה. זאָלסט נאָך לאַנג לעבן, אַנגיין מיט דער אַרבעט לטובת די ווייניקער גליקלאַכע פון אונז, קיבעצן אויף דיין אייגענ־אַרטיקן שטייגער און זיך אויסלעבן מיט דיין ליבער פרוי אין עושר און כבוד, ווי עס ווינשט דיר דיין חבר,

אהרן גדליהו בלענק

צום ליבן פּיט !

די פאַרבאַנד פּועלי ציון אידישע פאָלק שול, 420 נ. סאָטאָ גאַס, באַגריסט פריידיק אונזער הארציקן ליבן חבר און פריינט פּ. קאהן צו זיין זעכציק יעריקן יובילעאום. מיר ווינטשן אים לאַנגע יאָרן פון פרוכטבארער טעטיקייט אויף די אַלע פאַרצווייגטע געביטן וועלכע זיינען אזוי נאָענט צו זיין ווארים אידיש הארץ.

אונזער שול בפרט שאצט אָפּ אויפריכטיק די נאָענטקייט און קאָאָפּעראציע פון דעם שטאָלצן בא וואוסטזיניקן איד און מענטש — פּ. קאהן.

פּ. קאהן איז פארבונדן מיט אונזער שול זייט אירע ערשטע גרינדונגס טעג. ער האָט זיך באַטייליקט אין אירע פראגן, און געהאָלפן טראָגן איר שווערן לאסט. דערפאר באטראכט זיך די שול ווי א הויפט מחותן אין דער שמחה.

די שול פארוואלטונג שיקט אייך דערפאר, ליבער פּיט, אירע ברכות און פארהערונג.

י. פריינט, פּאַרזיצער
מ. גלאַזער, קאסירער
נ. ריידער, סעקרעטאר,
די לערער און תלמידים

קורץ און גוט

מיר באגריסן הארציג פריינד פיטער קאהן צו זיין 60 יעריגן בורטסטאָג און ווינשן אים נאָך לאַנגע יארן פון געזונט, גליק און טעטיקייט אין דעם אידישן געזעלשאפטליכן לעבן.

דעבס ברענטש, 590, ארבייטער רינג.

ה. שיינין, סעק.

פארוואָס טאָקע ניט דערלעבן די סאָציאלע באפרייאונג ?

מיר שיקן דעם יובילאר אונזערע הארציקסטע ברכות און וואונשן וועלכע ער האָט זיך כשר פארדינט, ווייל וואו נאָר עס ווערט אונטערגענומען א אידישע אקציע — א פּאָליטישע, געזעלשאפטליכע, אָדער קולטורעלע, טרעפט מען דעם אנגעזעענעם הויכן און גרויסן פּיטער קאהן, און ווען עס קומט א פּראָבלעם צו פארלייכטערן אידישע צרות, (און אזעלכע איז פאראן בה"ש איבער גענוג) לייגט דער חשובער יובילאר צו זיין האנט (און אז זיין האנט מיינט עטוואָס איז דאָך גאָר קיין פראגע ניט) טאָ זייט באגריסט פריינד קאהן, און לעבט לאנג און קיבעצט לאנג, און איר זאָלט נאָך דערלעבן צו זעהן די פארווירקליכונג פון די אידעאַלן פאר וועלכע איר האָט אלע יארן מוטיג געקעמפט פאר דער סאָציאלער און נאציאָנאלער באַפרייאונג פון אונזער אידיש פאָלק !

אינדעפּענדענט לידיס פרי לאָן פאַנד סאָסייטי
דזשעני קאפּלאן, פּרעז.
סאָניא בראַנד, פּובליסיטי

ברענטש ברידער באגריסן דעם יובילאר

דער נאציאנאל פּראָגרעסיווער ארבעטער רינג ברענטש, 601 פון וועלכן דער יובילאר, פּיטער מ. קאהן איז א חשובער מיטגליד, באגריסט אים הארציק צו זיין 60טן געבורטס טאָג און ווינשט אים לאַנגע יאר פון אקטיוון לעבן.

ר. ראָזענשטיין, סעקרעטאר
בר. 601 אר. רינג.

אַ סאַלוט !

אונזער ליבן פּיט, א הארציקע באגריסונג, און וואונשן פאר פרוכטבארער טעטיקייט.

ג. וויינער
צ. וויינער.

א גרוס פון קאַרל מאַרק׳ס אייניקעל

איך קען שוין דעם חתן בחור, פּרץ בן מנחם מן הכהן, א וואָסערע דריי צענדליק יאָר, דאָס הייסט א פערטל פון דער אידישער טראַדיציאָנעלער הונדערט און צוואנציק. דאס אליין איז שוין א גרוים אויפטו, ווייל קענען דעם הויכ־ביינערדיגן „פּיט" אזוי פיל יאָר און זען ווי ער ארבעט מעשים אין געזעלשאפטליכן לעבן איז, זאָג איך, גאר א גרויסער אויפטו.

אויף אים, לויט מיין באשיידענער מיינונג, קען מען זאָגן, אז דאָרט וואו דער דלות פּייפט און מענטשליכע נשמות צאפּלען זיך, דאָרט איז ער דאָ מיט ראָט און טאָט. אָבער אחוץ דעם איז ער א פיינער קיבעצער וועמעס א שטאָך ווערטל טרעפט אָפּטמאָל אין ציל.

וויל איך דאָ דערציילן איינעם פון זיינע שפּיצלאך מיט מיר אליין, אמאָל זומער, אין 1912 איז פון ניו יארק אהער געקומען א געוועזענער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דוכט זיך, נעטשטויעווסקי, האָט ער געהייסן. איז ער געקומען בעטען ארבעט בא פּיט׳ן, ווי דער שטייגער איז. האָט ער אים אויפגענומען גאנץ פיין און אזאָג געטאָן, גיי צו דאָרט און דאָרט וועסטו קריגן א שטעלע ביי קארל מארק׳ס אן אייניקל".

יענער האָט דערהערט קארל מארקס איז ער אזש א פארציטערטער געוואָרן, געכאפּט דעם טשעמאדאנטשיק, און היידא... טרעפּט וואו, טאקע ביי מיר אין דער גראָסערי"... אָט דאָס קען פּיט !

אלזאָ אלס אייניקעל פון מארק׳סען, מיט וועלכן אגב, איר האָט גאָר א גרויסן שייכות, ווינש איך אייך מיט אייער פרוי נאָך א סך פריידיגע יאָר. לאָמיר נאָך אלע דערלעבן זען א בעסערע און שענערע וועלט.

יצחק לעוויט

אַ שטימע פון וועסט עדעמס

ווען די חברים, די מיטגלידער פון דער ציוניסטיש סאָציאליסטישער באוועגונג פון וועסט עדעמס האָבן באשלאָסן צו בויען א פאָלקס הויז אין אָט דעם נייעם פארגעסענעם אידישן קווארטל, איז צו וועמען א שטייגער זאָל מען זיך ווענדן פאר אן עצה און פאר הילף ? — פארשטייט זיך צו „פּיטן", מאכט מען א לאָנטשאון און מען לאדעט איין פּיטן און א צאָל חברים און טוער און מען דערציילט זיי די לאגע און די גרויסע נויטווענדיקייט פון דער אונטערנעמונג. און פּיט בעט זיך אז ער האָט 27 מיטינגען א וואָך, אז עס איז פאר אים אונמעגלאך אונטערצונעמען נייע ארבעטן, אָבער ווען ער זעט אז עס איז ניטאָ קיין אנדערער ווער עס זאָל די ארבעט טאָן, נעמט ער אן פאר פינאנץ סעקרעטאר, צווינגט ארויף אויף זיינע נאענטע חברים און מיטארבעטער דזשאו שאפּירא און מאָריס טרובין אנצונעמען די אנדערע אמטן, און עס ווערט געשאפן מיט זיין הילף דער נויטיקער אפּאראט.

עס איז אמת אז צוליב די פילע אונטערנעמונגען און טעטיקייטן און שאפּיראס פלוצלונגע קראנקהייט, האלט אביסל אפּ די טעמפּאָ פון דער ארבעט, אָבער צו אביסל פריער, צו שפּעטער, די זאַך וועט דורכגעפירט ווערן, די חברים האפן און זיינען זיכער, אז מיט פּיטס הילף וועלן מיר נאָך זעהן פארווירקליכט אָט דעם חלום פון א פאָלקס הויז אין וועסט עדעמס, ווינשן מיר אים נאָך לאנגע יאָרן פון טעטיקייט און צוטראָגן זיין הילף דאָרט וואו זיין הילף איז נויטיק, ווייל מיר האבן ניט קיין סך פּיט קאהנס. זייט געגריסט !

פאר דעם וועסט עדעמס
פאָלקס הויז פאריין
דזשאו שאפּירא, פאָרזיצער,
א. באביטש, סעק.

פיטער מ. קאהן — פארגעסט ניט . . .

דער אינדוסטריעלער צענטער פאר עלטערע מענטשן באגריסט דעם יובילאר, פיטער מ. קאהן, צו זיין 60 יאריקן געבוירטס־טאג און ווינשט אים נאך א סך יארן צום לעבן און א סך יארן צו זיין טעטיק אויף דעם געזעלשאפטלעכן געביט.

פיטער מ. קאהן, אלס כלל־טוער, איז שטענדיק געשטאנען אין צענטער פון ארבעט בא אלע אידישע אינסטיטוציעס וואס מיר פארמאגן אין לאס אנדזשעלעס. אבער איצט, ווען ער אליין פראווועט זיין 60 יאריקן יובל, מיינען מיר, אז ס'איז שוין צייט ער זאל זיך אנהויבן ארומזען אז 60 יאריקע מענטשן דארפן נאך, ווילן נאך, און קענען נאך לעבן און זיין נוצלעך פאר זיך און פאר דער געזעלשאפט. אבער די יעניגע וועלכע זיינען ארויסגעשטויסן געווארן פון דער עקאנאמישער סטרוקטור און זוכן עפעס אן אנהאלט, זיינען בארעכטיגט צו אונזער הילף. דער אינדוסטריעלער צענטער פאר עלטערע מענטשן פרובירט שאפן א באזע פאר די יעניקע 60 יאריקע מענטשן, וואס זיינען פון דעם שיקזאל אוועקגעשטעלט געווארן אין א זייט . . . קיינער פראוועט זיי ניט קיין יובילייאומס און קיינער ווייסט ניט זייער נויט. און גראד ז י י דארפן האבן די אויפמערקזאמקייט פון אזעלכע ערנסטע כלל־טוער ווי אונזער פיטער מ. קאהן.

נאכאמאל : א גליקלעכע עלטער דעם יובילאר מיט א סך יארן פאר געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, און אויך ניט פארגעסן דעם אינדאסטריעלן צענטער.

אינדאסטריעלער צענטער פאר עלטערע מענטשן,

אליהו טענענהאלץ, פרעז.

פיט — דער טוער

אלס לאנג יעריגער פערזענליכער פריינט און אלס בעאמטער פון אידישן סאציאליסטישן פארבאנד ברענטש אין לאס אנדזשעלעס, איז פאר מיר א ספעציעלער פארגעניגן צו באגריסן אונזער ליבן און געשעצטן גענאסע און פריינט, פיטער מ. קאהן.

גענ. קאהן, כאטש א געוועזענער דיום צאלענדער מיטגליד, איז ער אבער אן אקטיווער נאמען אין דער סאציאליסטישער טעטיקייט וואס מיר פירן אן און איז איינער אויף אונזער צעטל צו וועמען מיר ווענדן זיך אלע מאל פאר הילף אין אונזער ארבעט און ער, ענטפערט אונזער רוף מיט דער גרעסטער חברשאפט.

לאנג לעבן זאל אונזער פיטער קאהן און פארטזעצן די גוטע ארבעט פון ברייננגען באלדיגע הילף צו די וואס נויטיגן זיך אין דעם גלייך, און אנטייל נעמען אין דער באוועגונג וואס העלפט אין דער בויאונג פון א נייע געזעלשאפטליכע ארדנונג פון גלייכהייט, פרייהייט, יושר, דעמאקראטי און גערעכטיקייט.

מיט סאציאל־דעמאקראטישן גרוס,

מייער פינק,

טשערמאן ל. א. ברענטש פון איד. סאצ. פארבאנד.

חבר און פריינט „פיט"!

אונזער הארציקע באגריסונג צו אונזער ליבן חבר און פריינט „פיט". זאל ער נאך לאנג לעבן, קיבעצן אויף זיין שטייגער און אנגיין מיט דער ארבעט לטובת הכלל ווי ער האט עס געטאן ביז איצט.

חבר און חברה,

י. מ. בערקוט

פיט קאַהן, דער געזעלשאַפט־לאַבער טוער
אַ האַרציקע ברכה

אויב עמיצער פאַרדינט אנער־קענונג פאַר זיין געזעלשאַפטליכער טעטיקייט, איז דאָס דער יובילאַר, פּיטער מ. קאהן, שוין צוליב דעם אליין וואָס ער איז ניט דער גע־ווינלאַכער איד פון אַ גאַנץ יאָר, וואס מישט און טומלט זיך אין קהל׳שע ענינים צוליב אַ ביסל כבוד און רעקלאַמען.

פּיט קאהן איז, ערשטענס, אַ איד אַ תלמוד חכם מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון אַלגעמיינעם וויסן. דערצו איז ער אַ בן הרב און איז דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז פון תורה, מדות און מעשים טובים און זיין נטיה צו געזעלשאַפטלא־כער טעטיקייט קומט פון אינער־לאַכן דראַנג צו טאָן גוטעס פאַר זיינע מיטמענשן.

דערפאַר טאַקע טרעט ער אַרויס אַזוי מוטיק און דרייסט אויף די פאַרזאַמלונגען פון אונזערע יהו־דים׳שע פירער, ווען עס האַנדלט זיך אין די אינטערעסן פון די ברייטערע שיכטן פון אונזער היי־גער אידישער קהלה. און אויב אונזערע געשוואוירענע פירער זייי־נען געוואָרן מער דעמאָקראַטיש און אָנשטענדיגער און זיך אָנ־געהויבן רעכענען מיט די מיינונ־גען און פאָדערונגען פון די בריי־טערע אידישע מאַסן פון לאַס אַנדזשעלעס איז דאָס מייסטענס צו פאַרדאַנקען דעם יובילאַר פאַר זיינע געוואָגטע פאָדערונגען און קאַמפּלוסטיקייט פאַר יושר׳דיקע האַנדלונגען.

און אַלס אַזעלכן האָבן אויך מיר, די חברים פון אגודת המורים, שטענדיג אין קאהנ׳ען געפונען אַ טרייען און איבערגעבענעם פריינד, וועלכער איז צו יעדער צייט גרייט אונז העלפן מיט ראַט און טאַט.

אין מיין אייגענעם נאָמען און אין דעם נאָמען פון דער אגודת המורים באַגריס איך נפתלי פּרץ הכהן לכבוד זיין זעכציגסטן גע־בורטסטאָג און ווינש אים ער זאָל מאריך ימים זיין און פאָרזעצן זיין נוצליכע אַרבעט פאַר דעם פרט און כלל.

נ. זוסעוויטש,
פרעזידענט, הגודת המורים

אַ האַרציקע ברכה

אונזערע האַרציקע ברכות צום 60־יעריקן יובילעאום פון חבר פּ. קאהן.

מיר ווינטשן אים לאַנגע יאָרן פון פּרוכטבאַרער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון אידיש־געזעל־שאַפטלאַכן לעבן, באַזונדערס אפן געביט פון זיין אַרבעט, פאַר דעם אַרבעטענדן ארץ ישראל.

איסט סייד חלוצות.
ציפּע וויינער, סעקר.

אונזער מיטקעמפער חבר קאהן

די וועסט סייד חלוצות, אַ גרו־פּע וועלכע פירט אָן אַ כסדרדיקע טעטיקייט צו שאַפן הילף פאַר די חלוצות אין ארץ ישראל, און פאַר־שפּרייטן דעם חלוציזם געדיינק צווישן די ברייטע מאַסן פון אמע־ריקאַנער אידישע פרויען, האָט צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגנ־הייט געפונען אין חבר פּיט קאהן אַ האַרציקן חבר און מיטקעמפער, ווינשן מיר אים נאָך לאַנגע יאָרן פון פּראָדוקטיווער טעטיקייט.

וועסט סייד חלוצות,
טאניא בערקוט, פּרעזיצערן

סאַלוט פון אידישן קולטור קלוב

ל. א. אידישער קולטור קלוב

באַגריסט האַרציק, פּיטער מ. קאהן, דעם אַקטיוון געזעלשאַפט־ליכן טוער צו זיין זעכציקסטן גע־בורטסטאָג און ווינשן אים נאָך אַ סך יאָרן פון אַ פּראָדוקטיוו טע־טיק לעבן.

מיט קולטור גרוס :
ל. א. אידישער קולטור קלוב
י. פרידלאַנד, פּרעזידענט.

יברכך וישמרך

עס איז באמת'ן א גרויסער פארגעניגן און א באזונדערער כבוד צו באגריסן אזא „כהן", וואס האט „יברכך" אונז געבענטשט מיט אזוינע שיינע פאלקס אינ־סטיטוציעס ווי דער סאנאטאריום, דער מושב זקנים און דער מאונט סיני האספיטאל וואו דער פאלקס גייסט הערשט אין יעדער ווינקע־לע.

דאס אליין, איבריק צו אונטער־שטרייכן, וואלט שוין געווען א גרוי־סע פארדינסט פאר אונזער בא־ליבטן יובילאר; אבער מיט דעם האט ער זיך ניט באנוגענט. ער האט אונז אויך מזכה געווען מיט „וישמרך" — פון סאמען ערשטן טאג פון דער גרינדונג פון דיזע פראכטפולע אינסטיטוציעס האט ער געזען, אז דער עכטער פאלקס גייסט זאל אין זיי אפגעהיט ווערן.

און ווייל זיי זיינען, א דאנק אים, אזעלכע שיינע דעמאקראטי־שע אינסטיטוציעס זיינען זיי גע־ווארן ניט בלויז אונזער אייגענער שטאלץ נאר דער שטאלץ פון גאנץ אמעריקע.

ליבער פריינד קאהן, נעמט צו אונזער ברכה, אז איר זאלט נאך האבן א סך לאנגע יאר צו וויד־מענען די טעטיקייטן וואס זיינען אייך ליב און טייער און דערלעבן זען אייערע יוגענט חלומות פאר־ווירקלאכט, — א וועלט א בא־פרייטע, וואו גלייכקייט און ברי־דערלאכקייט זאל הערשן איבער אלעם.

סאוטהערן קאליפארניא
דיסטריקט קאמיטע, א. ר.
יהושע פארבער, סעק.

דער „איקאר" באגריסט דעם יובילאר

ס'איז א פארגעניגן צו באגריסן אונזער פיט קאהן, צו זיין 60 יא־ריקן יובילוי.

דער „איקאר", אלס ארגאניזא־ציע וואס זארגט פאר די אינטע־רעסן פון אידישן פאלק; דער „איקאר", אלס קעמפער קעגן פא־שיזם, אנטיסעמיטיזם און רעאק־ציע, האט אלעמאל געהאלטן דעם יובילאר אלס אן אייגענעם מענטשן. מיר ווייסן אז ער טוט די זעלבע ארבעט, נאר בלויז צוליב זיין אר־בעט אין אלערליי ווינקעלעך פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט האט ער קיין צייט ניט צו נעמען א דירעקטן אנטייל אין אונזער ארגאניזאציע. ווארים אידעאלאגיש איז זיין פלאץ גראד בא אונז, דא, וואו זיין — און אונזער גרויסער לערער דר. חיים זשיטלאווסקי גע־פינט זיך.

אבער ווען נאר עס קומט אונ־טער א „איקאר" יום־טוב, איז ער אלעמאל בא אונז א ליבער גאסט. און מיר ווינשן אים נאך א סך יארן פון געזעלשאפטלעכער אקטיוויטעט, אויף זיין אייגנאר־טיקן אופן.

ל. א. שטאט קאמיטעט פון דעם „איקאר"
מ. לובארטאווסקי, פרעז.
א. קוירטמאן, סעקרעטאר

א סאלוט פון ארבעטער רינג שולן

די א. ר. שול פארוואלטונג און אלע ל. א. ארבעטער רינג שול פאר־איינען, שיקן זייער הארציקע בא־גריסונג צו דעם גרויסן קולטור און געזעלשאפטליכן טוער פיטער קאהן צו זיין 60 יאריגן יובילוי.

די ארבעטער רינג שולן פילן זיך שטאלץ מיט דעם וואס פיטער מ. קאהן איז א מיטגליד אין ארבעטער רינג און איז דער טשערמאן פון יחידים קאמפיין פון די ארבעטער רינג שולן.

אין נאמען פון **אלע שול טוער**, לערער און קינדער פון די שולן ווינשן מיר דעם יובילאר לאנגע יארן פון פרוכטבארער אקטיוויטעט

צענטראלע פארוואלטונג פון די ארבעטער רינג שולן.
י. טילים, פארזיצער,
ס. פאגעל, סעקרעטאר,

באגריסונג

מיר באגריסן אונזער אלטן פריינט פיט צו זיין 60 יאריקן געבורטס טאָג און ווינשן אים נאָך לאנגע יאָרן פּרומצוגיין איבער לאָס אנדזשעלעס און קיבעצן.

פייגעלע און יוסף פאניטץ.

א הארציק וואונש פון א נאָענטן קרוב

א הארציקע באגריסונג צו מיין ליבן פיט, צו זיין זעכציק יאריקן געבורטס טאָג, איך ווינש דיר לאנגע, לאנגע יאָרן פון פרוכטבארער טעטיקייט פאר טובות הכלל.

דיין דר. לעא בלעס.

א אידישע יוניאָן, צו א פריינט פון ארבעטער

עס איז א באקאנטער פאקט אז די יוניאנס פון לאס אנדזשעלעס, און איבערהויפּט די אידישע יוניאנס האָבן דורכגעמאכט גרויסע שוועריקייטן פאר זייער עקזיסטענץ, און כסדר געפירט ביטערע קאמפן מיט זייערע בעלי בתים.

די אידישע בעקערס יוניאן וועלכע האָט די לעצטע 30 יאָר געפירט א ביטערן קאמף פאר דער פארבעסערונג פון דער לאגע פון אירע מיטגלידער, האָט זיך כסדר גענויטיגט אין דרויסנדיקער סימפאטי, און אין דער סימפאטי פון דער היגער עפנטליכקייט. אונזער יובילאר פיט קאהן, איז געווען איינער פון די, וועלכער האָט אונז אלע מאָל פארשטאנען און אונז געהאָלפן מיט אלעם מעגליכעס אין אונזערע קאמפן. פונקט ווי ער האָט עס געטאָן מיט פילע אנדערע ארבעטער און פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס.

ווילן מיר אים דעריבער ווינשן נאָך לאנגע, לאנגע יאר זיך נוצליך צו מאכן פאר געֶרעכטן קאמף פון די אידישע ארבעטער מאסן, און פונם פּראָגרעסיוון געדאנק בכלל.

אידישע בעקערס יוניאָן, לאָקאל 453,

רובין בוראקאָוו, סעקרעטאר.

מזל טוב פיטער קאהן!

פיטער קאהנס געזעלשאפטליכע טעטיקייט, זיין אונערמידלאכע ארבעט פאר אלע אינסטיטוציעס איבערהויפּט פאר די שולן, זיין לעבעדיקע און פריינדלאכע נאטור, זיין חברשע באציאונג צום יחיד ווי צום כלל, האָבן געשאפן ליבע און אכטונג פאר דעם מענשן, האלטן אלע אז פיטער קאהן איז זייערער — אלע גרויסן זיך מיט אים, אלע האָבן אים ליב.

שפּילן מיר די לערער פון די ארבעטער רינג שולן אריין אין דער סימפאָניע פון באגריסונגען און שיקן אונזער הארציקע ברכה דעם יובילאר, ווינשנדיק אים לאנגע יאָר.

לערער ראט פון די ארבעטער רינג שולן.

ה. פיין, ל. מעלצער, מלכה טוזמאן און יעקב וויינסטאָק.

באגריסונג פון דער קאליפאָרניער אידישער שטימע

באגריסט פיט קאהנען צו זיין זעכציג יאריגן יובילעי און ווינשט אים נאָך לאנגע לאנגע יארן פון פרוכטבארער און נוצליכער ארבעט.

עס איז ניטא קיין איין אידישע אינסטיטוציע, אין וועלכער פיט קאהן האָט אויף דעם אדער יענעם אופן ניט נאָר מיטגעהאָלפן צו פונקציאנירן, נאָר געווען אין איר איינער פון אירע פירער און וואָרט זאָגער.

איז עס באמת א פרייד אנטייל נעמען אין דעם יום טוב און צוזאמען מיט דער גרויסער צאָל פריינט זיך אָנשליסן אין דעם יובילעי.

מיט דרך ארץ,

ש. גאָך, ארויסגעבער

י. ראטנשטיין, רעדאקטאר,

ל. האָדאס, געשעפטס פארוואלטער

תלמוד תורה כנגד כלם

צו אלע שבחים און מעשים טו־בים וואס באקרוינען חבר פּיט כהן צו זיין זעכציקסטן יובל־טאָג, גיבן מיר, מיט הארציקסטע ברכות צו — ותלמוד תורה כנגד כלם.

און זאָל ער נאך פילע, פילע יאָרן טעטיג זיין, מיט געזונט און גליק, פאר דער אידישער דערציאונג און פאר כלל ישראל.

דר. ע. ליבמאן

לערער און פארוואלטער פון די אידישע פאָלק און מיטל שולן פון פארבאנד, פועלי־ציון־צ. צ.

רעוואָלוציאָנערער קעמפער

מיט באזונדערע פרייד שיקן מיר אונזער הארציקע באגריסונג צו דעם אייביק יונגן פּיטער מ. קאהן.

מיר ווילן באטאָנען אז איר זייט אונז נאָענט מיט אייער געדעכטן קאמף פאר דעמאָקראטיע אין דעם קאָמיוניטי קאָונסל; מיט אייער שטאָלצן און הארבן ווארט אין דעם סאנאטאָריום באארד; מיט אייער טיפן אינטערעס און הומאני־טארישן געפיל פאר גערעכטיקייט אין דעם מושב זקנים, און מיט אייער מוטיקן אנטיילנעמען און דרייסטער האלטונג אויפן פּיקעט ליין געגן דעם אויסטערלישן נאצי־בונד.

זאָל אייער מוט און גלויבן אנ־האלטן נאך לאנגע יאָר ביז מיר וועלן דערלעבן צו זען אמת'ע פריי־הייט און גלייכהייט פאר אלעמען.

מאָרים ווינטשעווסקי ברענטש 983, א. ר.

א. ראָוויטש, טשערמאן

ד. טשעסלאָוו, סעקרעטאר.

זאָל ער לאַנג לעבן

די פּועלי ציון־צעירי ציון שיקן זייער הארציקסטע באגריסונג צום זעכציג יעריגן יובילייַ פון פּיטער מ. קאהן.

זאָל ער לאנג לעבן און פאָרזעצן זיין גוטע ארבעט אויף די פארשי־דענע געביטן פון אידישן געזעל־שאפטליכן לעבן.

מיר שעצן אפּ מיט גרויס דרך ארץ זיין שטענדיגן אינטערעס צו דער אויפבוי ארבעט פון ארץ ישראל.

מיט אכטונג,

ש. דויטש, סעקרעטאר

אַ סך פרוכטבאַרע יאָרן

די אפיסערס, מיטגלידער, פון אידישן קאָמיוניטי צענטער, די פריינד פון האליוואוד־ווילשייר אבטיילונג שליסן זיך אָן אין די פילע פריינד און פארערער פון פּיטער מ. קאהן און באגריסן אים צו זיין זעכציק־יאריגן יובילעאום.

אבשאצנדיק די פארדינסטן פון יובילאר אלס עסקן און מענטש, ווינשן מיר אים נאך א סך פרוכט־בארע און שעפערישע יאָרן.

האליוואוד־ווילשייר אידישער קאמיוניטי סענטער

אַ ווארים וואָרט

מיט אמת'ע ליבע און פריינט־שאפט באגרים איך מיין פריינט פּ. קאהן צו זיין זעכציק יאָריקן גע־בוירנטאָג און ווינטש אים יאָרן גע־זונטע און פרוכטבארע אף די גע־ביטן פון טעטיקייט וואָס זיינען אזוי נאָענט צו זיין נשמה.

שמואל דאָמניץ.

ענגלישע אבטיילונג

JEWISH SECTION

Необходимо . . . Необходимо . . . Необходимо . . . —На днях только в разговор наш с ним «важной сессии в Пинокол» как то просто, без затей Пит разрешил один из самых острых вопросов нашего времени:

Беженцу из проклятой Германии, добравшемуся до Мексико по пути к брату в Лос Анжелес, отказано в визе в Америку . . . Брат является почти в 11 часов ночи к Питу за советом и помощью . . .

Пит не дает возможности разростаться истории—и так мягко, так невзначай, так просто, отложив карты в сторону, отвечает на волнующий вопрос—что же делать? «Зачем вы так волнуетесь, успокойте брата, я завтра же вышлю ему личный афидевит, снесусь телеграммой с Амер. Консулом, и в конце недели ваш брат будет с вами».

Кровь залила лицо просителя, готового в ноги упасть благодетелю . . . а Пит . . . подбирая карты выкладывает «80 королей», приглашая посетителя покибитцовать . . .

Это Пит . . .

«Зачем юбилей, почему юбилей, за что юбилей»?

«Что я такое делаю чтобы меня чествовали и в особенности в такое страшное для нас евреев время»? !

«Эх молодость . . . Когда я сознательно рискуя жизнью каждую минуту, делал дело—да разве можно сопоставить мое «Тогда» и «Теперь»? !»

Теперь я делаю то, что **должен** делать **каждый** . . . а тогда . . .

«Ну тасуйте же, что вы смотрите? Сдавайте же карты, ваша очередь! Я не могу сидеть целую ночь с вами—завтра я должен рано вставать—митинг национального фонда . . .

Питу минуло 60 лет. Из них 45 лет общественной деятельности во всех ея видах и направлениях. Долголетняя деятельность такого человека должна быть отмечена—и я с радостью присоединяю свои пожелания вам, дорогой друг Пит, к пожеланием ваших друзей без числа, чтобы энергия ваша не изсякала еще долгие, долгие годы!

Где трудно дышется
Где горе слышится
Пит первый там . . .

братский привет. Шестьдесят лет жизни, сорок лет напряженной работы и борьбы — знаменательной рубеж индивидуальной жизни. За ним идет самая глубокая, заключительная, итоговая ее глава. Она будет написана на фоне эпохи, чреватой новыми великими сдвигами, испытаниями, битвами и землетрясениями. Чтобы не быть раздавленным железной поступью событий, человек должен быть проникнуть высоко - мужественным миросозерцанием и мироощущением. Его обрел нам юбиляр в социально-революционной идеологии, сочетающей строгий реализм анализа действительности с идеалистическим гуманизмом целей и с конструктивным динамизмом методов работы. Оно укрепило его способность с честью и достоинством дойти до рубежа, за которым идет самый глубокий-итоговый период нашего бытия. Оно обеспечило ему верность лучшим порывом юности, сказавшей ему: hic signo vincis!

Леонид Снегов.

ШТРИХИ . . .

«Где трудно дышется
Где горе слышится
Будь первый там».

Когда я сел за стол, чтобы написать несколько слов на память моему другу юбиляру Петер М. Кану, мне на память пришла парафраза эта. Кто сказал это не помню к сожалению,—одно знаю твердо: за несколько лет моего знакомство с юбиляром, я убедился что есть еще люди, которые эту парафразу применяют в жизни ежедневно.

Не было еще ни одного случая когда бы я не позвонил по телефону или встретился с Питом, он не стал бы рассказывать мне о том, что он невероятно занят—«сегодня необходимо поехать на такое то собрание,—завтра явиться посредником между спорящими сторонами рабочих и работодателей,— . . . Необходимо наладить похороны такого то . . . Необходимо позаботиться о вдовах и сиротах, оставшиеся без средств к существованию . . . Необходимо поехать в дом инвалидв . . . Необходимо торопиться с постройкой нового госпиталя . . .

И снова, и снова приходится задуматься и вернуться к мысли о том, что со времени мировой войны мы стоим под знаком универсального кризиса всей нашей цивилизации.

Машинизм и автоматизм—материалистические божества современности—выросли в сверхчеловеческие массивы, перед которыми жалок и ничтожен, словно карлик, сам их создатель-человек. И этому карлику приходится быть Антеем—сдерживать на своих плечах всю их несметную тяжесть. Обездушение нашей цивилизации грозит духовным убийством личности с ее инициативой и творческой свободой. Фашизм движет дело этого обездушения систематически, планомерно и неумолимо. Наши отцы ждали, что банкротство частно-капиталистического строя фатально ведет во владение вымороченным имуществом—социализм. И вот, между ними втерся «некто в коричневом». Некто Третий, соединивший черты обоих в уродливом сочетании. Некто, смахивающий на апокалиптического «зверя».

Бряд ли можно найти во всей мировой истории поколение которому суждено было увидеть столько грозных импровизаций Истории, столько пережить, переиспытать, перечувствовать и передумать.

Военным чинам армии во время особенно трудных боевых кампаний принято засчитывать каждый месяц службы—за год. Не вправе ли мы, люди брошенного в такой водоворот событий поколение, сказать, что мы пережили в нашей жизни не одну, а несколько жизней?

Счастье наше, что в период мирового предгрозья мы успели закалится, облечься в прочную моральную броню, от которой отскакивает столько ударов!

Наш дорогой юбиляр, с жизненными путями которого однажды уже пересеклись, а может быть и еще раз пересекуться когда нибудь мои жизненные пути, есть дитя нашего значительного времени. Он не утратил той духовной свежести, которая неразлучна с полнотой обладания всеми своими удивительными в равновесии рессурсами. Я поздравляю его от всего сердца. Я, только что на горьком опыте изведавший непрочность захлестываемых мировым фашизмом плотин, за которыми надеялись укрыться островки демократии в Европе, — шлю ему «с другого берега» свой дружеский, свой

Именно там, откуда как будто следовало ждать восхода солнца социального возрождения, именно в странах, где действовал ведущий авангард, самого передового социального движения, на наших гдазах выросло и раздавило его новое чудовище, капиталистически - стяжательное по духу, квази-социалистическое по формам организации: чудовище тоталитарного государства с неумолимо-концентрированной, строжайше-оформленной национально-государственной авторнией; не только социалистически—замаскированный все—капитализм, не то капиталистически — переродившийся и выродившийся псевдо-социализм; с форсированным государственным накоплением за счет беспощадного выкачивания ресурсов из казарменно нивемчируемого государством-Левиафаном населения; с обращением избытка национальной производственной энергией в военное хозяйство, в расширение границ автарным, в обострение всех лицовых антагонизмов; строй, в апогее своего развития дающий звериную оргию человеконенавистнического, человеко-убийственного, одичалого **расизма!** И если старый деспотизм заковывал наши тела, то новый замахнулся бесконечно дальше: он покушается заковать наши души, фабриковать, всеми силами современной техники, по казенному шаблону наши мысли и чувства, превращая в государственную монополию все производство и все распространение духовных и культурных ценностей.

Мировой фашизм оказывается эпидемически-заразительным. Даже крайние враги его гипнотизированы его успехами и под тем предлогом, что клин клином вышибают, готовы учиться у него, словно в припадках какой то коллективной мимикрии. Других успехи его ошеломляют и парализуют. «Великие демократии» европейского запада последовательно капитулируют перед ним, в поисках способов добрососедского сожительства; в страхе перед разделением мира на «идеологические блоки» они возводят в принцип действие в разброд, тактику сепаратного мира, который всегда оказывается миром за чей нибудь счет: горе неудачникам! Демократия Америки извнутри парализуется упорным изоляционизмом: как будто в наш век стремительного роста власти человечества над временем, пространством и материей можно от мировой заразы отсидеться под прикрытием океанов!

